פֿאַרלאַג
מענדעלע
וואַרשע

# אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

## דריטער באַנד

נײ״ע פערבעסערטע אויסגאַבע

פערקויף: געזעלשאַפט „צענטראַל", ווארשא, נאָוואָליפּקי 7

1928

אַלע ווערק פון מענדעלע מוכר־ספרים

(ש. י. אבראמאָוויץ)

# פישקע דער קרומער

פערלאג „מענדעלע", ווארשא.

1928

3

1941:1267

76 055

i 49765905

Copyright by S. Sreberk NEW-YORK U. S. A. 1927

Printed in Poland

Zakl. Graf. „Stereotyp" Warszawa Nowolipki 7.

# „פישקע דער קרומער"

„פישקע דער קרומער" איז צום ערשטען מאָהל ארויסגעגעבן געוואָרן דורך מענדעלע־מוכר־ספרים אין זשיטאמיר, אין 1869, גלייכצייטיג מיט דער „מאַקסע". דורך דער צענזור איז דאָס ביכעל דערלויבט געוואָרען אין 1868. אין זיינע „רשימות לתולדותי", געדרוקט צוערשט אין נ. סאָקאָלאָוו'ס „ספר הזכרון" 1889 (אין יודישער איבערזעצונג— אין באַנד XX פון דער איצטיגער אויסגאַבע) גיט מענדעלע אָן דאָס בוך מיט דעם פאָלגענדיגען צושריפט: „א מעשה פון יודישע אָרימע לייט, און איצט האָב איך עס איבערגעמאַכט פאַר א ניי בעשעפעניש, און ס'וועט זיין דאָס ערשטע בוך פון אַלע מיינע ווערק אין דער נייער אויסגאבע, וואָס וועט בקרוב ערשיינען".

אין דער ערשטער אויסגאַבע איז „פישקע דער קרומער" געווען גאָר אַ קליין ביכעל, פון קוים 45 קליינע זייטעלעך. „אין דעם דאָזיגען קוים־אָנדערהאַלבען בויגענדיגען ביכעלע—שרייבט ש. ניגער — ליגט שוין, ווי א בלום אין איר קנאָספּ, איינגעוויקעלט דער גאַנצער שפּעטערדיגער פמעט־צוועלף בויגענדיגער ראָמאַן" 1).

דער צ ו ו י י ט ע ר וואריאנט איז—לויט ש. ניגער—בעשאַפען געוואָרען נישט שפּעטער ווי אין יאָר 1876, און איז, משמעות, נישט געדרוקט געווען, ווייל איז צוגעשטעלט געוואָרען דער צענזור. מענדעלע

1) ש. ניגער—א בלאט מענדעלע „קונסט־רינג II, כארקאָוו 1919, איבערגעדרוקט דערנאָך אין בערלין 1923, ז"ז 166—186.

האָט נערעכענט עס צו דרוקען. אין אָט דעם וואריאנט זענען געמאַכט געוואָרען גאָר געוויסע ענדערונגען, אַ רייה שפּראַך־אויסבעסערונגען און אויך דער אינהאַלט איז אין עטלעכע ערטער געענדערט געוואָרען: אייניגע שטעלען—אויסגעמעקט, אַנדערע—צוגעגעבען, אייניגע—געענדערט.

דער דריטער, און לעצטער, יודישער וואריאנט איז, ווי מענדעלע אַליין זאָגט, גאָר אַ נייע בעשעפעניש. עס איז די אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען אין 1888 אין אָדעס, 20 יאָהר נאָכ׳ן דערשיינען פון דעם ערשטען קליינעם ביכעלע. „פישקע דער קרומער" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך א. ווארשאוויער מיט אַ געצייכענטען שער־בלאַט פון ס. קישינעוועקי—מענדעלע מוכר ספרים מיט זיין פערד און בויד, און אויפן שער־בלאט דער אויפשריפט—אַלע כתבים—מענדעלע מוכר ספרים, אָבגעדרוקט ביכערווייז, כסדר, איינס נאָך דאָס אַנדערע. דאָס ערשטע בוך—פישקע דער קרומער 2).

דער פערטער וואריאנט איז די העברעאישע איבערזעצונג, געמאַכט אַליין דורך מענדעלען (אונטער׳ן נאָמען „ספר הקבצנים"), וואָס איז דערשינען אין אָדעס אין 1913.

דער אינהאַלט פונ׳ם העברעאישען נוסח אונטערשיידט זיך פונ׳ם יודישען נאָר אין גאָר קליינע פרטים, סטיליסטיש אָבער איז עס גאָר אַ נייע שאַפונג. מענדעלע האָט יעדע פראַגע נישט איבערגעזעצט, נאָר איבערגעדיכטעט, צוגעגעבען דעם גאַנצען טעם און חן פון מענדעלע׳ס ספּעציעלען פעריודישטען העברעאיש.

די אַלע שפּעטערדיגע אויפלאַגעס פונ׳ם יודישען „פישקע דער קרומער" זענען אַלזאָ איבערגעדרוקט אָן קיינע שינויים פון דער צווייטער אויסגאַבע (לויט׳ן חשבון—דריטען וואריאנט), נאָר אין דער ווענדונג צו מנשה מרגולית זענען פון דער יובליי־אויסגאַבע (יאָהר 1907) אַן אריין אַ פּאָר קליינע ענדערונגען.

---

אין „פישקע דער קרומער" שילדערט מענדעלע דאָס לעבען פון די יודישע אָרימע לייט, וואָס ער האָט קענען געלערענט נאָך גאָר אין דער יוגענד, בעת ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אברהם׳לען

---

2) די רעפּראָדוקציע פונ׳ם שער-בלאַט ווערט צוגעגעבען צו דעם בוך.



דעם הינקעדיגען. ווי מענדעלע׳ס נאָענטע פריינד און ביאָגראַפען דערציילען, האָט מענדעלע בעזונדערס געפּאָרשט דאָס לעבען פון די יודישע קבצנים אין דער שטאָט באַרדיטשעוו, „וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען יודישע בעטלער פון דער גאַרער וועלט און פון אַלערליי מינים: פוס אָרימע־לייט און בויד אָרימע־לייט, שטאָדט אָרימע־לייט און פעלד אָרימע־לייט. ער פלעגט אָנשפּאַרען אַליין אין זייערע פּאַרוואָרפענע אכסניות, ליב האָבען אויספרעגען זיי פון אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי אין זייער משונה׳דיגער וועלט" 3). אָפטמאָל איז איהם אפילו אויסגעקומען צו זיין אַ שופט ביי זיי, אויסגלייכען זייערע סכסוכים.— —

שוין אינ׳ם אַרטיקעל פון דוד פרישמאַן, גלייך נאָכ׳ן דערשיינען פון דער אויסגאַבע פון 1888, איז מער־וועניגער ריכטיג אויפגעכאַפּט געוואָרען די בעדייטונג פון מענדעלע׳ס שאַפען און דער ווערט פון „פישקע דער קרומער". ד. פרישמאַן שרייבט צווישען אַנדערע: „פישקע דער קרומער" איז נישט אַ ווערק, וואָס האָט זיך אַרויסגעגאָסען פונ׳ם צאַפּען אין איין גוס. מענדעלע האָט נייגטהאַלבען בויגען צו־דערצעהלט, צו־געמאַכט, צו־געטשעפּעט, צו־געטראַכט, צו־געפילאָזאָפירט... מענדעלע מוכר ספרים איז נישט קיין מעשה־דערצעהלער, ער איז אָבער אַ מייסטער מיט אַ פּאָר גוטע אויגען און אַ פּאָר גוטע אויערען, און ער זעהט און ער הערט אַלצדינג. זיינע שטיקלעך זענען קולטור־היסטאָריע... זיין בוך האָט איבער דעם נישט דעם ווערט פון איין דערצעהלונג, וואָס איז געשריבען לויט די ריכטיגע דינים פון איין דערצעהלונג, און נאָר דעם ווערט פון קולטור־בילדער און כאַראַקטער־שילדערונגען, אָבער אויך דער אופן פון זיין שרייבען האָט אַ בעזונדערען ווערט, דען ער פערשטעהט שעהן און אָנגענעם, וויציק און גייסטרייך צו שרייבען". 4)

„און אויס דעם גאַנצען שרייבען, עס מעג זיין נאָך אַזוי סאַ-

---

3) י׳ ח ראַחניצקי—ביאָגראַפיע, אַלע ווערק פון מענדעלע מו״ס ב. 1 ז׳ XXXIV אויך אין „השלח", כרך ל״ד, ז. 27,

4) דוד פרישמאַן, באַנד III, ז: 177, 185, דער אַרטיקעל איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1889.

טיריש און נאָך אזוי וויציק, קלינגט אַרויס דער טרויעריגער ניגון, וואָס זינגט זיך איהם אין הארצען, איבער דעם אונגליק און עלענד פון זיין פאָלק. מענדעלע זאָגט פון זיך אין זיין הקדמה: „מיר חלום׳ט זיך נאָר בעטלער ו[illegible]“, וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען—זעה איך פאַר מיר די טאָרבע וכו׳, און אַלץ די טאָרבע, די יודישע טאָרבע!...“

רעדענדיג מיט העכער 20 יאָהר שפּעטער וועגען „פישקע דער קרומער“ (אין יאָהר 1910) שרייבט, אגב, דוד פרישמאַן: „אַלס ספּור־המעשה פאַר זיך איז „פישקע“ שוין אַ ביסעל צו איינפאַך. בכלל צייכענט זיך דאָך מענדעלע נישט אויס אַלס מעשה־שרייבער מיט פערוויקעלטע און פערציקעלטע געשעהענישען; על פּי רוב האָבען מיר אין זיינע מעשיות קיין שום „האנדלונג“ נישט, און זיי זענען אזוי איינפאַך, אז ווען אַן אַנדערער זאָל קומען, וועלכער בעזיצט נישט דעם טאַלענט פון מענדעלע, וועט ער גאָרנישט וויסען, וואָס מיט דעם דאָזיגען שטאָף אָנצוהויבען. אייגענטליך, געפינסט דו דאָרט גאָרנישט דאָס, וואָס מען רופט „קאָמפּאָזיציע“, און געפינסט נאָר אַ צונויפשטעלונג פון בעזונדערע מעשה׳לעך, שטיקלעך, עפּיזאָדען, בעטראַכטונגען, נאַטור־שילדערונגען און וואונדערשעהנע שטעלען... דאָס קליינע מעשה׳לע מיט פישקע דעם קרומען, דאַכט זיך, איז ביי מענדעלע־מוכר־ספרים גאָרנישט דער עיקר; דער עיקר איז די גאַנצע סביבה: דאָס לעבען פון יודישע אָרימע־לייט, וועלכע געהען איבער די הייזער, שנאָרען—אַ בילה, וועלכעס נעמט אָן ביי דער נשמה...

אין דער דאָזיגער דערצעהלונג האָט אונז מענדעלע צום ערשטען מאָהל געוויזען, ווי ווייט זיין קראַפט גרייכט אַלס מאַלער און צייכנער און דיכטער, בשעת ער קומט אונז דערצעהלען דאָס אונגליק פון זיין פאָלק. דער שרעקליכער דלות פון אַ גאַנצע אומה פייפט אונז אַקעגען פון יעדען ווינקעלע—אַן אומה, וועלכע טרינקט זיך און זינקט זיך אין אַ ים פון צרות, די צרות פון קבצנות, און דער דיכטער רייסט פון איהר פּאַסעס פּלייש לעבעדיגערהייד דורך זיין ביטערסטען שפּאָט“[5].

5) ד. פרישמאַן, באַנד IV ז. 113—143.



„פישקע דער קרומער“ איז פון מענדעלע׳ס אינטערעסאַנטסטע און רייכסטע ווערק. אין אָט דעם ווערק שפּיגלען זיך אָב די וואונדערבאַרע אייגענשאַפטען פון מענדעלע דעם אייגענאַרטיגסטען יודישען קינסטלער. דאָס צופעליגע און עיקר׳דיגע, די זייטען־וועגען און דער ברייטער וועג פלעכטען זיך דאָ ביי מענדעלען קונציג. „מענדעלע — שרייבט יעקב פיכמאַן וועגען „פישקע דער קרומער“ — איז אַן עפּיקער, ביי וועלכען דאָס געוועהנליכע און אונגעוועהנליכע זענען גלייך נאַטירליך, ווייל דאָס, וואָס טרעפט זיך אַלע טאָג, און דאָס, וואָס— איין מאָהל אין טויזענד יאָהר, זענען ביי איהם גלייך וויכטיג. ביים עכטען עפּיקער ווערט אויך דאָס פאַנטאַסטישע—ווירקליכקייט, ווייל אין זיין בעוואונדערונג און פרייד איבער אַלעם ווערט אויך די גרויסע לעגענדע פערוואַנדעלט אין אַלטעגליכע מעגליכקייט...

... די עפּישע איינהייט פון דעם צופעליגען געפינען מיר אין די גרויסע קינסטלערישע ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים. זי איז שוין שאַרף אויסגעדריקט אין „פישקע דעם קרומען“—אין דער מאָלערישער זאַמלונג פון סטעפּ־פּייזאַזשען, דאָרף־בילדער און אומגעריכטע בעגעגענישען, בעשרייבונגען, ערצעהלונגען און אותות ומופתים, וואָס געהען דורך פאַר אונז פערפּלאָנטערט און פערדרעהט, אָהן אַ שום אויסערליכען פּלאַן, כמעט אָהן אַ פאַבול, און דאָך אינערליך עפּיס פעראייניקט און פול מיט האַרמאָניע. איהר פרעגט נישט דעם קינסטלער, וואוהין ער פיהרט אייך, וואָס איז ער אייך אויסען צו דערצעהלען, נאָר איהר געהט איהם נאָך אַ בעצויבערטער פון גאָט׳ס וועלט איבער פעלדער און וועלדער, איבער דערפער און וועגען און קלויבט נחת פון אַלסדינג, וואָס איר באַגעגענט—זאָל עס זיין אַן אַלטער יקנה״ז, אָט דער גלות׳דיג דערשלאָגענער יוד מיט׳ן שווערען האַרץ און מיט די פעראומערטע געדאַנקען וועגען זיינע שלעכטע געשעפטען און דערוואַקסענע טאָכטער, דער יוד, וואָס קאָן שוין גאָרנישט בעגרייפען, ווי האָט עס אַ יוד הנאה פון גאָט׳ס שעהנער וועלט. נאָר וואָס ווערט אונז אַלץ נעהנטער און ליבער, וואָס מעהרער ער דערצעהלט וועגען זיינע שלימזל׳דיגע, לעכערליכע געשעפטען; זאָל עס זיין ר׳ מענדעלע אַליין, אָט דער גאָלדענער טיפּ פון דעם גלות׳דיגען און פרייען יודען צוזאַמען, וואָס פערשטעהט אַלסדינג און נעהמט אָהן אַלעס

פאר ליעב און איז זיך שטענדיג פארטיג אָנצוגעהמען אַן אַגדערענס קריוודע און איז פאָרט גרייט זיך איבערצובעטען מיט'ן רבונו של עולם פאר אַ מינדסט ליעב ווינטעלע אין אַ הייסען טאָג, פאר אַ שטעקענדיג גרעזעלע, וואָס דערקוויקט די נשמה"... 6)

„פישקע דער קרומער"—זאָגט בעל־מחשבות – איז דאָס בוך פון דער פעראַבטונג צו דער יודישער מאַסע... אין „פישקע דעם קרומען" שילדערט אונז אבראַמאָוויטש די גשמישע וועלט פון דער יודישער מאַסע... „פישקע דער קרומער" לייענט זיך ווי אַ משל, ווי אַ צוגלייכעניש צו דער יודישער אָרימקייט בכלל... ער מאָלט אונז דעם יודישען כלל אין דער געשטאַלט פון אַ מחנה בעטלערס און שלעפערס... הינטער דער דערצעהלונג פון „פישקע" זעהען מיר ארויסשיינען די גרויסאַרטיגע בנינים, וואָס עס האָט זיך געבויט אַן עדה קבצנים, מיר זעהען דעם יודישען הקדש, די יודישע באָד, די פארצייטיגע יודישע קרעטשמע...

קיינער האָט נישט אַזוי קלאָר אונז געשילדערט אָט די פערצייטיגע יסודות—דעם יודישען כלל־לעבען ווי אבראַמאָוויטש. און דער קינפטיגער היסטאָריקער פון דער יודישער מאַסע אין רוסלאַנד וועט זיך נישט גענוג אָבדאַנקען פאר די זייטען (31—36, 52 -54, 103 -106) אין „פישקען", וואו אַבראַמאָוויטש מאָהלט אונז מיט אַן עפישער רוהיגקייט פון אַ סאַטירישען האָטער דעם הקדש, די באָד און די יודישע קרעטשמע". 7)

נ. מ

6) יעקב פיכמאַן–אלע ווערק פון מענדעלע מו"ס „קריטיק", ז' 168—165.

7) בעל־מחשבות—געקליבענע שריפטען, ב, 1 ז, 55—59.



# פישקע דער קרומער

מיין ליעבען, טייערען פריינד

# מנשה מרגלית

ברענגט דעם דאָזיגען ספר במתנה פונ׳ם גאנצען הארצען

דער מחבר.

## טייערער פריינד!

טרויעריג איז מיין ניגון אין דער קאפּעלע פון דער יודישער ליטעראַטור. אין מיינע חבורים ליגט אויסגעדריקט אַ יוד מיט די פּיינער, וואָס ווען ער זינגט אפילו אַ מאָל אַפרעהליכס, דאכט זיך גאָר אוים פונדערוויטענס, עפּיס קלאָגט ער, פאַרגעהט זיך וויינענדיג. אין זיינע זמירות הערט זיך עפּיס אַ אומעטיגער שטייגער פון איכות; לאַכט ער, שטעהען איהם אין די אויגען טרערען, וויל ער אַ ביסעל לוסטיג זיין, רייסט זיך איהם דערביי טיעף פונ׳ם הארצען אַ ביטערער זיפץ—און תמיד אַלץ אוי וועה, וועה-געשריגען!...

איך רעד מיך חלילה נישט אַ ן מיט גדלות, אז איך בין אַ סאָלאָווי אין אונזער יודישער ליטעראַטור, נאָר אין איין זאַך אָבער בין איך אין איהם יאָ שטאַרק געראָטען, דער דאָזיגער מרה-שחורה׳דיגער משורר פון די פייגעל שפּיעלט זיינע נגונים און צוגיסט זיך

אין אומעטיגע שטייגער דוקא נאָר אין וועסנע־צייט, ווען די גאַנצע וועלט איז ווי ניי געבוירען, ווען עס בליהט, עס שמעקט מחיה אומעטום, עס שיינט, עס לויכט און איטליכען איז פרעהליך אויפ'ן האַרצען.

מיר ביידע, טייערער פריינד, האָבען אָנגעהויבען אונזער אַרבייט אין דער יודישער ליטעראַטור פונקט אין דער וועסנע־צייט פונ'ם יודישען לעבען דאָ ביי אונז און לאַנד. פונ'ם זעכציגסטען יאָהר אין אונזער צייט, הויבט זיך פאַר יודען אָן גאָר אַ ניי לעבען — אַ לעבען פוין מיט אַ גרינגער נעשימה, פול מיט גוטע האָפנונגען אויף שפּעטער. דענסטמאָל זענען מיר געווען ביידע נאָך זעהר יונג און האָבען מיט אַ ברען זיך אַ נעהם געטאָן צו דער פען, געאַרבייט געשמאַק, איטליכער אויף זיין גאַנג, דער עולם האָט פון אייער שרייבען געלעקט די פינגער, נאָר אָנגעקוואָלען הערענדיג, ווי אַזוי איהר רעדט צוקער־זיס איבער פיעל וויכטיגע זאַכען אין דעם יודישען לעבען; ווי אַזוי איהר זענט אויף יודען אַ מליץ יושר און לערענט זיי מיט גוטען, גאַנץ פריינדליך, צו קענען זיך אַליין, צו וויסען פון זייער לעבען צו זאָגען, אַ פּנים צו האָבען און זיין לייטען גלייך. עס האָבען אייך אויס דעם מויל זיך געשאָטען פּערעל, וואָס פינקלען, לויכטען און וועלען אייביג זיין אַ צירונג אין דער יודישער ליטעראַטור. איך פון מיין זייט האָב אין יענער פרעהליכער וועסנע־צייט מיר אויך אונטערגעברומט, געשריבען, געשפּילט אויף מיין שטייגער. אין מיין שפּילען האָט געוועהנטליך איין סטרונע געברומט טרויעריג און געמאַכט אויף די צוהערער אַ שטיקעל מרה־שחורה. אַ טייל האָבען מיך געהערט גערן מיט אַ פערקלעהמט האַרץ, ווידער אַ טייל האָבען זיך געקרימט, משונה זיך געקראַצט. נישט צופרידען געווען, וואָס איך ריהר זיי אָן ביי דער לעבער און דערמאָן זיי נישט קיין פרעהליכע זאַכען נאָר. ווי די מעשה איז, איך האָב מיר געשפּילט און געטאָן מיינס.

יענע שענע וועסנע־צייט איז אוועק. אַז אַך און וועה איז דעם ווערנס לעבען! און מיר איז פאַר צרות פערגאַנגען דער חשק צו שרייבען. עס האָט מיר אַ צייט לאַנג אבגענומען דאָס לשון.





און ווען איך נעהם אַצינד אָפּיר מיין פערדאַרטע, פערטריקענטע פען און גיה ווידער מיט דער שפּראַכע אַרויס, האָב איך עס צו פערדאַנקען אייך, נאָר אייך, וואָס אין אייער געזעלשאַפט איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט. אייערע קלוגע רייד, אייער אַרבייטען שטענדיג פאַר אונזער פאָלק האָבען מיך דערפרישט און מיר צוגעגעבען חשק צונעהמען זיך אויך פאַר עפּיס אַן אַרבייט. פון הייליגען פייער, וואָס ברענט תמיד אין אייער יודיש האַרץ, האָט זיך פערטראָגען אַ פונק צו מיר אין מיין האַרץ, עס האָט זיך אָנגעצונדען און ברענט אַצינד ווי אַ מאָל אין די יונגע יאָהרען.

יאָ, מיר ביידע האָבען אָנגעהויבען אונזער אַרבייט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאָר דאָס מזל אונזערס איז ניט גלייך; איהר זייט דאָרט אַרויף אויבען, אין די הויכע פענסטער; איהר האַנדעלט דאָרט מיט בריליאַנטען און דימאַנטען פון דער יודישער היסטאָריע; איהר שטעלט אַרויס די שענסטע צירונג פון אונזער פאָלק פאַרצייטענס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבען, איהר האָט איבערגעהאַט עסקים מיט הלל, רבי מאיר, רבי עקיבה און מיט נאָך אַנדערע גרויסע לייט, מיוחסים פון הויכען סאָרט מענשען — מיר אַקעגען איז בעשעהרט געווען זיך אַראָבצולאָזען אויפ'ן נידעריגען טרעפּעל פון יודישען לעבען אונטען אין די קעלערס. מיין „יש־בכאן" איז: שמאַטעס און פוילע סחורה. איך האָב נאָר שטענדיג צו טאָן מיט אביונים, קבצנים, אומגליקליכע נעבעך; אויך מיט מענשעלעך דראַבעס, פּאַקוסניקעס וכדומה אַזעלכע מיני נפשות, קלייניטשקע, נידעריגע פאַרשוינען. טאָ־הלומ'ט זיך נאָר בעטלערס. פאַר מיינע אויגען שוועבט תמיד אַ טאָרבע — די אַלטע, גרויסע יודישע טאָרבע הענגט מיר תמיד, ווי יענעם מרה־שחורה'ניק אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אָפּיר די טאָרבע....

אוי, אַלץ די טאָרבע, די יודישע טאָרבע!

יאָ, טייערער פריינד, דורך אייך האָב איך בעקומען ווידער אַ ברען צום שרייבען — און אָט האָט איהר אייך היינט, בעוונותינו-הרבים, טאַקי ווידער אַ טאָרבע: אַ פישקע דעם קרומען, משטיינס-געזאָגט, מיט וועלכען איך טרעט אַרויס פאַר דעם עולם, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט שטילשווייגען. איך ווייס, אַז מיין פישקע דער קרומער איז עפּיס נישט אַזאַ מתנה אויף אָבצודאַנקען אייך מיט איהם פאַר אייער פריינדשאַפט, נאָר וויסענדיג ביי מיר אייער גוט האַרץ, אייער צוגעלאָזטקייט צו מענשען, פעדהאָף איך, אַז איהר וועט מיין אָרעמען פישקען אויפנעהמען מיט „אַ ברוך-הבא”. זעהר מעגליך גאָר, איהר זאָלט איהם נאָך אַ ריינבעטען אין זאַל אַריין, איהם בעקענען מיט אייער הויזגעזינד און מיט אייערע געסט דאָרט. פישקע וועט זיך ביי אייך אָבלעגען מיט דער טאָרבע, אייך דערצעהלען מעשיות, און איהר וועט פון זיי הנאה האָבען. און פאָרשטעלענדיג זיך אַזוינס, שמייכעלט פאַר פרייד און דאַנק אייך פון גאַנצען האַרצען.

**דער מחבר**

# א

קוים ניט אַ שיין די ליכטיגע זון און זומער-לעב אין דעם לאַנד, מענשען ווערען ווי ניי געבוירען און דאָס האַרץ פרעהט זיך זיי, קוקענדיג אויף גאָטס וועלט דער שענער, — דענסטמאָל הויבט ביי יודען זיך אָן די רעכטע אומעטיגע צייט, צו קלאָגען און פערגיסען טרעהרען. עס נעהמט דאָס גאַנצע צעטעל טרויער: תעניתים, פייניגען זיך, יאָמער און געוויין פון ספירה ביז העט אין די גרויסע בלאָטעס און נאַסע אָסענדיגע קעלט. דענסטמאָל שטעלט זיך פאַר מיר, מענדעל מוכר-ספרים, דער גרויסער יריד, איך אַרבייט, פאָהר בעשטענדיג אַרום, צו פערזאָרגען יודישע קינדער אין אַלע שטעדטלעך מיט די אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען צום וויינען מיט קינות, מיט סליחות, ווייבערשע תחנות, מענה-לשונ'ס, שופרות און מחזורים. הכלל, יודען קלאָגען, פערוויינען דעם זומער — און איך מאַך דערוויל געשעפטען. נישט דאָס בין איך אויסען.

אונטערוועגענס איינמאָל, שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פריה, זיץ איך מיר אויף דער קעלניע פון מיין ביידעל אין טלית און תפילין מיט דער בייטש אין דער האַנד, גאַנץ יודישליך. די אויגען זענען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקען ביים דאַווענען די ליכטיגע וועלט. מעשה-שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער-שען, נאָר אַ בילד. און עס האָט מיך געצויגען, עפּיס ווי אַ כשוף, אַ קוק צו טאָן. איך האָב אַ היבשע צייט מיך געראַנגעל מיט מיר אַליין. דער יצר-טוב זאָגט: פע!... מען טהאָר נישט!” דער יצר-הרע אקעגען טאַרעט: „נישקשה! האָב הנאה, נאַרעלע!” און

עפענט מיר דערביי מאַקי אויף איין אויג. עס טהוט מיר אַ שיין, נאַחי אויף צו להכעיס, עפּיס אַ בילד־שענע פּאַנאָראַמע: פעלדער געשפּריינקעלט מיט בליהענדע רעטשקע ווייס ווי שניי, נעבען געלב־גילדענע ראַצעמאַרענע פּאַסען פון ווייץ און מאַט־גרינליכע, הויך געוואַקסענע קוקורוזעס; אַ שענער גרינער טאָל, בעדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדלעך ניס־ביימער; אונטען פלייצט אַ טייכעל, ריין, קלאָר ווי קריסטאָל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראַהלען פון דער זון און בעלעגען עס מיט פינקעלדיגע גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קיה אויף דער פּאַשע דאָרט זעהען פונדערווייטענס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פינטעלעך. — „פע, פע! — מוסר'ט מיך דער יצר־טוב מיט יענע ווערטער פונ'ם פרק: אַ יוד אונטערוועגענס אַז ער איז מפסיק דאָס לערנען און זאָגט „ווי שען דער בוים איז, ווי שען דאָס פעלד, איז גלייך ווי ער טהוט זיך אַליין אַ מעשה אָן". — דער יצר־הרע אָבער פערטראָגט מיר אונטער דער נאָז מחיה'דיגע ריחות פון סטערטעס היי, געווירץ און קרייטעכצער, וואָס צוגעהען זיך אין אלע אברים; ער צוגיסט זיך אין קונציגע ניגונים פון אַלערליי שפּיל־פייגעלעך, וואָס קיצלען ביי דער נשמה; ער לאָזט מיך פיהלען אויף מיין פנים אַ וואַרם ווינטעלע, וואָס גרייזעלט מיר די פאות, שושקעט מיר אין די אויערען: קוק, האָב הנאה און זיי אַ מענש, דו נאַרישער יוד איינער! — איך בעבע, מריקע מיר, משטיינסגעזאָגט, אַליין ניט רעכט צו הערען, וואָס איך בעבע. עפּיס טראָגט מיר דער מוח, עס פּיקט מיר אין קאָפּ און עס טראַכט זיך זידלערייען: גע'פגר'טע נפשות!... אָהן לייב, אָהן לעבען... נשמות פעררוקטע אין טשאָלענט!... אָהן ריח, אָהן טעם... דראַפּאַטשעס צושאָטענע!... פערדאַרטע אָבגעשלאָגענע הושענות!... איך צושאָקעל מיך מיט געמאַכטער כונה, בכדי עס זאָל זיך נישט טראַכטען, און דרעהער גראַד, ווי דאָס מויל לאָזט פון זיך אַליין אויס יענץ שטיקעל דאַווגען מיט די ווערטער: „המחזיר נשמות לפגרים מתים", דאָס הייסט אויף קרבן־מנחה־טייטש: דער דאָ קערט אום די נשמות צו די טויטע פגרים.

האַ, וואָס! אַקעגען וועמען? טוה איך מיך אַ חאַפּ, פאַרשעמט פון מיינע אייגענע מיאוס'ע געדאַנקען. און בכדי צו פאַרגלעטען מיין פעהלער אַקעגען דעם רבונו־של־עולם, מאַך איך קלאָמפּערשט אַ מינע, ווי נישט זיי מיין איך, דאָס פערדעל מיין איך... דערלאַנג דעם





שלימזולניק מיינעם אַ שמיצעל מיט דער בייטש, מאַכענדיג דערביי אַ־אַ־אַ, פגירה איינע!

אַ שענער איינפאַל אפילו! נאָר היינטיגס מאָל האָט עס וועניג געווירקט, עס האָט מיך שטאַרק געקרענקט, פאַר וואָס גראָד היינט זאָל מיר נאָר איינפאַלען אַזעלכע געדאַנקען — היינט, ווען וויינען און קלאָגען בעדאַרף מען אויף דעם גרויסען חורבן, אויף די גרויסע צרות, וואָס די קינדער ישראל האָט געטראָפען: — די קאָמאַנדע פון נבוכדנצר מלך בבל איז אַריין אין ירושלים און פון איהר אַ תל געמאַכט... איך מאַך אַ רחמנות־פנים און זאָג די סליחות צום היינטיגען שווערען טאָג אויף אַ וויינענדיג קול, וואָס איז געגאַנגען אַלץ העכער און טרויערדיגער אין דעם פזמון דאָרט, ביי יענע ביטערע ווערטער:

„והשפיפון מצפון — און דער פיפערנאָטער, דער טאָטער פון צפון־זייט, כשבולת שטפני — האָט מיך ווי אַ שטראָם וואַסער פערטראָגען ווייט, והציד — און דער יעגער, דער טויט־שלעגער, שלח יד — טהוט אַ לאַפּ, אַ חאַפּ, והצפיר והשעיר — אויך די ציג, אויך דער צאַפּ".

אַ יוד אַבי ער שרייט זיך אַביסעל אויס מיט אַ פזמון, רעדט זיך אָן ווי אפויק און זאָגט אָב אַ סליחה, דאַכט זיך איהם, ער האָט שוין אַלצדינג אָבגעטאָן און איז, ווי אַנ'אָבגעשמיסען קינד נאָכ'ן אויסוויינען זיך, ווייטער זיך גאַנץ צופרידען. איך זיץ מיר אָנגעלעהנט אויף דער קעלניע, גלעט מיר דאָס בערדיל, שוין מיט אַ גרינגען געמיטה, גלייך ווי איינער רעדט: „מיינס האָב איך געטאָן, געגוג יוצא געווען, אַצינד גאָטעניו, איז נאָר געווענדט אין דיר. ווייז זיך, טאַטע־פאָטער, רחום־דיק" — „געה שוין, געה, זיי מוחל!" מאַך איך צום פערדיל מיט גוטען, איבערבעטענדיג עס אין האַרצען פאַר דעם צונעמעניש „פגירה" פריהער. מיין שלימזולניק טהוט זיך אַ קניה אויף די פעדערשטע פיס, אַ בוק מיט'ן קאָפּ צו דער ערד און קרעכצט, עפּיס אַזוי ווי גערעדט: אַדוני־פריץ! און וואָס איז עפּיס מכח עסען? — קלוג, כ'לעבען, ווי דער טאָג! זאָג איך, געבענדיג איהם בשעת מעשה אַ צייכען, אַז ער מעג אויפשטעהן, זיך שטעלען אויף די פיס, נישט אומזיסט שטעהט אין די קינות: „ציון, בך כל־בהמה ועוף חכמו", דאָס הייסט: ביי דיר כנסת־ישראל, זענען אַלע בהמות קלוג!... נישט דאָס בין איך אויסען

פון דער דאָזיגער מימרא בין איך פאַרטראַכטענדיג ווייטער אַרויף אויף די כנסת-ישראל, זיך פערטיעפט אין די נעראַנקען מכח זייער חכמה, זייער פיהרונג, זייערע פיינע-בריות און מכח זייער לאַנגע נעבעך. דער קאָפּ פּלאָנטערט זיך מיר אַהין, אַהער. עס דאַכט זיך מיר עפּיס דער פּיפּערנאָטער, נבוכדנצר מיט דער קאָמאַנדע, אַ שרעקליכע מלחמה, אַ קלאַפּעריי, אַ געשלעגעריי, די קאָמאַנדע ברעכט ווענט, זעצט אויס טי-רען, שויבען, יודען, אַ טייל מיט פּעקלעך סחורה און אַלטע חפצים טוהען זיך אָן אַ כח, שרייען געוואַלד און לויפען... איך כאַפּ אַ שטע-קען, לאָז מיך — און בוך אויף דער ערד, אויסציהענדיג זיך ווי גרויס איך בין.

אַ פּנים, אין דאַוונען האָב איך, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, גע-כאַפּט אַ דרעמעל. מיין בּיידעל, מהו איך אַ בליק, איז אַריין אין קאַ-ליושע, וואָס אויף דעם בעל-העגלה'שען לשון הייסט עס אַ „טינטעריל", אין דעם הינטערשטען רעדעל איז פאַרטשעפּעט אַן אַקס פון עפּיס אַ אַנדער בּיידיל. דאָס פערדיל מיינס שטעהט אין געהאַקטע וואונדען מיט איין פוס איבער דער האָלאָבלע, פאַרדרעהט אין די לייצען און סאָפּעט ווי אַ גאַנז. פון יענער זייט בּיידיל שיטען זיך טויטע קללות, אויף יודיש, מיט אַ קייכען און הוסטען אינאיינעם. אַ יוד! טראַכט איך מיר, איז אָהן סכנות — און טוה מיך אַלאָז אין איין כעס אויף יע-נער זייט וואָגען. דאָרט אונטערן וואָגען ליגט פערפּלאָנטערט אין טלית און תפילין אַ יוד, די בּייטש פאַרדרעהט מיט די רצועות, צאַפּעלט און אַרבּעט מיט אַלע כוחות זיך אויסצודרעהען. איך שריי: ס'טייטש! ער— ס'טייטש, ס'טייטש! איך בטל צו איהם אויס אַלע חלומות, ער בטל'ט צו מיר, נישט אַנצוקוקען איינער דעם אַנדערענס פּנים. איך פּילדער: ווי שלאָפט עס אין דאַוונען אַ יוד! ער צוריק: ווי פּאָפּט עס אַ יוד! איך גיב איהם אין מאַטען, ער מיט אַ צוגאָב אין דער מאַמען אַריין; איך שמייס זיין פערדיל, ער, אויספּלאָנטענדיג זיך, לויפט און שמייסט מיין פערדיל, בּיידע פערדלעך שטעלען זיך דיבאָם און מיר שטאַרק אַנגעצונדען, לאָזען איינער צו דעם אַנדערען זיך צו הענדום-פּענדום, ווי די הענער, מיט דער דעה אַנצונעהמען זיך פאַר די פּאות. אַקעגען אַ רגע שטעהען מיר שטיל, שאַרף אַנקוקענדיג איינער דעם אַנדערן. עס האָט געמוזט זיך אויסזעהען משונה] ווילד, האָבען דעם זיבעטען חן: צוויי יודישע גבורים אין טלית און תפילין שטעהען אָנגעדרודעלט גרייט





צו בעווייזען זייער גבורה און זיך פאַטשען אויפ'ן פרייעם פעלד, ווי אין אַ בית-מדרש להבדיל!... אַזעלכעס האָט מען באמת געמעגט אויף חידושים געהן זעהן. מיר שטעהען, קוקען און אָט יעדאָ־ף שוין פליי-הען הייסע פעטש, פלוצלים שפּרינגען מיר איינער פּונ'ם אַנדערן אויף עטליכע טריט אָב און לאָזען בּיידע שטאַרק פערוואונדערט אין איין קול אַרויס: אוי, ר' אַלטער!... אוי-אוי, ר' מענדעלי! —

אַלטער יקנה"ז איז אַ יאָדערדיג יודעל, אַ געשפּיקעוויטער מיט אַדיק בּייכעל. זיין פּנים איז געדיכט בעוואַקסען מיט שמוציג-געלע האָר, פון וועלכע ס'איז דאָ געגוג אויף פּאות, אויף אַ באָרד און אויף וואָנצעס אי פאַר זיך, אי אויף נאָך עטליכע יודען צו בעטיילען. אין דעם ים האָר ליגט אַ וויספּע — אַ ברייטע, פליישיגע נאָז, וואָס איז דאָס רוב יאָהר פערלייגט, אָהן אַ שום התמנות. נאָר ווען עס מאַכט זיך אין איהר אַ מאָל עפּיס אַ פאַרענדערונג, אונטער אַ פאַר-פּסח, אַ שטייגער, בשעת עס לאָזט אומעטום, עס נעהט די קרעע, און דער בעל-הבית איהרער נעהמט זי אין דער אַרבּייט מיט אַלע פינף פינגער, דענסטמאָל בלאָזט זי הילכענדיגע תקיעות, ווי אַ שופר; דענסטמאָל קלינגט מיט איהר גאַנץ טונעיאַדעווקע. אינאיינעם מיט די אינדיקעס דאָרט גיט זי דענסטמאָל קאָנצערט. אַלע אין שטעדטעל בלייבען פערגאַפט און עס שיטען זיך איהר שמעק-טאַבאַקע פון אַלע זייטען מיט ווינ-שעוואַניעם יקנה"ז'ן אָהן אַ צאָהל: אַסים, אַסים! — איבערהויפּט אין די יודישע שטעדטלעך צושפּיעלען זיך די נעז אין יענער צייט. מסתּמאָ שמעקט דאָך עס מיט עפּיס און עס האָט אַ טעם... דאָס איז שוין דאָרט אַזוי געשטעלט, ווי פרשה יתרו ציגלען זיך די ציגען. נישט דאָס בין איך אויסען. אַלטער יקנה"ז איז אַ טונעיאַדעווקער מוכר ספרים, מיינער אַ בעקאַנטער פון אַלטע יאָהרען. ער איז אַ מענשעל פאַר זיך, נישט שטאַרק איבערגעשפּיצט, נישט קיין גרויסער בעל-דבּרן, שטענדיג אָנגעבלאָזען, ווי ברוגז אויף דער וועלט. הגם ער איז בטבע נישט קיין שלעכטער מענש

נאָך דעם ברייטען שלום-עליכם פון בּיידע צדדים, נעהמען מיר זיך איינער דעם אַנדערן אויסצופאָרשען, דאָס הייסט בּיי אונז יודען געוועהנטליך: אַ טאָפּ טאָן אין וואָגען, אָדער אַ שמעק טאָן, וואָס הערט-זיך

— וואוהין פאָהרט עס אַ יוד?—גיב איך אַלטער'ן אַ טאַפּ.

— וואוהין עס פאָהרט אַ יוד? עט... ענטפערט אַלטער צוריק מיט אַ פרעג, ווי דער שטייגער איז פון יודען, נישט צו ענטפערן גלייך, „בצופטר'ן יענעם מיט „עט" און אָנצושטויסען זיך אויפ'ן ווינק— די אַלע חכמות, וואָס אין דער מלאכה אָנשמעקען, אַ טאַפּ טאָן שטעקען...—אַ יוד פאָהרט! אין דער ערד מיט דעם קאָפּ פאָהרט ער... און ר' מענדעלי פאָהרט עס וואוהין!—טהוט ער מיך צוריק אַ טאַפּ.

— אַהין!... וואוהין געוועהנליך איך פאָהר אין דער צייט.

— איך שטוים מיך שוין אָן וואוהין; אַהין, קיין גלופסק, וואוהין איך פאָהר אויך אַצונד—מאַכט אַלטער מיט אַזאַ מינע עפּיס, ווי עס אַרט איהם, צום פדיון זאָל עס חלילה נישט שאַדטען—נאָר פאַר וואָס ר' מענדעלי, איז ביי אייך היינט עפּיס מן הצד, מיט אַ הינטער־וועגעלע און פאָהרט נישט אַהין מיט'ן גלייכען שליאַך?

— היינטיגס מאָל איז מיר גראָד אַזוי אויסגעקומען, ס'איז רעכט! שוין טאַקי אַ לאַנגע צייט בין איך אויף דעם וועג נישט געוועזן. און ביי אייך, ר' אַלטער, פאַר וואָס איז דאָס עפּיס הינטען־אַרום?—טוה איך אַ שמעק—פון וואַנען קומט עס אַ יוד?

—פון וואַנען אַ יוד קומט! פון אַלדי שוואַרץ יאָהר!.... פון דעם שענעם יריד. נאַט אייך אַ יאַרמעליניק! אַיינגעזונקען זאָל זי ווערען!

און דערווייל ווי אַלטער מיינער שילט, פלוכט יאַרמעליניק מיט דעם יריד דאָרט, פאָהרען אָן אַקעגען גוי'אישע פוהרלעך מיט אַ געשריי, פאַר וואָס דער וועג איז פאַרשטעלט. דערנאָך ווי זיי האָבען דערזעהן צוקומענדיג מיך און אַלטער'ן, ביידע אין טליתים מיט גרויסע של־ראש'ן אויפ'ן קאָפּ און לאַנגע ברייטע רצועות, צושרייען זיי זיך שוין גראָבליך, מיט געשפעט:

—באַטשיטי, יאַקיי פאַני־בעריי, צאַטצי, ע־ע! טראַסצאַ וואַשי מאַטערי, דאַיטע דאַראָגי! היי חודקאָ זשידקי, לאַבסאַרדאַקי

איך מיט מיין אַלטער'ן טהוען מיר געשווינד זיך אַ נעהם צו די ביידלעך מיט איםפעט. אַ פאָר פון די פויערען, האָטשע נישט פון יודישע קינדער נאָר אמת מוז מען זאָגען, האָבען געהאַט אַזוי פיעל





יושר צו העלפען אונז אין דער נויט. און בזכות זייער שטופּ טאַקע איז מיין ביידיל באַלד אַרויס פונ'ם טינבערל. זיכט, וואָלטען מיר זיך אוועקגעבאָברעט גאָט ווייס וויפיעל, און נאָך געקענט מיאוס צורייסען אונזערע טליתים. מיט די עשו'ס אינאיינעם איז שוין אויסגעקומען גאָר עפּיס אנדערש: זיי האָבען געשטופּט אויפ'ן רעכב'ען אמת טאַקי, והידים ידי עשו, באַלד צו דערקענען געוועזן עשו'ס הענד, און ביי אונז, להבדיל, איז נאָר געוועזן הקול קול יעקב, דאָס הייסט, מיר האָבען זיך נאָר געקוועטשט, זיך געמאַכט ווי מיר שטופען קלאָמפּערט... נישט דאָס בין איך אויסען. ווי באַלד נאָר דער וועג איז געוואָרען פריי, זענען די גראָבע חמ'ולעס זיך געפאָהרען זייער וועגס, אויסדרעהענדיג די פרצ'עס צו אונז, אַלץ געלאַכט, געשפעט, וואָס מיר געהען אָנגעטאָן, ווי גלחים, להבדיל, נעבען די פערד אין וועג, און דינען דעם בורא מיט דער בייטש אין דער האַנד... אַ טייל האָבען, טייטענדיג אויף אונז מיט אַ עק פאָלע, ווי אַ „חזיר־אויערל". געשריגען: „זשיד חאַלאַמיי!" אַלטער'ן האָט עס נישט אַזוי געאַרט. אויך מיר לייטז —מאַכט ער מיט אַ קנייטשעל—פאַר וועמען, משטיים געזאָגט, מען האָט זיך דאָ צו שעמען!.... מיך אָבער האָט דאָס שפּעטען זייערס יאָ געאַרט, נעוואַלד רבונו של עולם, פאַר וואָס? פאַר תאָם?...

—אַלמעכטיגער גאָט!—זאָג איך מיט אַ נעבעט אויף תחינה־לשון— עפען דיינע אויגען און טהו לוגען פון דיין הארבעריג, דאָס איז דער הימעל, ווי דיינע פאָרכטצומע יודעלעך זענען צו שפּאָט און צו שאַנד נייערט וועגען דעם כבוד פון דיין ליבען נאָמענס וועגען, וייל זיי פאָרכטען דיין פאָרכט, זיי אַכפּערען דיינע געבאָט האָפעדיג מיט וואָהראַפּטיקייט. דאַרום וועלגער אויף אונז דיין באַרעמהאַרציקייט און לאָמיר טאָן געפינען לייטזעליקייט און חן אין דיינע אויגען און אין די אויגען פון אַלע מענשען. באַשירעם דיינע האָפעדיגע געליבטע שאָף, דיין רחמנות זאָל טאָן ברומען אויף דיינע פאַרשטענדיגע פאָרכטער. טהו אויך באַגיטיגען מיין מזל פאַר מיין לויכונג און בעשיינונג היינט דיין נאָמען בעשיינפערליך מיט אַכפּערקייט. טהו צושיקען מיר, דיין קנעכט מענדיל, דער זוהן פון דיין דינסט גנענדיל, און כל ישראל עפּיס פרנסה, אַ גוט געשעפטיל מיט נחת רוח, אָמן!

שטעהען שטיל, ווי צוגעקאָוועט, קיין שאָקעל אפילו זיך נישט צו מאָן • קיה אויף די פאַשע ליגען · מיד, אויסגעשטרעקט די העלזער, שאָקלען צו־ווילען די אויערען, קייען און מעלה־גרה'ן, אַנדערע גראָבען אונטער זיך די ערד מיט ווייערע הערנער, שאַרען מיט די קאָפּיטעס און רעווען, שרייען פאַר גרויס היץ, דער בוהאַי פערדרייסט דעם עק, לויפט גאַלאָפּ, וואַרפענדיג דעם קאָפּ אין אַלע זייטען, שטעלט פלוצלים זיך אַנידער, אָנגעבויגען דעם שטערן האַרט צו דער ערד, שמעקט, פּאָכט מיט די נאָזלעכער, לאָזט אַרויס אַ ברומען, סאָפּעט און דריגעט מיט די פיס, געבען איין אַלטער, אויסגעקרימטער און האַלב־פערדאַרטער ווערבע, איבערגעשפּאָלטען אין דער העלפט אַ מאָל פון אַ דונער, שטעהען פערד, איינער אויפ'ן אַנדערען פערלעגט די קעפּ, צו מאַכען חאָטש עפּיס אַ שאָטען, און שמייסען מיט די ווידלען, פּטור צו ווערען ווי ס'איז פון די בייזע פליגען. — אויף אַ צווייגעל אין דער הויך וויגט זיך אַ סאָראָקע, אויסזעהענדיג פונדערווייטענס ווי אָנגעטאָן אַ ווייס טלית'ל מיט פאַסען תכלת פאָרענט, און דאַווענט, שאָקלענדיג זיך. זי בוקט זיך, פאַלט תחנון מיט'ן קעפּעל, שפּרינגט אַביסעל אונטער, אַ קליין קראַקעלע געבענדיג אַ פּאָר מאָל. בלייבט דערנאָך ווייטער שטעהן אָהן לשון, שטרעקט אויס דאָס העלזעל און קוקט, גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, מיט פערשלאָפענע אייגעלעך.—אויף דעם גאַנצען וועג איז שאַ־שטיל, מען זאָל דאָס הערען ערגיץ אַ שאָרך, אַ פּיפּס, מען זאָל דאָס זעהן פליהענדיג ערגיץ אַ פויגעל, נאָר קאָמאַרען, מיקען טראָגען ווי די רוחות זיך אין דער לופט אַרום, פליהען טאַנצענדיג פאַרבײ די אויערען, טהוען אַ גרילץ, אַ זזשע, איינראַמענדיג עפּיס אַ סוד און באַלד טאַקי מאַרש ווייטער; נאָר [צווישען היי, צווישען תבואות דאָרט שמוצערען די גרילען, זומזען, צימבעלען און געהען מיט די טאַנצען • • •

ס'איז [היים, ס'איז שטיל, וואונדערליך שען. שאַ! גאָטס בע־שעפעניש רוהען...

איך ליג מיר פאַר גרויס היץ פשוט צולעגט אויף דעם וואָגען אין העמד, מחילה, מיט דעם טלית־קטן, אונטערגעהויבען אויפ'ן שפּיץ קאָפּ דאָס געשטעפּטע פעלפּענע היטעל און אראָבגעלאָזען ביז די פּיאַטעס מיינע אונטערגענייהטע ברעסלער וואָלענע זאָקען, וואָס איך טראָג, בעונותינו הרבים, אין זומער אפילו און האָב משונה שטאַרק געשוויצט.





# ב

נישט לאַנג שיהות געמאַכט, קריכען מיר אַרויף אויף די בײדלעך און היידאַ ווייטער אין וועג אַריין. איך פאָהר פאָראויס און אַלטער הינטער מיר אויף אַ ביידעל פון אַלטע צעריסענע ראָגאָזשעס, פיער רעדלעך נישט קיין גלייכע, געקרעמפעוועטע מיט שטריקלעך און אַ קרעמפּעלעץ צווישען די פלעקלעך. די אויסגעסמילעוועטע קלעצלעך וואַרפען זיך אין אַלע זייטען אויף די אַקסען, סקריפּען, קוואָקען און קענען קיין אָרט זיך נישט געפינען. דאָס ביידיל אינגאַנצען איז זיך מטריח צו שלעפּען אַ הויכע, זעהר אַ דאַרע שקאַפּע מיט אַ קרעצינען, אָנגעביסענעם ריקען, גאָלע אייטער, גרויסע אויערען אין אַ קאָלטענעוואַטע גריווע, פערפּלאָנטעט מיט היי און קלאָטשע, וואָס קריכען אַרויס פונ'ם אַלטען חאָמוט.

פונ'ם דאַווענען איז מיר איבערגעבליבען נאָר די שטיקלעך דרויב צום לעצט, פון וועלכע מען מאַכט געוועהנטליך עפּיס נישט אַזאַ פּירוש. אָבגע'פטר'ט דעם דאַווענען, הויבט זיך אָן גאָר אַ נייער עסק מיט דעם יצר־הרע. נעהם, טאָרעט ער, נעהם אַ ביסעל בראַנפען! דערקוויק דאָס האַרץ.—אי... אי! וועהר איך מיך אָב מיט אַ קניטשעלע, שבעה עשר בתמוז, אין אַזאַ תענית! — עט! בעקום איך אַ ענטפער, אַ שייכות אַ ביסעל צווישען אַ יודעל היינט און נבוכדנצר'ן פאַרצייטען!... גרעסערע צרות איז דאָ און פונדעסטוועגען — גאָרנישט. זײ נישט קיין נאַר. דו ביסט נעבעך אַלט, שלאַף, ניש'קשה! — איך גיב אַ מאַך מיט דער האַנד איבער'ן פּנים ווי אָבצוטרייבען אַ פליג אַ זלידנע און חאַפּ דערווייל אַ קליין קוקעלע אויפ'ן רענצעלע דאָרט אין ביידיל, וואו עס געפינט זיך בײ מיר תמיד אַ גוט ביסעל ספירט, רעטשענע קיכלעך, קאָרנלעקעך, קנאָבעל, ציבעלע און שאָר ירקות. די סמאַהע גערהט איבער די ליפּען, דאָס האַרץ חלש'ט, דער מאָגען בורטשעט: געוואַלד, אַביסעל בראַנפען! געוואַלד, עפּיס פערבייסען! — איך קעהר געשווינד אַוועק דעם קאָפּ אין דער זייט, און קוק, בעטראַכט אַלצדינג אין פעלד אַרום מיר, בכדי צו פערשלאָגען דעם בייזען גערהאַנק.

דער הימעל איז בלוי, לויטער אָהן אַ פיצעל וואָלקען. די זון בראָט, סמאָלעט, עס וועהעט נישט קיין ווינטעלע, מען פיהלט נישט קיין ליפּטעלע, די תבואה אויף די פעלדער, די ביימער אין די וועלדער

איך וואָלט דערפון גאַנץ הנאה געהאַט אַפילו ווען די זון זאָל מיר נישט געווען זיין גלייך אַקעגען פנים, מחמת איך האָב ליעב צו שוויצען און קען שעה'ן לאַנג אַוועקליגען אין באָד העט-העט אויף דער אויבערשטער באַנק, בשעת דער גרעסטער היץ. מיין טאַטע, זאָל זיך מיהען, האָט מיך פון קינדרוויז-אויף דערצו געוועהנט. ער איז געווען אַ הייסער, געבראָטענער, אַ ברענענדיגער פייערדיגער יוד, ער האָט שטאַרק ליעב געהאַט זיך צו פאַרען, צו שוויצען און דערמיט אָבגענומען די וועלט, זיך שטאַרק בעליעבט געמאַכט ביים יודישען עולם. עס האָט געשטעקט דרינען דאָס פינטעלע יודישקייט מיט דעם ברען און מען האָט אויף איהם געקוקט ווי אויף אַ שענעם, בעגאַטישען יודען, געמאַכט מיט דרך-ארץ: „יאָ, אין שמייסען-זיך איז ער אַ למדן-מופלג, ער פערשטעהט דעם ענין מרחץ, ער קען, ער קען שוויצען גאָר אַ חריפות”.—

שוויצען איז אַ יודישע זאַך. נישטאָ קיין שבת, קיין יום-טוב, ווען אַ יוד זאָל פריהער נישט גוט שוויצען. ווער אונטער אַלע פעלקער פון די שבעים אומות שוויצט נאָך אויף דער וועלט מעהר ווי יודען?... נישט דאָס בין איך אויסען.

און בשעת שוויצען, אַי ווילט זיך עס קוויקען! עס טריקענט מיר אין האַלז, עס ברענט מיך אַ טרונק, איך שטאַרב עסען. דער יצר-הרע נעהמט מיך ווייטער אָן, שטאַרקער ווי פריהער, רעכענט מיר אויס דאָס גאַנצע צעטעל יודישע מאכלים: אַ געבראָטענע לעדוויצע מיט קאַשע, אַ ראָסעלפליישעל, אַ לאָקשען-קוגעל מיט אַגנב — אַיין אָנגעפילט העלזעל אינוועניג—פאַרפעלעך אַיינגעפרעגעלט מיט גריווען. איך בין טויט מיט אַלע אברים, דער אַפעטיט איז אַ שרעק, און ער אַליין טאַקי ווייטער; חרעמזלל, פראַקעס, פעטשע מיט לעבערלעך פעניצלעך, רעטיך מיט ציבעלע, אַ קראָפ פון אינדיק אין אַ פאַסטאַרנאַק-צימעס. און פלוצלים, איך געדענק ניט ווי אַזוי, וואַקסט פאַר מיינע אויגען ווי פון דער ערד אויס דאָס רענצעלע... לחיים, נאַרעלע! רעדט אויס מיר דער רוח. נענוג זיך נאַריש געמאַכט, דו לעקיש איינער!” — די האַנד ביינע שטרעקט זיך עפּיס, ווי אַליין פון זיך, אויס, עפענט אויף דאָס רענצעלע און ניט אַחאַפּ דאָס פלעשעל געשווינד. איך קוק מיך אַרום, ווי אַ גנב, אין אַלע זייטען און מיין קוק בעגעגענט זיך מיט דעם בליק פון פערדיל, וואָס האָט, קראַצענדיג זיך אין דעם שפּיץ האַלאַבלע,





אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום ביידיל און קוקט אויף מיר עפּיס שטאַרק אָנגעבלאָזען, גלייך ווי עס וואָלט גערעדט מיט פאַראיבעל: „נאַ, זעה! אַ הינטערשטער פוס איז מיר שטאַרק געשוואָלען, פערבונדען מיט שמאַ-טעס, ער רינט מיר נאָך אַ אויג, יאַטרעט זיך מיר דער האַלז, דאָס מויל זאָל מיר אָבנעהמען, אויב איך ווייס דעם טעם פון אַ האָבער. אונדערסטוועגען — וואָס זאָל איך טאָן? — שלעפּ איך מיך הונגע-ריג, קראַנק, צובראָכען, נישט אויסצושפּאַנען זיך חלילה פון דער עבודה”... דאָס פלעשעל גליטשט זיך פון די הענט מיר אַרויס, צוריק אין זיין רוה אַריין. איך שטופּ דאָס רענצעלע פון מיר אַוועק ווייט זעהר פאַרשעמט, מאַכענדיג דערביי מיט אַ קרעכץ טיעף פונ'ם האַר-צען: אָט, פון וועמען בעדאַרף אַ יוד זיך אַ מוסר נעהמען, ביי וועמען זיך לערנען שכל! מלפנו מבהמות ארץ: ער לערענט אונז פון די בהמות אין דער וועלט... ניין, פערדיל מיינס; איך געה אויך אין יאָך און שפּאַן מיך פון דער עבודה נישט אויס... ניש'קשה, ר' פערדיל, דער רוח וועט אונז ביידע נישט נעהמען! אדם ובהמה, אַמענש אַבהמה תושיע ה'. העלפט גאָט!... נישט דאָס בין איך אויסען.

אַ יוד אַבי ער האָט איין מאָל געגעבען אַ בראָך די מיאוס'ע תאוה פון עסען, מאַכט איהם שוין די אַכילה אַזוי נישט אויס, און קען דאָס גאַנצע לעבען זיינס אָבקומען כמעט מיט גאָרנישט. אי היינט נאָך, אין [illegible] צייטען, געפינען זיך זעהר פיעל יודען, ביי וועלבע ס'איז דאָ נאָר אַ סימן פון מאָגענס, טאַקי עט-וואָס, ווי אַ כזית. און ס'איז דאָ אַ גרויסע האָפנונג, אַז מיט דער צייט—די טאַקסע, בעלי-טובות און דעסגלייכען לאָזען נאָר נישט פאַרשטערט ווערען—וועלען זיי פונ'ם עסען אַלץ מעהר מעהר זיך אָבגעוועהנען, ביז עס וועט קומען דערצו, אַז ביי יודען אין די שפּעטערדיגע דורות וועט, חוץ מערידען, אַפילו אויך קיין סימן פון קיין מאָגען ניט זיין. יודען וועלען דענסטמאָל אין דער וועלט זעהר אַ שען פנים האָבען...

מיט דעם דאָזיגען שמועס אַצינד בין איך אויסען, אַז נאָכ'ן אַוועקשטופּען דאָס רענצעלע פון מיר, בין איך געוואָרען עפּיס שטאַרקער און מיך שוין געפיהלט גאָר קיין מעשה נישט. איך האָב מיר געטראַכט פון מסחר און אונטערגעברומעלט עפּיס אַ תשעה-באב'דיג ניגונ'דעל. שוין, דאַכט זיך, גאָד גוט. טראָגט דער רוח אָן אַ יונגע ערל'טע, אַ מכוערת, אַ טעפּעל בליניצעס, דאָס בעסטע לאַקעטקע מיינס.

אין אַנדערער אויף מיין אָרט, פון יענע גוטע לייט, װאָלט עס גענומען אויף זײגע כּלים, דאָס איז דער יצר=הרע אַליין אין דעם געשטאַלט פון אַ אשה געקומען מיט איין אויסרעד.. נאָר, לא היה! חיך בין אַ בעלן געוועז און זיך גוט צוגעקוקט. פשוט, איין ערל'טע אָהן חכמות! און בעטענדיג מיך אַוועקצוקױפען בײ איהר די פּיליניצעס אינאײנעם מיט דעם טעפּעל פאַר צעהן גראָשען, רוקט זי עס מיר אונטער גלײך אונטער דער נאָז. דער ריח איז מיר פערגאַנגען שטאַרק אין דער נאָז, עס װעסערט מיר דאָס מויל, עס קלעהסט מיר דאָס האַרץ, טונקעל װערט מיר אין די אויגען. עס גלוסט זיך מיר אַ שרעק! און מחמת מורא, איך װעל מיך נישט קענען אײנהאַלטען, חאַפּ איך און שפּרינג אַראָב אויף דער ערד שטאַרק צוקאָכט, װי אײנער ראַטעװעט זיך אין אַ שׂרפה, אַז איך האָב נישט צוזבראָכען ריק און לענד, איז נאָר גרויסע נסים, און לאָז אַרוים נישט מיט מיין קול אַ געשריי: ר' אַלטער!—די כּונה מײנע איז דערמיט געװען, אַלטער זאָל זיין אַ שומר.

אויפ'ן װאָגען אין דער לענג ליגט ראַקום, מחילה, מײן ר' אַלטער אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט, רויט װי אַ צװיק, צוחראַטשעט מיט דעם רויטפּערװאָקסענעם האַרצען אין דרויסען, פאַרבּרענט, פערבראָטען און נױטשױים בעשלאָגט איהם, אַז, דאָס האַרץ, שונא ציון, האָט געריסען קוקענדיג אויף איהם.

—האַ=אַ?—מאַכט אַלטער, דערהערענדיג מיין געשריי, עפּיס אויף קיהיש, נישט ריהרענדיג זיך פון אָרט—װאָס איז?

יענע מיט דעם טעפּיל פּיליניצעס, גיב איך אַ בליק, איז שוין נישטאָ, װי אויסגעטריקענט געװאָרען. איך מאַך מיך אײן אויסרעד און טהו אַ פרעג אַלטער'ן:

—װיפיעל, מײנט איהר, זאָל אַצינד האַלטען אַ זײגער?

—אַ זײגער אַצינד װיפיעל זאָל האַלטען?—ענטפערט אַלטער מיט אַ פערדומפּט קול—װיים איך? צו די ערשטע שטערען װעלען די אויגען אויסקריכען געװוג װאַרטענדיג, נו מילאָ... אָ, שטאַרק היים!

—אַ געשמאַקע היץ, אַ=אַ=אַ!—רוף איך מיך אָן, געהענדיג צופּוס





געבען אַלטער'ס בײדיל—איהר שוויצט,ר' אַלטער? איך מײן, שוין צייט צופּאַסען. אונזערע אָדלער װענען געבעך מיד, קוים װאָס זיי שלעפּען זיך. צום טראַקט אויף גלופּסק איז נאָך דאָ אַ פּאָר װערסטלעך, אפשר אָך מיט אַ שמיצעל. ניט װייט פון דאַנען, דאָרט װאו עס הויבט זיך אָן ציהען אַ װאַלד העט=העט ביז צום שלאָך, װעה איך אין דער זייט, לינקס. װעהר אַ גוט אָרט צו פּיטערן.

אין עטליכע רגע אַרום האָבען מיר אַראָבגענומען זיך אין דער זייט פונ'ם װעג און צוגעקומען צו יענעם אָרט, װאו ס'איז געװען װאַלד, שענע פעלדער, אַ געמײזעכץ און אַלע גוטע זאַכען. מיר האָבען אויסגעשפּאַנט אונזערע לייבען, געלאָזט זיי פריי פּיטערען זיך דאָרט בײם ברעג װאַלד און אַליין האָבען מיר זיך אונטערגעלעהנט אונטער אַ בוים.

---

# ג

אַלטער יקנה"ז האָט קוים געאָטהעמט פאַר היץ, אָנגעסטען האָבען איהם בעשלאָגען. ער האָט געזיפצט, געקרעכצט, אַזוי אַז עס האָט מיך פאַרװאָהר בײם האַרצען אָנגעהאַפּט, און בכדי איהם צו מינטערן אַביסעל, אויך טאַקי צו רעדען, צו פאַרברענגען אַביסעל די צייט, לאָז איך מיך אַריין מיט איהם אין אַ שמועס אַזוי:

—אַ פּנים, ר' אַלטער, אײך איז געשמאַק היים?

—בע!—ענטפערט אַלטער גאַנץ בקיצור, עפּיס װי אָנגע'ברוגז'ט רוקענדיג זיך אונטער דעם בוים, װאו עס איז נישט געהען אַזאַ גרויסע באַהעלטעניש פון דער זון, װאָס עס האָט אַרײנגעשײנט דורך די צװײגען.

פע, נישט גוט פון דעם תענית.. װאָס, איהר קרעכצט אַזוי?

—מסתמא איך מײן אַלטער'ן, פּעסט בײ זיך אָבגעמאַכט, מײן טוט זאָל דאָ זיין, מוז איך אַרויסבעקומען בײ איהם אַ װאָרט.

—בע!—מאַכט אַלטער, און װייטער אַקי אַ רוק אונטער'ן בוים

מיט „בע" אליין אָבער האָב איך נישט געוואָלט מיך בעגניגען. אָ. טראַכט איך, דו ביזט אַ נעבראָטענער עקשן! נישקשה, דו וועסט בײַ מיר רעדען, היץ, שוויים אין דער זייט, עס מוז זיך אָנהויבען פון געשעפט, דאָס בעסטע, איינציגע מיטעל רעדענדיג צו מאַכען אַ יודען. אַ יוד בשעת דער גסיסה אַפילו, קוים דערהערט ער נאָר עפּיס געשעפט, ווערט ער לעבעדיג און דער מלאך־המות אפילו קען דעמסטמאָל צו איהם אויך נישט צוטרעטען. דעם ערגסטען שונא מיינעם ווינש איך נישט אַרײַנקומען צו אַ סוחר בשעת עס דאַכט זיך איהם נאָר געשעפט. ער איז מבטל דעמסטמאָל איטליכען, אַפילו דעם בעסטען פריינד, אַ אייגענעם ברודער, מיט דעם בליק... נ׳שט דאָס בין איך אויסען. איך ווענד מיך צו אַלטער׳ן מיט אַזאַ שמועס!

— מיר וועלען, דאַכט זיך, ר׳ אַלטער, מאַכען אַ געשעפטיל! נוט, כ׳לעבען, וואָס מיר האָבען זיך דאָ היינט בעגעגענט. אָ, האָב איך עס היינט מיט מיר אַ מין סחורה, גין־גאָלד!

דאָס מיטעל מיינס האָט געווירקט. אַלטער איז ווי איבערגעביטען געוואָרען. ער הייבט זיך אַביסעל אונטער און קוק אויף מיר מיט אויפגעשטעלטע אויערען. איך גיב איהם ווייטער אין פּיזעם אַזוי:

היינטיגס מאָל, ר׳ אַלטער געדענקט דאָס געשעפט צווישען אונז אויף מזומן געלד. איהר פאָהרט דאָך פון יאַרמעליניצער יריד און מוזט, אָהן עין־הרע, האָבען פולע קעשענעס.

— פולע קעשענעס, יאָ! אַ האַרץ פול מיט מכּות האָב איך — זאָגט אַלטער שטאַרק אָנגע׳ברוגז׳ט — איך זאָג אייך, ר׳ מענדיל... נאָר נישמער גאָרנישט; אַ מענש אָהן מזל זאָל נישט געבוירען ווערען גלייכער... עסקים, עס האָט מיר זיך געגלוסט נייע עסקים! איין אַנדער אויף מיין אָרט — הע־הע־הע! בײַ מיר אָבער איז גאָרנישט, מיט דער פוטער אַראָב. אַזאַ אומגליק! אַ וועהטיג נאָר צו דערצעהלען. שנייץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים. נישטמער וואָס, גאָרנישט.

איך האָב גוט אַרויסגעזעהן, אַז מיט מיין אַלטער׳ן איז עפּיס נישט גלאַט, ס׳איז דאָ אַ צרה. אַבּי נאָר עס האָט איהם זיך געעפענט אַ מויל, איז שוין גענוג געווען אַ קליין קוועטשעלע, עס זאָל איהם זיך שיטען ניין מאָס רעד. פון מיין זייט איז קיין מניעה נישט געווען. איך





האָב געטאָן אַ גוטען קוועטש און מיין אַלטער האָט זיך צו־ווינט, אָנגעהויבען צו דערצעהלען זיין אומגליק אויף זיין שטייגער אַזוי:

— מילא קום איך מיר צופאָהרען אויף יאַרמעליניצער יריד־קומענדיג אויפ׳ן יריד, שטעל איך מיך מיט מיין בּידיל אויף דעם פּלאַץ, פאַרשטעהט איהר מיך, און צופּאַק מיר דאָס ביסעל סחורה. מילא בקצור — גאָרנישט. שטעה איך מיר און קוק אַרויס אויף לייזעכטס. געטראָגען אויפ׳ן יריד האָבען מיך די צרות. איך בין היינט נישט פאַר אייך געדאַכט, מיאוס אין דער קלעהם. דער דרוקער מאָנט געלד. מילא דאָס איז גאָר נישט — מאָנט ער. ער וויל אָבער, פאַרשטעהט איהר, מעהר נישט געבען קיין סחורה!... מיין עלטערע בתולה איז שוין אין די יאָהרען; אַ בתולה, פאַרשטעהט איהר, בעדאַרף חתונה האָבען. מילא געה־זשע דרעה דעם קאָפּ, זוך אַ חתן. חתנים זענען דאָ, אָבער אַ חתן, דאָס הייסט, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ חתן! איז נישטאָ... מיין ווייב בעדאַרף זיך צו די צרות פערגלוסטען האָבען אַ יונגעל, און נאָך ווען — פאַר פּסח. איהר פאַרשטעהט, וואָס הייסט אַ ווייב האָט אַ יונגעל? אַ חתונה, חתונה הייסט עס! נישמער — גאָרנישט.

— נעהמט נישט פאַר אומ־גוט — זאָג איך צו אַלטער׳ן — וואָס איך פאַל אייך אַרײַן אין די רעד. למאי האָט איהר אויף דער עלטער גענומען אַ יונג ווייב, זי זאָל אייך אַזוי פיעל קינדלען?

— גאָט איז מיט אייך! — מאַכט אַלטער פערוואונדערט — איך האָב דאָך געמוזט נעהמען אַ בעל־הבית׳טע אין שטוב אַרײַן. וואָס וויל דען אַ יוד מיט דעם חתונה האָבען? גאָרנישט! אַ יוד וויל נעבעך האָבען אַ גוטע בעל־הבית׳טע.

— למאי־זשע, ר׳ אַלטער — טהו איך אַ פרעג — האָט איהר גע׳גט אייער ערשטע ווייב און איהר פערוויסט דאָס לעבען? זי איז דאָך געווען אַ גוטע בעל־הבית׳טע!

— בע! מאַכט אַלטער, פערקנייטשענדיג זיך מיט אַ פינסטער פּנים.

— קיין עקרה, געלויבט השם יתברך, איז אייער ערשטע ווייב אויך נישט געווען — לאָז איך אַלטער׳ן מיינעם אַלץ נישט אָב — אוהין זענען היינגעקומען די קינדער נעבעך? האַ, וואָס?

בע!... בעקעט אַלטער אָהן לשון, אַ קראַץ געבענדיג

זיך אין דער פאה, אַ מאַך מיט דער האַנד און אַ זיפץ טיעף פונ׳ם האַרצען.

„בע״ איז ביי אונז יודען, אַ טייער וואָרט, וואָס האָט זעהר פיעל טייטשען און איז אַ תירוץ אויף אַלע קשיות. „בע״ קען מען געברויכען אַלע צייט אין אַ שמועס און עס זאָל תמיד פאַסען. אַ יוד קען מיט „בע״ זיך תמיד אויסדרעהען, ווען ער איז נעבאַך אין דער קלעהם און שטעהט שמאָל. מיט „בע״ סלוק׳ט אַ שווינדלער, אַ אָנזעצער, אַז די בעלי-חובות טרעטען צו מיט שטאַרקע טענות. „בע״ שטעהט אַ יודען ביי אין דער נויט, ווען עס בעווייזט זיך, אַז ער איז נעבעך אַ ליגנער. מיט „בע״ קען מען אָבענטפערן יענעם, וואָס דולט אָן אַ קאָפּ צוויי שעה, נישט צו הערען, נישט צו פאַרשטעהן אפילו איין וואָרט פונ׳ם גאַנצען שמועס. מיט „בע״ קומט אָב אַ שענער, צובראָכענער יוד, ווען ער דערלאַנגט שמילערהייט אַ בים; אַ שענע-מורנו, ווען ער טהוט אָב אַ מיאוס׳ע מעשה; אַ דימענטיג מענשעל, אָהן חכמות, ווען עס לאָזט זיך גאָר אויס, ער איז גע׳מלאָכה׳ט, האָט פול פליי אין דער נאָז. הכלל, „בע״ האָט אַלערליי טעמים, משונה ווילדע פירושים, ווי אַ שטייגער: רוף מיך קנאַקניסעל. לאָז מיך צום ונתנה-תוקף, מהיכא תיתי, קוממיות, געבמאַהע דיר פאַרפול און נאָך טייטשען אָהן אַ צאָהל. דאָס יודישע קעפּיל שטויסט זיך תמיד אָן, וואוהין דאָס וואָרט „בע״ צילט, און פאַרשטעהט דעם רעכטען פשט דעפון, ווי עס פאַסט צום ענין. —

אַלטערס לעצטער „בע״ איז געווען אַ ביטערעס מיט גרינע ווערים. אין איהם איז געלעגען עפּיס ווי חרטה, אַ בּיינק-טאָן, אַ בעשולדיגונג זיך אַליין. עס האָט איהם זיכער געמוזט ליגען אויפ׳ן האַרצען ווי אַ שטיין זיין מיאוס׳ע בענעהמונג אַקעגען דעם ערשטען ווייב און די קינדער פון איהר. ער האָט געמוזט אין איטליכס אומגליק, וואָס איהם טרעפט, זעהען אַ שטראָף פון גאָט פאַר זיינע זינד. דאָס האָט בעשיינפערליך אַרויסגעוויזען זיין ביטערער זיפץ און דאָס מאַך-געבען מיט דער האַנד, אויך דער קראַץ אין פאה דערביי, האָט אַזוי פיעל געהייסען: „פערביים די ליפּען און שטום... אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ!״

איך האָב מיך אין האַרצען שטאַרק בעשולדיגט, למאי האָב איך אויפגעריהרט אַלטער׳ס אַלטע וואונדען. דאָס איז טאַקע די מעשה





מיט אַ יודען, אַריינצומישען זיך אין יענעמס היימישע זאַכען און אַריינצוקריכען מיט שאלות יענעם אין דער נשמה אַריין, בשעת זי טהוט וועה און ווארגט זיך נעבעך מיט די צרות שטילערהייט פאַר זיך אַליין. אַ חוץ דעם האָט מיך טאַקי געערגערט, וואָס די מיה מיינע איז אינגאַנצען פערלוירען. אַלטער האָט זיך שוין אַזוי פיין צו-ווינט און גערעדט מחיה, דאָס צינגעל האָט געקלאַפּט ווי אַ זייגער, פּלוצלים בעדאַרף איך אָנריהרען אינוועניג אַ רעדעל און דער אומרוה איז געבליבען שטעהן! איבער-אַניים מיינע מיטעל, איבעראַניים פּיזעם ר׳ אַלטער׳ן. איך האָב נישט געקאַרגט, ווייטער איינגעגעבען אַלטער׳ן רעד-מיטעל מיט דער פולער מאָס. צוגעפּאַסט צו איהם אַ גוט שליסעלע, אָנגעדרעהט איהם מיט קונצען — [illegible] יר אומרוה, דאָס צינגעל זיינס, האָט ווידער זיך צושאָקעלט.

## ד

— מילא שטעה איך מיר אַזוי נעבען מיין בּיידעל — האָט אַלטער ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען מיט זיין לשון — בקיצור, ווי איך שטעה מיר דאָ, קוק איך און בעטראַכט מיר דעם יריד: אַ יריד — אַ יריד, עס קאָכט. דער עולם איז גרויס. יודען מאַכען געשעפטען, שטאַרק פערטראָגען, פּשוט זיי לעבען. אַ יודעלע אויף אַ יריד איז אַ פישעלע אין וואַסער. דאָרט, פאַרשטעהט איהר מיך, לעבט עס. יעקב אבינו׳ס ברכה טאַקי: וידגו — און זיי זאָלען זיך פישלען, בקרב הארץ — אויף דער וועלט. — אמת, ר׳ מענדעלי? שטעהט טאַקי אַזוי געשריבען ווי יודען זאָגען: „אופ׳ן הימעל אַ יריד״? הייסט עס, אַ פנים, די עולם-הבא פאַר יודען איז אַ יריד!... מילא שטעהט, נישט שטעהט, יודען ירידעווען, לויפען האַנדלען, שטעהען נישט איין אויף איין אָרט. צווישען די סוחרים, זעה איך בערעל טעלעצע, אַ מאָל אַ בעהעלפער. דערנאָך אַ משרת, היינט רב בער. שטעהט מיט אַ גרויסע קלייט, פלאַמט אופ׳ן יריד. בקצור, גאָרנישט. ס׳איז אַ מאַראַכאַם, אַ קאָכעניש. דאָרט, זעה איך, לויפט אַ יודעל, אַ צווייטער, אַ דריטער, אויך פאָרלעך, פערשוויצט שטאַרק, דאָס מיצעל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, דאָ אַ טאַפּ, דאָרט אַ טאַפּ, אַ מאַך אַהין, אַ מאַך אַהער,

אַ דריטה מיט׳ן גראָבען פינגער און אַ קיי דאָס שפּיצעל בערדעל, נעפאַלען, אַ פּנים, אויף אַ המציאה. עס לויפען נאָר אָהן אַ נשמה מעקלער, שדכנים, טאַנדעטניקעס, מאַחליאַרקעס, קורלאַפּניצעס, יודענעס מיט קויטען, יודען מיט טאָרבעס, מיט פינף פינגער, בעל־הבית׳לעך מיט שטעקלעך בעלי־בתים מיט בייכלעך, איטליכען פלאַמט דאָס פּנים, נישטאָ קיין צייט, אַ רענדעל, אַ מינוט. מילא, בקיצור, גאָרנישט, עס האָט אויסגעזעהן, אַז חאַפּען זיי דאָס גליק. אַי־אַי, בין איך עס מקנא ווי איטליכען נעהט דאָס מזל! איטליכער פערדינט, שעפּט גאָלד, און איך, שלים׳מזל, וואָס? שטעה ווי אַ לייםענער גולם, פאַרלעגט די הענט נעבען מיין צעריסען בײדעל, בעהאַנגען פון בײדע זייטען מיט ציצית, קמיעלעך און אינוועניג שמאָכטעס, פעקלעך ספרים. אַ קאַטאָוועס כ׳לעבען, תחנות שרה בת־טובים! שרה בת־טובים אינגאַנצען איז ווערטה אַ דרייער... געה לעב, צופיהר זיך מיט איהר די הענט, מאַך חתונה אַ מיידעל! איך שילט אין האַרצען זי, דאָס בײדעל, די דאַרע שקאַפּע מיינע, הלואי וואָלטען זיי אויף דער וועלט נישט געווען! גענוג, מען בעדאַרף פּריווען דאָס מזל, אויך עפּים טאָן! אַרבייטען. השם־יתברך קען אפשר רחמנות האָבען, וואָס דען? בקצור, עס פערדרייסט זיך מיר דאָס היטעל, עס פערקאַטשען מיר זיך די אַרבעל, מיינע פיס געהען צו, ווי פון זיך אַליין, צו אַ וואָגען און באַלד טאַקי קיי איך מיר אַ שטרויעלע, וואָס איז פונ׳ם וואָגען פערקראָכען מיר גלייך אין מויל אַריין. מילא קיי איך מיר דאָס שטרויעלע און דער מוח מיינער אַרבייט. אַ קנייטשעלע, אַהער, אַהין און באַלד טאַקי אַ קלאַפּ מיט׳ן פינגער אין שטערען: ס׳איז דאָ! אַ שען געשעפטיל, — אַ שידוך צווישען צוויי סוחרים, לייטישע מענשען, וואָס שטעהען מיט קלייטען אויפ׳ן יריד. פאַרשטעהט איהר מיך, ווער? איינער איז ר׳ אליקים, ר׳ אליקים שאַראָגראַדער! דער אַנדערער—ר׳ געצעל גריידינגער. פאַרבייג איך מיך מיין עסק, אין דער ערד מיט׳ן קאָפּ דאָס בײדיל מיט דער שקאַפּע, מיט דעם דרוקער אינאיינעם! טהו מיך אַנגעשמאַקען נעהם צום נייעם עסק׳ל. למזל, עס ריהרט זיך!... אַ האָפענונג, עס וועט פאָהרען. בקיציר, איך טרייב, אָן עס רוקט זיך. מיינער ווייסט נישט מעהר, ווי קאַלענד־עווען, לויפען פון רב געצלען צו רב אליקים׳ן פון ר׳ אליקים׳ם צו רב געצלען. איך לויף שוין, ברוך־השם, לייטען גלייך, שטאַרק בעשעפטיגט, נישט ערגער פון אַלע יודען. איך האָרעווע, אַקער מיט דער נאָז די ערד, עס מוז ווערען — און דאָ טאַקי, אויף דעם





יריד. וואָס דען? איז דען דאָ נאָך אַ בעסער אָרט ווי אויפ׳ן יריד? בקיצור, אין חאַפּעניש, אין אײלעניש, די מחותנים קוקען זיך אָן, איינער דעם אַנדערען געפעלט, בײדע בעקומען חשק, ווילען שטאַרק. נו, וואָס־זשע בעדאַרף מען נאָך? אַז בײדע מחותנים צאַפּלען, ברענען, האָבען חשק און זענען פאַרטיג!... איך ווער גרעבער ווי לענגער פאַר שמחה. דאָס פערדינסט איז בײ מיר גלייך ווי אין קעשענע. איך קלער שוין אפילו וויפיעל נדן מיין בתולה צו געבען, דרילך אויף אײנשיטען האָב איך אויף דעם סמך געהאַנדעלט נאָך פריהער, שוין געהאַלטען אפילו אין קויפען בײ אַ טאַנדעטניק אַ גאַניצט סאַמעטען מענטעלע. העמדער, דאָס איז שוין די לעצטע דאגה, ווי גאָט וועט געבען... מילא, בקיצור—גאָרנישט. נאָר הערט אַ מעשׂה, וואָס קען זיך פערדרייען! אַז ס׳איז נישטאָ קיין מזל, זאָל מען בעסער נישט געבוירען ווערען.—אַז עס האַלט שוין בײ טעפּ ברעכען און מען דערמאָנט זיך גראָד אַרום התן־כּלה, לאָזט זיך גאָר אויס... וואָס מיינט איהר? — אַ וועהטיג, כ׳לעבען, צו דערצעהלען — לאָזט זיך גאָר אויס בוידעם! ניין, בוידעם איז נאָך אַ הונט אַ גאָרנישט. עס לאָזט זיך אויס קאַפּויער! הערט נאָר דאָס אומגליק, דעם שטראָף פון גאָט! בײדע מחותנים האָבען — ווייס מיינט איהר, האָבען זיי? בײדע האָבען—בחורים!..

— ס׳טייטש, ר׳ אַלטער! — שיס איך אויס מיט אַ געלעכטער.— איך בעט אייך איבער, ווי אַן אייגענע מוטער: ווי פאַלט איהר אויס צו כאָן אַזאַ שבועות׳עריי — רעדען אַ שידוך, איידער איהר ווייסט, ווער פון די מחותנים האָט אַ בתולה און ווער אַ בחור?!

— נו, נו, פשיטא! — גיט זיך אַלטער אַ קרים שטאַרק מיט פערדראָס — איך האָב נאָך, כ׳לעבען, אַזוי פיעל שׂכל ווי אַנדערע און בעדאַרף מיך בײ קיינעם נישט לערנען. כ׳לעבען, איז ער דען אַ יוד און ווייסט דען נישט, ווי אַזוי עס ווערען שידוכים!!... דאַכט זיך, ר׳ מענדעלי, איהר ווייסט זעהר גוט דעם יודישען אײנפיהר, דעם גאַנצען שטייגער אין דעם משדך־זיך זיין און חתונה האָבען בײ אונז יודען. וואָס־זשע חידושט איהר זיך אַזוי אויף דעם אומגליק מיינעם, וואָס האָט זעהר גרינג געקענט מיט איטליכען זיך מאַכען? — איך האָב זעהר וואויל געוואוסט, אַז בײ ר׳ אליקים׳ן איז מחויב זיין אַ בתולה און נאָך וואָס פאַר אַ בתולה! אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבען!

איך האָב זי מיט אַ יאָהר פריהער געזעהען אַליין מיט מיינע אויגען אַזוי זאָל איך זעהען פיעל גוטס. נישמער גאַרנישט, אַז קיין מזל איז נישטאָ, העלפט ניט קיין חכמות. בעדאַרף די שענע בתולה קיין צייט נישט האָבען און אויף צושפּרינגעניש חתונה האָבען. עפּיס אַן אויס־כאַפּעניש אויף איהר געקומען, ווי אין דער בהלה. איך זאָל דאָס אָנ־הויבען כאַטשע עפּיס צו וויסען. וויסען זאָל איך אַזוי פון מיין דלות! זיינט פרעג איך אייך, אדרבא, געדענקט־זשע, אַז איך קום דאָ וועגען דעם שידוך און זאָג גאַנץ יודישלעך, ווי געוועהנטלעך: ר׳ אליקום איך וויל אייך משדך זיין מיט ר׳ געצלען. וועמען האָב איך פון מיין זייט געקענט מיינען? מסתמא ר׳ אליקום׳ס בתולה. זי, עס פאַרשטעהט זיך, מיט ר׳ נעצעלס בחור׳ל. אַרויסרעדען עס בפירוש איז נאָר אַ געלעכטער, אַ איבעריגע זאַך, וואָרום די קשיא איז דאָך: פשיטא! וואָס לאָזט דו מיך הערען? עס פאַרשטעהט זיך, אַז נעהמען נעהמען זיך נישט צוויי זכרים, ווי דען־זשע? אַ זכר מיט אַ נקבה, ווי דער שטייגער איז. דאַכט זיך פון מיין זייט האָב איך געהאַנדעלט ווי עס געהער צו זיין. קיינער, בּיי מיין יודישקייט! וואָלט בעסער נישט געהאַנדעלט. בקיצור, איך האָב גערעדט ריין, שאַרף, דעם רעכטען עיקר: מכּוח נדן, מכּוח קעסט. דערבּיי מוזט איהר נישט פאַרגעסען, אַז אויף אַ יריד, און דערצו נאָך מיט סוחרים, קען מען גאָר נישט רעדען איבעריגע רעד, בּיי־זאַכען, נאָר געצעהלטע ווערטער, דעם עיקר, דאָס געשעפט אַליין: נישטאָ קיין צייט. מילא, האָט איהר אייך אַ ענטפער פון מיין זייט. היינט לאָמיר געהן צו ר׳ אליקום׳ן. ר׳ אליקום ווידער פון זיין זייט, הערענדיג, ווי איך רעד איהם אַ שידוך מיט ר׳ געצלען האָט זיכער דערונטער געמיינט זיין בחור, אַנדערש קען עס דאָך גאָר נישט זיין. איהם אַליין רעדט מען מיט ר׳ געצלען? ווי שיקט זיך עס און איינפאַלען אַ בתולה האָט איהם אויך נישט געקענט, אַז ער ווייכט בּיי זיך זעהר גוט, ער האָט חתונה צו מאַכען אַ בחור, נישט קיין בתולה. מילא, קומט אויס, בּיידע זענען גערעכט. נישמער גאַרנישט. היינט פאַרשטעהט איהר שוין?

— בע!...— מאַך איך קוים איינהאַלטענדיג זיך פאַר געלעכ־טער און אָנטהוענדיג זיך אַ כּוח אָנצונעהמאַן אַ ערענסט פּנים.

— נו, געלויבט איז גאָט, אַבּי איהר פאַרשטעהט! — זאָגט אַלטער, אַ טייט געבענדיג אויף מיר מיט׳ן גראָבען פינגער און מאַכענ־





דיג דערבּיי צוצויגען „אָ“! גלייך ווי איך האָב מיט מיין „בע“ גע־טראָפען פונקט אין קאַרב.

און דעם אמת מוז איך זאָגען, איז מיר אַלטער׳ס דערקלערונג אַריין טאַקי דערנאָך אין קאָפּ. טאַ, פאַר וואָס ניט? אויף דעם יודישען גאַנג, ווי עס ווערען געשלאָסען שידוכים בּיי אונז, פאַר וואָס זאָל זיך טאַקע אַזוינס נישט מאַכען? — עס חאַפּט זיך מיר פונ׳ם מויל אַרויס נאָך אַ מאָל „בע“ אַ קוק געבענדיג אויף אַלטער׳ן עפּיס גאָר פריינדליך

— אַ, יאָ! — מאַכט אַלטער, ווייטער אַ טייט געבענדיג מיט׳ן פינגער — אַ, יאָ, איהר פאַרשטעהט! נישמער גאַרנישט. איהר זיינט נאָך נישט פאַרטיג. עס האָט נאָך געצאַנקט אין מיר עפּיס אַ האָפנונג, מיך צו אַ עסק׳ל, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָב.

— ר׳ אַלטער, גאָט איז מיט אַייך! וואָס רעדט איהר? — שפּרינג איך אַזש אונטער פאַר גרויס וואונדער און מיין זיכער, אַלטער איז אין תמוז פאַר גרויס היץ משוגע געוואָרען — וואָס פאַר אַ האָפנונג, ר׳ אַלטער, האָט געקענט איבערבלייבען נאָכדעם, אַז עס האָט זיך אַרויס־בעוויזען צוויי חתנים?!

— לאָזט זיך דינען! — נעהמט מיך איין אַלטער — לאָזט זיך דינען, ר׳ מענדעלי! ס׳איז רעכט. עס האָט זיך נאָך געשלאָגען בּיי מיר אַ אָדער. גאָט גיט די רפואה פאַר דער מכּה. פאַרשטעהט איהר מיך, עס האָט געטאַנצט אין קאָהן טעלעצע. נאָך גאָר אויפ׳ן אָנהויב איז מיר איינגעפאַלען טעלעצע. דאָרט זענען שוין דאָ מיידלעך זיבּעלע, איהר מעגט מיר גלויבען. עס האָט מיר תחלת זיך געדרעהט אין קאָפּ מיט אַ מאָל: אליקום, געצעל, טעלעצע. פון זיי האָט מען בעדאַרפט אויסקלייבען אַ פּאָר. האָב איך בעדאַרפט גראָד בּלייבען בּיי ר׳ אליקום׳ן, און טעלעצע דערווייל אַוועקשטעלען אין דער זייט. מילא אַז דאָס אומגליק האָט מיך דאָ אַזוי געטראָפען, וואָס־זשע טהוט מען? בעדאַרף מען אַרויספיהרען אויפ׳ן פּלאַץ טעלעצע, געהויכט, געקרוינט, שוין מיט דער גאַנצער מורנו: ר׳ בּעריש׳ל! בקיצור, איך פאַררייב דעם פעהלער בּיי די פריהערדיגע בּיידע צדדים. שולדיג־שמולדיג זיי אַביסעל, איך אַביסעל, און אַביסעל אויך דאָס מזל אונזערס. מסתמא

איז נישט געווען מן השמים, נישט בעשערט, פאַרשטעה'ט איהר מיך?... עס הויבט זיך אָן דער גרויסער מזמור: ר' בעריש'ל איז אָהן עין־הרע אַ גביר, אַ דימענט, אַ בעל־צדקה, אַ גבאי אין פיעל חברות, ס'טייטש, ר' בעריש'ל! דעם טיטעל „חכם" רעכען איך נישט, ווייל עס פאַרשטעהט זיך אַליין, עס ליגט שוין אין דעם נאָמען גביר... מילא, גאָרנישט. דער פונק האָפנונג האָט אין מיר זיך אַלץ ווייטער מעהר צובּרענט. גם זו לטובה טראַכט איך, וואָס זענען ווי בּוימעל אויפ'ן וואַסער אַרויפגעשוואומען צוויי בּחורים, אַ צינד איז דאָ פאַר זיי בּיידע טאַקי צוויי בּתולות, גלייך ווי אָנגעמעסטען. ר' בעריש'ל וועט מיר צורעכט מאַכען אַלצדינג און עס וועט אם ירצה־השם זיין גוט. אַהער—אַהין, בּקיצור, איך אַרבּייט אויף אַלע כלים. איך האָב ווייטער דאָס לויפעניש. דאַכט זיך, אין פלוג, גאָר נישׁ'קשה'דיג עס האַלט אויף אַ שטיקעל שטייגער, נישמער גאָרנישט. בּעדאַרף זיך אין מיטען דרינען וואויסלאָזען דער יריד. אַ איבּערקעהרעניש, אַלע צופאָהרען זיך. צולויפען זיך, אויס געשעפטען, און פערפאַלען מיין מיה, אַזוי פיעל מיה!

— היינט פאַרשטעהט איהר?—ווענדט זיך אַלטער צו מיר מיט אַ ניגון פון געבּעט, אויסשטרעקענדיג בּיידע הענד, ווי ער קלאָגט זיך, ניסט אויס זיין שווער, בּיטער הארץ און פערלאַנגט פון מיר עפּיס אַ הילף — פאַרשטעהט איהר שוין? אַז ס'איז ניטאָ קיין מזל, דאָס פּיצעלע מזל, העלפען נישט אַלע חכמות. אוי, אַ צאָרן פון גאָט איז שוין פון אַ צייט אויף מיר אויסגעגאָסען געוואָרען, אשטראָף פאַר מיינע זינד.—„אויף מזומן נעלד!" זאָגט איהר? אַאיבּריגען גראָשען האָב איך דען אין קעשענע, אַז אָך און וועה און ווינד איז מיר!

— אַי, ווי אין בּאָד! — צוהיץ איך מיך אויף אַ קול און טוה מיך אַ געשמאַקען רוק.

אַלטער שטעלט אויף מיר אויס אַ פּאָר אויגען, שאָקעלט מיט דעם קאָפּ, שטאַרק אויפגעבּראַכט, מאַכענדיג דע־בּיי ווי אין דער וועלט אַריין:

— אַ גנב אַביסעל פון אַ יורען! אַ מענש ווערט שונא ציון, צווענט, די נאַל שפּרינגט איהם פאַר צרות, רעדט, און ער — גאָרנישט! האָט אין זינען זיין נפש'ל. אַ קאַטאָוועס, ס'איז היים ווי





אין בּאָד! וועט צושמאַלצען ווערען... איך פאַרשטעה, נישׁ'קשה, יודישע אָנשטעלען, דאָס וויל אַ יוד אַ חאַפּ טאָן זיך צוריק, אַרויסזעהענדיג. אַז בּיי יענעם איז קיין מזומנים נישטאָ, קיין געשעפטען מיט איהם וועט ער נישט מאַכען

— בּלעבּען... — רוף איך מיך אָן, אַ ציה געבּענדיג אַלטער'ן פאַר דער בּאָרד, כמנהג יוד — וואָס פאַלט אייך איין, ר' אַלטער אזעלכס צו טראַכטען? איך מיין גאָר עפּיס אַנדערש. אַייער סוף מעשה אַצינד אויף דעם יריד האָט מיר דערמאָנט אין זעהר אַ שענער מעשה אַ מאָל אין בּאָד, וואָס ליגט מיר עד היום אין טעם און קען עס נישט פאַרגעסען. אויך די אייגענע מעשה, עס זאָל דאָס פעהלען אַ האָר. נאָר דאָרט איז עס געווען בּקיצור און זיך אויסגעלאָזט מיט'ן קנאַק. מען מעג עס הערען. אָ, איהר שוויצט, ר' אַלטער! רוקט זיך, זייט מוחל, אַ קאַפּעלע אַ הין, וועל איך מיר ליגען אָט אַזוי מיט דעם רוקען צו דער זון און דערצעהלען.

אַלטער ווישט מיט'ן עק אַרבּעל פונ'ם העמד אָב דעם שווייס פון זיין פנים, נעהמט פון דער בּוזעם־קעשענע אַרויס זיין פּאָרצולייען פּיפּקעלע מיט עפּיס אַ יפה־פה אויסגעמאָלט דערויף; מאַכט אויס מיט אַ דרעטעל, וואָס הענגט אויף אַ קייטעלע בּיים טאָמבּאַקאָווען דעקעל פון דעם לולקעלע, דאָס קורצע ציבּעכעל, פון וועלכס דאָס דינע אויסגעבּויגענע מונדשטיקעל, ווי אויך דער אונטערשטער טייל, זענען גרויש־וואַרצליכע בּיינדעלעך און דאָס מיטעל־שטיקעל אַ ווייכס, אויסגעהעפּט אַרום מיט זאַמד־פאַטשערקעס; פערדרייבערט דערנאָך דאָס פּיפּקעלע, טהוט דערבּיי אַ קליין קוקעלע אויף דער יפה־פה און ציהט זיך אויס, ווי גרויס ער איז, אונטער דעם בּוים. איך הוסט מיך אויס, טהו מיך אַ רוק און הויב אָן מיין מעשה אַזוי׳

---

## ה

אין דער גלופּסקער געמויערטער בּאָד האַלט זיך זינט אַ לאַנגער צייט אויף אַ בּחור—פישקע דער קרומער. ווער פישקע איז, פון וואַנען ער איז—דאָס איז נישט מיר, נישט קיינעם איינגעפאַלען צו וויסען.

צאַרנישט! עס דרעהט זיך אַרום אַ בעשעפעניש, אַ פישקע, ווי אַלע אַנדערע פערוואָהרלאָזטע נפשות, זיין גלייכען, וואָס גיבען זיך אַ וויז ביי אונז, יודישע קינדער, עפּיס פון דער העלער הויט, ווי די שוועמליך, פאַרטיג מיט אַ מאָל, מיט די אַלע חנ'דלעך, מען זאָל עס געווען אָנהויבען זעהען, ווי זיי האָבען ביסלעכווייז געשפּראָצט, האָטש האָבען פון זיי פריהער עפּיס אַ סימן!... עס וויצען זיך ערגיץ אין לעכער קבצנים, קינדלען זיך שטילערהייד—וועמעס עסק איז עס?—פּרוכפּערען זיך און מעהרען. ס'איז אָהן עין־הרע אַ גרויס גערעטעניש דאָס קליינוואַרג גיט זיך אַ הייב אויף די פיסלעך און פלוצלים שפּרינגען אַרויס אין דער וועלט פרישצאַפּעלדיגע קליינע יודעלעך: פישקעלעך, חייקעלעך, חיים'לעך, יאָסעלעך, נאַקעטע, באָרפיסע, מיט לייבסערדאַקלעך, פּלאָנטען זיך אומעטום פאַר די פיס, אויף די גאַסען, אין די הייזער און די קלויזלעך.—קיין שטאַרק גרויסען פאַרשוין קען מען פישקען נישט אָנרופען. ער האָט אַ גרויסען פלאַטשיקען קאָפּ, אַ ברייט גרויס מויל מיט געלע קרומע ציין, רעדט שטשיפּילאַווע, קען נישט קיין „ריש" שאַרף אַרויסזאָגען און הינקט שטאַרק אויף אַ פוס. פישקע איז שוין געווען אין די יאָהרען, פון זיינעט־וועגען האָט ער שוין געקענט לאַנג חתונה האָבען און מזכה זיין גלופּסק מיט עטליכע קינדערלעך; נאָר אויף זיין פינסטער מזל, האָט מען אין איהם זיך פאַרגעסען, און ער איז, ווי אַ פוילער מין אין אונזער ספרים־האַנדעל, געוואָרען אַ לעגער־סחורה. מען האָט אין איהם זיך פאַרגעסען אַפילו בשעת דעם רעקרוטען־נעהמען פאַר חאָלערע: חתנים, דאָס הייסט, בשעת גלופּסקער קהל האָט געכאַפּט אין דער בהלה וויכטע קאַלעקעס, דראַבעס, שלעפּערס און זיי חתונה געמאַכט אויף דעם הייליגען אָרט צווישען די קברים, מיט אַבי־אָט מיידלעך, בכדי דורך דעם זאָל די שלאַפקייט אויפהערען. אָנשטאָט איהם האָט קהל דאָס ערשטע מאָל מכבד געווען מיט חתונה־האָבען דעם בעריהמטען קאַלעקע יאָנטל'ען, וואָס רוקט זיך אויף זיין געזעס מיט צוויי קליינע הילצערנע בייגקעלעך אין די הענט. מען האָט איהם געפּאָרט מיט דער אָרימע יודענע, די מפורסמת, וואָס האָט גרויסע צייהן ווי לאָפּעטעס אָ אַיין אונטערשטע ליפּ. די חאָלערע האָט זיך פאַר זיי שטאַרק דערשראָקען, און נאָכדעם אַז זי האָט פאַר שרעק מזיק געווען אין גלופּסק אַ סך מענשען, האָט זי געכאַפּט די פיס אויף די פּלייצעס און איז אַנטלאָפען... דאָס צווייטע מאָל האָט מען אויסגעקליבען נחום'צע דעם שטאָדט־מעגעני





דעם געוויסען לעקיש. לעקיש האָט אויף דעם בית־עולם, פאַר אַ גאַנצער עדה שענע יודען, צוגעדעקט דעם קאָפּ פון יענער מויד, וואָס איהר קאָפּ איז פון קינדווייז־אָן בעדעקט, איך בעט אייך מחילה, מיט אַ קרוין און אויף וועלכער עס געהט אין דער שטאָדט אַרום אַ קלאַנג, אַז זי איז אַ אַנדרוגינוס. דער עולם, זאָגט מען, האָט אויף זייער חתונה זיך גאַנץ שטאַרק משמח געווען, מען האָט זיך וואויל געטאָן און עפּיס גאָר אַ ים בראַנפען צווישען די מצבות אויסגעטרונקען. אָט, האָט מען געזאָגט, נישט־קשה! לאָזען זיך פּרוכפּערען, לאָזען יודישע קינדער, דער חלערע אויף צושפּרינגעניש, זיך מעהרען, לאָזען אָרימע קאַפּ־לעקעס נעבעך אויך הנאה האָבען... נישט דאָס בין איך אויסען, הכלל, פישקען האָט קהל פאַרגעסען. אויף גלופּסק איז געקומען ווייטער אַ חאָלערע און פישקען האָט עס פּאָרט נישט געהאָלפען. ער איז געבליבען אַ בחור ווי פריהער. אפילו די מוהמע אָהן אַ נאָז, וואָס איהר שטייגער איז צו העצקען זיך אין מיטען דער גאַס, בשעת איהר בליזמר'ל סקריפּעט אויף עפּיס אַ מין פידעלע, צוזינגענדיג דערצו אויפ'ן בי־קולכען, נעהמט צונויף אויף אַ טעלערל נדבות, בכדי צוויי מתים זאָלען געהן טאַנצען, קאַלעקעס, קבצנים, אָרימע מיידלעך זאָלען חלילה נישט פערזיצען, — אַפילו די גוטע, באַרמהאַרצדיגע מוהמעניו האָט אין פישקען זיך גאָר פאַרגעסען און איהם געלאָזט אומגעהען אָהן אַ ווייב. ס'איז אודאי נעבעך אַ גרויס רחמנות, אַ צער בעל־החיים, נאָר מסתמא איז זיין מזל שוין געווען אַזוינס.—פישקע'ס גאַנג איז געווען געוועהנטליך באָרפיס, אָהן אַ קאַפּאָטע, נאָר אין אַ גראָב געלאַטעט העמד מיט אַ לאַנגען פאַרשמאָלצעוועטען אַרבע־כנפות און תחתונים פון גראָבע לייווענט מיט אַ סך פאַלדען. זיין אַרבייט איז געווען צו געהן רופען אויף דער גאַס: „בעלי־הבתים אין באָד אַריין!" פרייטאָג און „ווייבעלעך אין באָד אַריין!" מיטוואָך.— זומער, ווען עס פלעגט זיך אָנהויבען ווייזען גאָרטענוואַרג, האָט אין דער יודישער גאַס זיך געלאָזט הערען זיין קול ווי פון אַ שלייען: „יודעלעך, אַהער! יונגער קנאָבל, יודעלעך!" אין באָד פלעגט ער היטען דאָס אָנטאָן, אונטערטראָגען אַ שעפּעלע וואַסער און אַריינלאָזען אַ קויטיג העמד אין דעם אַרבעל אַריין מיט אַ קנופּ אינעווייניג, ווי אַ מייסטער, דערלאַנגט אַ קויל פייער, וואָרפנדיק עס פון איין האַנד אין דער אַנדערער, צו פעררייכערען אַ ציגאַר טיטון, און כאַפּען דער־פאַר מיט אַ מאָל אַ האַרטען צווייער, אָדער אַ דרייער. פישקע האָט

זיך שוין נערעבענט דערמיט פאַר אַ שטיקעל כלי=קודש און געהאַט דאָס רעכט אויף געוויסע זאַכען, ווי אַ שטייגער, אַרומגעהן אינאיינעם מיט דעם פעקעל שמייסער, באָדלייט, איבער די הייזער, נאָך פורים=געלד, חנוכה=געלד, קומען מיט דער קאָמפּאַניע אויף אַ לעקעך=און=בראַנפען, אויף אַ קריאַת=שמע לייענען, אויף אַ ברית ביי בעלי הבתים אין באָד און חאַפּען אַ כּוס'ע מיט אַ שטיקעל האָניג=לעקעך און אַרומגעהן פסח מיט אַ טאָרבע צונויפנעהמען ביי די בעלי=הבתים שטיקלעך מצה. —איך האָב פישקע'ן זעהר גוט געקענט, פלעג ליעב האָבען אַריינצולאָזען זיך מיט איהם אין אַ שמועס און אָנקוועלען אַ מאָל פון זיינע ווערטער. ער איז גאָר נישט געווען אַזאַ מיאוס'ער שוטה, ווי ער האָט אויס=געזעהען. ווארום ווען איך בין נאָר אין גלופּסק, איז ביי מיר די ערשטע זאַך פון אַלע מלאכות זיך אָראָבצוחאַפּען אין דער געמויערטער באָד, אויסצופרודען די זאַכען, די זאָקען און צו פאַרען די ביינער אויף דער אויבערשטער באַנק. זאָגט אַייך וואָס איהר ווילט, דאָס איז דער בעסטער תענוג ביי מיר. וואָס קען, דאַכט זיך, בעסער זיין פון שוויצען? איך זאָג אַייך בפירוש נאָך אַמאָל, אַצינד=אַ אַפילו וואָלט איך אויך שטאַרק הנאה געהאַט פונ'ם ביסעל שוויים, ווען די זון זאָל מיר נישט זיין אַקעגען פנים. —

—רוקט זיך נאָר, ר' אַלטער! רוקט זיך, זייט מוחל, חייטער אביסעל!—אָ איהר האָט איצט אָהי עין=הרע גאָר דעם גוטען שוויים פהוט זיך נאָר, זייט מוחל, אַ רוק אָט אַזוי, אַזוי.

—נו, איין עק. אַ סוף זאָל עס האָבען!—מאַכט אַלטער אָנגע'ברוגז'ט— איך ליג שוין, דאַכט זיך, גוט. ציהט נישט, איך בעט אַייך, ביי דער נשמה און מאַכט עס בקיצור.

—האָט צייט, ר' אַלטער! דער טאָג איז נאָך גרויס—רוף איך מיך אָן און הויב אָן ווייטער צו דערצעהלען:

—אַז איך בין געווען מיט עטליכע יאָהר צוריק אין גלופּסק און פונדערווייטענס אויף דער גאַס דערזעהען פישקען, בין איך פשוט אויס דער הויט געשפּרונגען פאַר גרויס וואונדער. פישקע מיינער, זעה איך, געהט מיט די קרומע פיס, אָנגעטאָן ווי אַ שטשאָגעל אין אַשפּיגעל=נייע טשער=קאַסענע קאַפּאָטע מיט נייע שיך און זאָקען. אויפ'ן קאָפּ אַ גרויס פּליסען





היטעל און אויפ'ן האַרץ בלישטשעט איהם ערשט ניי פון דער נאָדעל, אַ לייבצודעק פון האַרט אָנגעקראָכמאָלטען ציטץ מיט גרויסע רויטע קווייטען! וואָס קען עס בעטייטען? טראַכט איך ביי מיר, זאָל זיין אפשר, קהל האָט איהם אויסגעקליבען פאָרט פאַר אַ האָלערע=חתן? גאָר אויף גלופּסק אָבער איז אין יענעם יאָהר קיין חאָלערע נישט געקומען, נישט דעריבער, ווייל מען האָט אפשר אויסגערייניגט דעם מיך, צוגענומען די בערגלעך עפּוש'דיגע בלאָטע און די גע'פגר'טע קעץ פון די גאַסען, אָדער בעלי=הבתים האָבען געמאַכט אַ האַסלע, אויף צו=להכעיס דעם גאַנץ אַלטען מנהג, ווייטער נישט אויסצושיטען דעם מיסט, אויסצוגיסען די פּאַמייניצעס אונטער דער נאָז, פאַר די הייזער? חלילה! ווי קען מען אויף אַזאַ יודישער קהילה אַזוינס גאָר טראַכטען! נאָר וואָס דען? ס'איז גלאַט געווען נאָר ריינע נסים... יודען האָבען אַפילו דענסטמאָל זיך געקלאָגט אויף די בייכער, צוביסלעכווייז אויך אונטערגעשטאָרבען. נאָר דאָס איז געווען גלאַט אַזוי, איין איבער=גאַנג. מען האָט עס צוגעשריבען די גרינע אוגערקעס. דער אָרימער עולם האָט מיט אַ הייסען הונגער זיך צוגעחאַפּט צום יונגען גאָרטענ=באַרג און... ס'איז, געלויבט גאָט, מיט חסד... נישט דאָס בין איך אויסען. דערווייל, ווי איך טראַכט דאָ און וואונדער מיך אַזוי, איז פישקע פערשווינדען געוואָרען: גראָד בין איך, נישט היינט געדאַכט, דענסטמאָל געפאַלען אויף די קריזשעס, געליטען שטעכעניש. שוין טאַקי אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזט צו דער אָדער, נישט געשטעלט קיין באַנקעס, אַ חויז נאָר אַ קעגען אַ צעהן פּיאַווקעלעך אין דער גאַנצער צייט פון עטליכע חדשים!... נו, האָב איך מיר פירגענומען, מאָרגען, בלי נדר, געה איך בייצייטענס אין באָד, וועל דאָרטען צוברענגען גוטע עטליכע שעה און שוין אָנשמעקען דאָרט אַלצדינג... נישט דוקא וועגען פישקען אַליין, ווי אויך טאַקע וועגען אַנדערע וויכטיגע זאַכען: מכוח פּאָליטיקע, פּאָטשטען און אַלצדינג, וואָס קאָכט זיך, פערלויפט זיך אויף דער וועלט און אין דער שטאָדט. דאָס איינציגע שטיקעל אָרט פאַר יודען אויף צו שמעקען, אַרויסצוגעבען וואָס עס בורטשעט אינ=עוועניג אין זיך און חאַפּען צוריק עפּיס אַ לעק פון אַנדערע. דאָרט, אין דער באָד, ווערט מען געוואָהר פון זעהר פיעל סודות, דאָרט ווערט אָבגעמאַכט זעהר פיעל געשעפטען און עס רודעוועט זיך מעהר נאָך ווי אויף אַ יריד. מען בעדאַרף אַהין קומען אין אַ פרייטאָג, זעהט מען שוינס: אין איין ווינקעל זיצען רופאים מיט דעם קליפּערציינ, אַרום זיי יודען

אַ סך. איין רופא גאָלט קעפּ, דער אַנדערער רופא מיט אַ בריטוואַ צוקאַדראַשעט פּלייצעס, שטעלט באַנקעס דעם, חאַפּט אַראָפּ געשטעלטע באַנקעס בײַ יענעם, און יודיש בלוט גיסט זיך טײַכענווייז אויף דעם פּאָל, אונטער מענשען, פערמישט אינאיינעם מיט בלעטלעך פון בעזימער און אָבגעגאָלטע האָר. דעם רופא׳ס ברענענדיג ליכטעל שמעלצט זיך מיט אַ צופלאַכטענעם קנויט, שפּריצט, בריזגעט מיט אַ בייזער, מיט אַ פלאַם־פייער פון אַ מיתה־משונה־קאָליר.—אויף די ווענט, אויף דער סטעליע נעבען אויווען הייגנען, ווי אין דעם גרעסטען מאַגאַזין, אַלערליי קליידער: העמדער, זאָקען, כל־אַ מיני לייבצודאַקען, אַלע סאָרטען תחתונים, קאַפּטענס, קאַפּאָטעס, אויך קײלעכדיגע פעלפענע היטלען.— פון דער אויבערשטער באַנק לאָזען זיך הערען שרעקליכע קולות. אַ טייל יודען ליגען דאָרט אָהן כוחות, זיפצען און קרעכצען, אַ טייל ווענען געוואָפּענט מיט בעזעמלעך און שרייען. געוואַלד, יודישע קינדער! געוואַלד האָט רחמנות! געוואַלד! געוואַלד פאַרע!... אין באָד ווערט קאַלט, אַלע שרייען, און איינער שטרעקט נישט אויס אַ האַנד אויפצוגיסען אויפ׳ן שטיין, ביז צום סוף געפינט זיך עפּיס אַ ווייסע־חברה׳ניק און מאַכט אָן אַזאַ היץ ווי אין גיהנום, אויף דערשטיקט צו ווערען. צוויי אויסגעווייקטע יודען שלאָגען זיך דאָרט פאַר אַ ראַשקעלע, אויסרייסענדיג איינער פונ׳ם אַנדערענס הענד מיט זידלערייַ אַ שרעק. אַ דאַרער מלמד, וואָס בלאָנקעט זיך דאָ אַרום אָהן געצייג, לעגט זיך אַריין אין שלום, מאַכט אַ פשרה — און אַלע דרײַ טונקען זייערע פערשמאָלצעוועטע פּאַטשיילכענס און וואַשען זיך פון איין ראַשקעלע. אויבענאָן אין אַ קופּקעלע, זיצען מיוחסים, נגידים, לײַטישע מענשען און שמועסען עסק, פון תוך־זאַכען: מכוח די טאַקסע, מכוח היינטיגע עזות־פּנים׳ער, מכוח דעם נאַבאָר, מכוח די וויבאָרעס אויף גלאַסנעם, אויף אַ רב, מכוח אַכטצעהן און דרייצעהן און מכוח דעם נייעם פּאָליצמייסטער צו זיי שאַרט זיך צו ווי אַ קעצעלע עפּיס אַ שענער יוד און מאַכט אַ שמועס מכוח דער תלמוד־תורה, מכוח די נייע גזרות, מכוח חטאים אין שטאָדט און ריימט דערבײַ איטליכען איין סודות אין אויער.. גלוצלים קומט־צו איינער אַ וואוילער יונג, וואָס שאַרפט די ציינען אויף לאַסנע און פאַרבעט מיט אַ חניפה־שמייכעלע אויף דער אויבערשטער באַנק דעם גרעסטען יחסן און בעל־דעה, וועלכען ער וויל אַביסעל אויספּאַרען טשאַקענדיג מיט זיין כבוד אַליין. דער שענער יוד, וואָס האָט אויך אַ קוק אויף עפּיס אַ התמנות און וויל אָבלעקען אַ ביין, פאַלט





דערסגלייכען אויף דער אייגענער המצאה טהוט זיך אַ ביינ מיט אַ חניפה׳לע און פאַרבעט אויך אַ יחסן צום טאַנץ. אַלע קריכען אַרויף אויבען אויף דער באַנק, די בעזעמלעך הייבען זיך און די געשעפּטען זענען אָבגעמאַכט... בזכות די מיוחסים ווערט אין באָד געשמאַק הייס, קליין און גרויס, יונג און אַלט האָבען זיך צו די כלים. דער עולם קרעכצט, אייקעט, פאַסמאַקעוועט זיך אויף אַלערליי קולות, און דענסטמאָל קריכט מיינער אַרויף העט־העט הויך אין אַ ווינקעלע, ביחידות, פאַר זיך אַליין און טהוט זיך אַ נעם פאַרען די ביינער אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— אוי, ר׳ אַלטער, אַ רוקן! האַטש אַ קליין רוקעלע, אַהין, אַהין אַ ביסעל, קיין צפון־זייט!...

אַלטער קוקט מיך אָן עפּיס, ווי אַ אָנשיקעניש, מאַכענדיג מיט די אַקסלען: נאַ, נאַ!

— האָט צייט אַ ביסעל — נעהם איך איהם איין — וואָס איז אַזוי דאָס האַפּעניש? באַלד, באַלד! לאָמיך נאָר אַ קאַפּעלע זיך אָברוהען.

---

## 1

אַלטער האָט זיך עפּיס צו שטאַרק געפּאָרעט מיט דעם מונדשטיקעל, וואָס איז געווען מיאוס פערליינט, דערנאָך האָט ער עס אָבגעדרעהט פון ציבעכעל, שילטענדיג עם מיט סעדראָס, איינגעזעצט אַנשטאָט איהם אַ גענזען־פעדעל, פערררייכערט אויף דאָס ניי זיין פּיפּקעלע — פוף־פוף פוף — און אַרויסגעלאָזט ווי פון אַ קוימען אַ גאַנצען וואָלקען רויך. איך האָב אַ ביסעל אויסגעגלייכט די אַלטע ביינער און ווייטער אָנגעהויבען צו דערצעהלען.

אויף מאָרגען בין איך געקומען און באָד בייצייטענס, אַ סך פריהער, איידער דער עולם איז זיך ביסלעכווייז צונויפגעקומען. בערעל דער שמייסער איז געזעסען אין הויז אויף אַ באַנק צווישען ראַשקעלעך, אויפגעשטעלט ווי אַ כורעם איינע אין די אַנדערע און געבונדען בעזעמלעך, איבער־

קוקענדיג די בלעטלעך מיט אזא ערענסט פנים, ווי א יודענע קלויבט ארבעס. נישט ווייט פון איהם שטעהט נעבען איווען איציק דער היטער, א יוד מיט א גרויסער בארד, וואס איז אין דעם ברויט א יאהר דרייסיג, טהוט נישט מעהר ווי קוקען מיט צונויפגעליגטע הענד אויף די פעקלעך זאכען, צו־ווינשעווען איטליכען ביים ארויסגעהן פון מרחץ „צו רפואה!" און ציהט דערפון דאס שטיקעל פרנסה. ער גענעצט אויף א קול, אויסציהענדיג דערביי די הענט אין דער הויך, מאכט א חשבון, וויפיעל דאס ווייב בעט אויף שבת, שמועסט־איבער מיט בערלען פון די היינטיגע שענע פערדינסטען, שפעט־אויס איטליכען פון די בעלי־הבתים בעזונדער. מאכט אלע אויסצודרעהען, דער איז אזוינער, יענער—אזוינער, נישטא די מענשען וואס אמאל, גאר נישט דאס מרחץ וואס פריהער. ווייניגער פון א זעקסער האט דער קארגסטער אפילו נישט געוואוסט, און היינט... טהוט ער א שפיי און לאזט־אויס: היינט מעגען זיי אלע די כפרה ווערען!—

בערעל און איציק האבען מיר געמאכט א גרויסען „ברוך־הבא", שוין מאקי א היבשע צייט אז מיר האבען זיך נישט געזעהן און איך בין ביי זיי געווען זעהר איין אנגעלעגטער גאסט, מיר האבען זיך צושמועסט וועגען פיעל זאכען און כ'בין אין דער מיט שמועס ארויפ־געקומען אויף פישקען. וואו, פרעג איך, איז אונזער פישקע?

—פישקע!—מאכט בערעל, א טרעסע געבענדיג דאס בעזעמעל—ד ג־העו! פישקע איז א מענש, א בעל־הבית'על, איבערגליקליך!

—פישקע!—זאגט איציק, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ—פישקע איז היינט א פריץ! אויסער זיין שאדען, געזאגט געווארען אויף א סך!... נו, פישקע! ער האט זיך גאר קיינמאל אזוי גוט נישט געוואונשען.

אט וואס בערעל דער שמייסער האט מיר לסוף דערצעהלט:

—א דאנערשטאג פארנאכט איינמאל, איינהייצענדיג אין אלע אויווענס און זיך שטארק אנגעמארדעוועט פון דער ארבייט, לעג איך מיך מיט חברה אין באד אויף די ביינק, אביסעל דעם אטהעם צו חאפען. חוץ אונז זענען רארט געלעגען אויסגעצויגען נאך עטליכע יודען בטלנים, וואס האלטען זיך דא אויף. ווי מיר ליגען זיך דא אזוי רוהיג, רייבערען און שמועסען זיך אזוי גאנץ פרעהליך, מיט אמאל





הערען מיר, ווי מען פאהרט עפיס צו, גלייך צו דער באד. נו צוגע־פאהרען—צוגעפאהרען, וואס מאכט עס אוים? איידער מיר קוקען זיך ארום, קומען אריין דריי אייזערנע, געזונטע פארשוינען, אלע אין איין קול: „גוט נאווענט, ידען! וואו איז פישקע? גיט אהער פישקען!..." דא האב איך מיך שוין טאקי אביסעל ווי דערשראקען: וואס הייסט עס פאר א לשון, עפים גאר אין איין אטהעם: „גיט אהער פישקען" באלד אבער האב איך זיך צוריק מישב געווען, וואס איז דא אזוי דער שרעק? קיין גנב חלילה איז פישקע נים, עפים געשעפטען גרובע מאכט פישקע אויך נים און ווען אפילו די פארשוינען זענען חאפערס, וואס־זשע הערט זיי פישקע? אקוראט ווי דאס מילבעדיגע קלינגעל. מיט זיינע מעלות איז פישקע, ברוך־השם, בעוואהרענט פאר א רעקרוט.

—פישקען בעדארפט איהר?—רוף איך מיך אן בעהארצט—ער איז אצונד נישטא. נאר זאגט מיר, פעטערס, צו וואס טויג אייך פישקע? איך וויל עס וויסען.

די יודען קוקען זיך איבער א ווילע צווישען זיך, דערנאך טרעט איינער פון זיי ארוים און מאכט צו מיר: מהיכא־תיתי, מיר וועלען אייך זאגען. פאר וואס נישט? מען האט חלילה דערמיט זיך נישט צו שעמען: דאס איז א יודישע זאך. די מעשה דערפון איז אזוי:

די בלינדע יתומה קענט איהר דאך, די בלינדע יתומה, וואס זיצט שוין פון גאנץ לאנג נעבען דערטוי טער שול, ביים אלטען בית־עולם, און בעט נדבות מיט דעם בעקאנטען לידעל, וואס איינער פון די בריות האט אויף איהר געמאכט. די דאזיגע בלינדע יתומה איז היינטיגס יאהר געבליבען א אלמנה. זי האט זיך געאיילט גיך צו פער'קנס'ען מיט עפים א טרעגער, זיך מתחיב געווען, איהם אויסצוקליידען בעל־הבתיש און געבען איהם זיין בעדערפעניש, דערצו נאך אביטעל געלד. היינט האט געזאלט זיין די חופה. מען האט אנגעגרייט זעהר א גוטע וועטשערע: בראנפען, בולקעס, פיש און טאפ־געבראטענס. א גילדע־נע יויך מיט עופות, ווי דער שטייגער איז ביי יודישע קינדער. דאס אלצדינג קאסט געלד. אז מען איז אינגאנצען פארטיג געווארען, די כלה אויסגעפוצט, אויסגעשלייערט, שיינט, לויכט, ווי א יודישע טאכטער, איז מען געגאנגען צו דעם חתן נעהמען איהם צו דער חופה. דער תכשיט אבער, הערט נאר, איז גאר נישטא אין דער היים! מען ווארט א שעה, נישטא, מען

וואַרט נאָך אַ שעה, ער קומט נישט, ער איז ווי אויסגעטריקענט געוואָרוועָן וואָס לאָזט זיך צום סוף אויס? דער בחור, ברענגען זאָל ער, האָט חרטה! באַשר זיין באָבע, וואָס איז אַזוי פיעל יאָהר שוין אַ קעכנע בײַ אונזער נגיר, לאָז געזונד זיין, וויינט, ליאַרעמט, פילדערט, שרייעט אויף דעם שידוך, סאיז איהר נישט לכבוד. זי דינט פאָרט אַזאַ צייט בײַם היגען גביר, איז אויגעקאָכט מיט אַסך בעלי־הבתים אין דער שטאָדט, וואָס גיהען צום גביר אויף דער הינטערשטער טיר דורך דער קיך. זי קען מאַכען אַ גוטען קוגעל מיט חאַנציעס קבלה און צו איהרע חרעמזלעך איז קיין גלייכען נישטאָ. עפּיס אַ קאַטאָוועס אַ קעכנע אין דעם גביר׳ס געזינד, וואָס האָט אין יאַטקע די גרעסטע דעה, וואָס דער שמש פון דער שוהל ברענגט איהר מיט זיין כבוד אַליין דעם אתרוג בענשען, וואָס דער אונטער־חזן אין דעם קלייזעל לייענט איהר פורים די מגילה אין דער קיך און ריקלע די זאָגערין טרינקט בײַ איהר אַ גלעזעל ציקאָריע ראש־השנה נאָך אויסגעהמעניש. פאַר וואָס־זשע זאָל היינט דאָס אייניקעל איהר אויף דער עלטער דאָס פנים פערשוואַרצען און צושטערכען איהר דעם גאַנצען יחוס? ניין, חאָטש האַקט איהם און בראָקט איהם. שריי חי וקים, עס העלפט נישט. ער וויל נישט דעם שידוך, וויל נישט די כלה. רופט מיך, זאָגט ער, קנאַק־ניסעל און לאָזט מיך צום ונתנה־תוקף — מיר אַלע זענען געבליבען ווי אויף דער מילכעדיגער באַנק. עס טהוט אָבער קיינעם נישט אַזוי באַנג דער חתן ווי די מעטשערע. וואָס טהוט מען מיט דער מעטשערע, מיט אַזעלכע פיש און געבראָטענס? מיר מתעסקים האָבען אַ גאַנצען טאָג זיך אָנגעמאָרדעוועט, אַרומגעלאָפען, געטאָן, געאַרבײַט. אונז קומט נאָך אויך פונ׳ם שדכנות. אַ עברה, כלעבען, אַזוי פיעל מיה אונזער מיה, אונזער אַרבײַט! מיר האָבען געטראַכט, געטראַכט, געקלערט, געקלערט און אונז איז אײַנגעפאַלען פישקע! לאָז ער, כ׳לעבען, אַרויספיהרען איטליכען פון דער נויט. לאָז פישקע, כ׳לעבען, זיין דער חתן, וואָס מאַכט עס אויס? וואָס קען עס איהם אַרען? מיר זענען דאָס אַצונד געקומען נעהמען איהם באַלד טאַקע צו דער חופה אָנשטאָט דעם טרענער.

אין דעם ווי די יודען טענה׳ן דאָ אַזוי, קומט אָן פישקע. מיר האָבען איהם געטאָהן אַ נעהם, געחאַפּט די כשר׳ע מציאָה, נישט צו מאַכען מיט איהם קיין פיעל הסברות, קיין לאַנגע שאַלות: גיה, בחור, מיט די קראַנקע פיס, געוונג זיך געפאַסעט, גיה, בחור, אונטער דער חופה! —





מען האָט אַלצדינג אָבגעמאַכט גאַנץ געשווינד, גאָך איידער פישקע האָט צייט געהאַט אפילו זיך אַרומצוקוקען. חברה האָט געהאַט אַ גוטע מעטשערע, געגעסען, געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטעהט און צוגעווינטשעוועט דעם נייעם פאָר־פאָלק.

פישקע נעהמט עס היינט אין דער טשערקאַסענער קאַפּאָטע, וואָס אין איהר האָט געזאָלט געהן דער טרעגער און איז גאָר דער וואוילער יונג. זיין אַרבײַט איז היינט, אַרויסצופיהרען אַלע פריה־מאָרגען זיין ווייב, די בלינדע יתומה, אויף איהר אָרט נעבען אַלטען בית־עולם און תחילת הלילה אַוועקצופיהרען זי פון דאָרט צוריק אַ היים. מיט עסען און טרינקען האָט פישקע נישט וואָס צו זאָרגען. זיין ווייב איז אַן אשת־חיל, האָט אַ שטענדיגע גוטע פרנסה אין די הענד. דאָס פּאָר׳ל האָט זיך ליעב, איינער דעם אַנדערען האָט נישט חלילה אויסצוזעצען קיין הסרונות.

אָט דאָס, ר׳ אַלטער, האָט מיר דערצעהלט בערעל דער שמייסער. זעהט איהר שוין, רוף איך מיך אָן, וואָס אויף דער וועלט קען זיך טרעפען. ווי אַזוי מען פאָרט בײַ אונז יודעלעך הינקעדיגע מיט בלינדע, ווי אַזוי מען שטעלט חופות, מאַכט זיווגים, צוליעב וואָס? די כהוערם זאָלען זיך זאַט אָנעסען, אָנטרינקען! אַזוי איז בײַם געמיינעם עולם, בײַ די אָרימע און אַזוי אויך בײַ די נגידים. דאָרט ווערט אויך זעהר אָפט געשלאָסען אַזעלכע מיני שידוכים, וואָס נישט געשטויגען. עס פאַרשטעהט זיך, צוליעב איין אַנדער מין מעטשערע, מיט איין אַנדער חן... נישט דאָס בין איך אויסען. זאָרגט, כ׳לעבען, נישט, ר׳ אַלטער! אויב אײַך איז נישט געראָטען פאָרען מיט אַ בחור אַ זכר, דערפאַר וועט אײַך געראָטען, אם־ירצה־השם, צוזויפיהרען עפּיס איין אַנדער מין שידוך. פאַלט נאָר בײַ אײַך נים אַראָב. ניש׳קשה, כ׳לעבען! איך זעה, איהר מוינט, איהר האָט נעהאַפּט דעם סטריה באַלד טאַקי, נאָר לומדי׳יש. פאַרקעהרט, אַדרבה, אָנגעהויבען אײַער ני נעשעפּט האָט איהר גאַנץ גוט, ווי אַ לאַנד־שדכן טאַקי. אַי וואָס, דער בחור... נו, בע, כ׳לעבען! דערפאַר אָבער אַז איהר וועט ערגיץ שוין אָנשמעקען אַ מויד, וועט עס שוין געהן ווי אַ מזמור. אַ בלינדע, אַ שטומע, אַ קרומע, נעה, טאָכטער, געה מיט מזל אונטער דער חופה! דער דרוקער מאָנט געלט, די שקאַפּע בעדאַרף עסען, די בתולה מיינע מוז חתונה האָבען,

מיין ווייב איז געלעגען געוואָרען, למזל, מיט אַ יונגיל, נעה־זשע, טאָכטער, נעה, רוק זיך אונטער דער חופה!...

רוקט זיך נאָר, אין מחשבות'ן, ר' אַלטער ווייטער אַביסעל. אָ, איהר שוויצט, אַהו טיז־הרע ווי אַ ביבער! שוויצט, שוויצט געזונדערהייט!

———

## ז.

מילאָ בקיצור, חי די מעשה איז, דערוויל איז שפל! — מאַכט אַלטער, ווי אַליין צו זיך, מיט אַ קרעכץ, בעטריבט, פעראומערט און גרויסע טראָפען שוויס טרעטען איהם אַרויס אויפ'ן פנים. ער הייבט אויף די אויגען, דערלאַנגט אויף מיר אַ בליק, עפּיס מיט אַזאַ ריהרענדיג קנייטשעלע, מיט אַזאַ רחמנות־פנים'על, ווי אַ זויגענדיג קינד קוקט אויף דער מאַמע, בשעת עס לעכצט נאָך דער ברוסט. אַלטער נעבעך האָט געמיינט פרנסה, עס האָט איהם געצויגען צו מאַכען מיט מיר עפּיס אַ געשעפטעל, וואָרום חי ליגען עס צוויי יודען מיט בערד, אין מיטען העלען טאָג, גלאַט בּ״י אָהן עסק?! ווען צוויי יודען זאָלען אַ שטיינער, פערוואָרפען ווערען ערגיץ אין אַ עק אויף אַ וויספע, וואו חוץ זיי איז נישטאָ קיין לעבעדיג בעשעפעניש, איז גאַנץ זיכער, אַז איינער וועט מיט דער צייט מאַכען עפּיס אַ קלייטעל, דער אַנדערער — אויך עפּיס אַ שטיקעל געשעפט, ביידע צווישען זיך וועלען האַנדלען, איינער דעם אַנדערען באָרגען, געבען אין קאָמיסיע און איינער פונ'ם אַנדערען ציהען דאָס שטיקעל פרנסה. אַלטער האָט באַלד טאַקי אַ פרעג געטאָן: „וואָס געפינט זיך בּיי מעלתו היינט עפּיס אין ביידעל?" עס האָט אַזוי פיעל געהייסען ווי: מאַמע, טיטע!... צופאַקט איך, ר' מענדעל, און אַרויס מיט דער סחורה!

אין ברירה! מען טאָר זיך ניט פוילען. איך נעהם אַפיר מיין פּעקעל סחורה, אַלטער זיין פּעקעל און נעהמען זיך קנעלען, געשמאַק צום עסק. מיר סטעבעווען, בייטען, איך גיב אַלטער'ן אין חילוף אַריין בריה'שע ביכלעך מיט קורצע שה־ה'לעך און הה, אהה, ווה־געשריי־





גען! — וואָס איך וויל זיי פטור ווערען, ער איז אָבער אויך קיין גישט און וויל זיי אַפילו אין די הענד אַריין נישט נעהמען.

— פוילע סחורה! — זאָגט אַלטער, פערקרימענדיג זיך — שמאָכטעס פון עפּיס פערשימעלטע באַנק־קוועטשערס, אָרימע בעלי־עברות! וויים איך וואָס זיי האָבען דאָרט עפּיס אָנגעמאַכט! פאַר וועמען? קיינער פונ'ם עולם פאַרשטעהט דאָרט נישט אַפילו קיין וואָרט. עפּיס טערקיש, משטיינס געזאָגט, לשון!.. איינמאָל שוין געטאָן אַ נאַרישקייט פיהרען מיט זיך אַזאַ לעגער־סחורה. פע, כ'לעבע! גיט אַ הער, ר' מענדעלי, עפּיס רעכטס!

איך לייג אַרויס רומי״ל, איין מין נאָך דעם אַנדערען, מיין אַלטער קווינקעלט זיך אַלץ, זעצט־אויס חסרונות. צו איין מין אָבער בעקומט ער שטאַרק חשק און איז צו איהם ווי צוגעזאָטען געוואָרען. ס'איז באמת געווען נאָר אַנטיק. די בלעטלעך פון כל־אַ־מיני קאָלירען, און נישט פון איין גרויס. די אותיות אַביסעל מטושטש פון אַלערליי שריפט: רש״י, דימענט, פערל, פרקים, גרויס און קליין חעליש. דאָס אויס־שטעלעכטס גאָר אַ וואונדער, שמאָלע פאַסיקלעך אָנגעדרוקט מיט קליינע אותיות'לעך בּיי די זייטען, אַ ברייטער פאַס מיט גרעסערע שריפט אינווייניג אין דערמיט, אונטען אַ בויך מיט פיצעלעך אותיות, אָנגעזעצט חי מאָהן, און צווישען די אַלע שטיקלעך ציהען זיך אין דער לענג, אין דער ברייט סטעזשקעלעך, ווי ווייסע שמאָלע בענדלעך, די אַלע גוטע מעלות, וואָס יודען אין אונזער ווינקעל האָבען ליעב. פאַרווענדטע בלעטלעך איז אין פיעל שטעלען אויך געווען. דאָס איז דאָך ערשט די גאַנצע חריפות: אַדרבה, לאָז אַ יוד ברעכען דעם קאָפּ, פאַלען אויף דעם שכל און געפינען. גלאַט אַזוי, פראָסט, ווי עס געהער צו זיין, קען דאָך אַפילו אַ גראָבער יונג אויך אָנטאַפּען... פון גרייזען רעדט מען שוין נישט, דאָס מוז שוין דאָך זיין. און וועמען געהען זיי אָן? אַ יוד האָט אַ קעפעל און איז נישקשה נישט קראַנק זיך אָנצושטויסען, וואָס מען מיינט. נאָר אַ לשון, אַ לשון איז עס דאָרט געווען קונציג וואויל גאָר נישט צום פערשטעהן! אַקוראַט אין דעם יודישען נוסח. אָץ־קוציץ" איז דאָך עפּיס אויך גענוג גוט, האַרבליך מחיה, נאָר אָץ־קוציץ־לשון שרייבען בּיי אונז היינט געוועהנטליך אויך פיעל אַנדערע, מען קען פאָרט חי עס־איז זיי איינבייסען, טרעפען וואָס זיי מיינען. מילאָ

וואָס=זשע איז דאָס אַזאַ חשיבות ? וואָס=זשע לאָזען זיי מיך דאָ הערען ? גוט, אמת גוט איז בײַ יודען נאָר אַזוינס, וואָס ברעכט דעם מוח און אוממעגליך צו פאַרשטעהן. אז מען פאַרשטעהט עס נישט, מסתמא מוז דאָך דרינען עפּיס שטעקען... נישט דאָס בין אויסען.

מײַן אַלטער האַפּט דעם דאָזיגען מין סחורה מיט בײדע הענד און מען זעהט, ווי עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד. דערנאָך בײטען מיר תחינות אויף בבא=מעשיות, מענה=לשון'ס אויף טויזענט=און אײן=נאַכט, שיר=המעלות'ן אויף קמיעלעך; סטעבעווען אַ מאה זשיטאָמירער סליחות אויף בערשעטער טלית=קטנ'ס, ווילנער קינות אויף שופרות, חנוכה=לעמפּלעך אויף וואָלפּצײיהנדלעך, שבת'דיגע מעשענע לײַכטער אויף הבדלות און קינדערשע בליטשקענע יאַרמולקעלעך. בײדע צדדים האָבען דערווײל פונ'ם גאַנצען משא=ומתן קײן גראָשען אין די אויגען נישט געזעהען און געבליבען שטאַרק צופרידען, גלאַט פונ'ם האַנדעל אַלײן. מען האָט דאָך געטאָן, געהאַנדעלט, געמאַכט געשעפטען, נישט געזעסען לײדיג. אַלטער'ס מרה=שחורה איז ווי אַ רויך פערשווינדען געוואָרען, ס'איז איהם געווען צו דערקענען אין דעם פּנים, אַז יאַרמעליניצער יריד מיט זײַן פינסטער מזל איז איהם פונ'ם זינען אַרויסגעגאַנגען. ער רעכענט עפּיס שטילערהײט פאַר זיך אויף די פינגער, האַלטענדיג דעם לינקען אויער אָנגעבויגען, גלײך ווי אין קאָפּ בײַ איהם חשבונ'ט אַ בוכהאַלטער, צו וועלכען ער האָרכט זיך גוט צו, און, אַ פּנים, דער חשבון ווײַזט אויף אַ פּערדינסטעל, אם=ירצה=השם, ווײל דאָס מויל שפּאַלט זיך איהם אין דער גאַנצער ברײט און פון צווישען זײַנע געדיכטע וואָנצעס בליצט אַרויס אַ זיס שמײכעלע.

„ערווײל איז געוואָרען מנחה=צײַט. אַ געשמאַק ווינטעלע הויבט=אָן צו בלאָזען און אויפ'ן הימעל ווײַזען זיך שטיקלעך וואָלקען, אויף וועלכע מען האָט, ווי אויף טײַערע געסט, שוין אַ לאַנגע צײַט אַרויסגעקוקט. די בוימער הויבען פּאַמעליך אָן זיך צו שאָקלען, אײנער צום אַנדערען אײַנגעבויגען דעם קאָפּ. און פּיהרען צווישען זיך אַ שמועס אויף זײער לשון, נאָכדעם אַז זײ האָבען אַזוי לאַנג געשוויגען שטיל. דאָס ווינטעלע האָט אויפגעוועקט די שלאָפעדיגע תבואה, אַלע זאַנגען האַפּען זיך ווי יונגע קינדער אויף מיט אַ קול און צוקושען זיך גאָר פרײַנדליך. גאַנס בעשעפעניש רירט זיך אומעטום: אויפ'ן פעלד, אין וואַלד און אין דער לופט. אײנס נאָך





דאָס אַנדערע טרעטען שפּילפײגלעך אַרויס, אויף צווײַגלעך, בײמלעך, נידעריג און גאַנץ הויך, פּוצען זיך די פּעדערלעך, אַ וויש מיט דעם שנעבעלע, אַ טרעסע, אַ שאָקעל און הויבען אָן די זיסע זמירות, צו זינגען, צו שווישטשען. באַבעטשקעס, רײַך געקלײדט אין אַטלעס, סאַמעט, מאָדע=אַנטיק מיט טײַערע צירונג האַפּען אַ טענצעל, שוועבענדיג אין דער לופט, הויבען זיך, דרעהען זיך און מאַכען חן. צוויי בושלעס, גוואַרדײצעס, מיט לאַנגע, רויטע פיס שטעהען אויפ'ן גראָז, פערדרײסענדיג די קעפּ אין דער הויך און קוקען מיט גדלות. עפּיס אַ קונדעס, אַ פויגעל, שטיפט, פליהט פון אײן בוים צום אַנדערען, מאַכט „קוקו, קוקו!" ווי ער שפּילט זיך אין באַהעלטעניש. איהם ענטפערט אָב פון צווישען ווײץ און קאָרן אײן אַנדער מין פויגעל עפּיס. „פּיק=בער=וויק, פּיק=בער=וויק!" ווי גערעדט: אײביג וועסט=דו מיך דאָ נישט האַפּען, חאַטש שיט מיר אָן זאַלץ אויפ'ן עק, פּאַקט זיך, ר' קרוב, ווײַטער און אַוועק, אַוועק!... נישט ווײַט אין אַ וועלדעלע קנאַקט דער סאָלאָווײ, צולאָזט זיך אויף זײַן העלזעלע, מאַכט זיסע שטײגער און שפּילט גאָר מחיה. איטליכער, וואָס קען נאָר עפענען אַ מויל, האַלט דעם וועלט=בעריהמטען חזן אונטער. זשאַבעס אַפילו פון די טײַכלעך ערגיץ טערעלײקען, אַפילו פליגען, בינען האָבען נישט געשוויגען און דער זשוק, דער שײגעץ, דער אָנחאַפּער, האָט פליהענדיג אויך געזוזשעט. דאָס איז געווען אַזאַ קאָנצערט, וועלכען מען האָט געמעגט אויף בילעטען געהן הערען... די גאַנצע וועלט איז עפּיס ווי לעבעדיג געוואָרען און בעקומען אַ פרעהליך פּנים. אַ פרײד, אַ פאַרגעניגען צו הערען, צו זעהען, צו שמעקען די זיסע ריחות פון אַלע זײַטען.

— ר' אַלטער, ס'איז גוט! ר' אַלטער, ס'איז שעהן! עס ציהט עפּיס בײַ דער נשמה, עס רעדט עפּיס צום האַרצען: גאַנס וועלטעל איז שעהן, גאַנס וועלטעל לעבט! עס ציהט און גלוסט זיך אַרײַנוואַרפען זיך עפּיס אַהין, אַהין מיט הענד און מיט פיס...

— ר' מענדעלי, בע... ר' מענדעלי, עט... פע! — טהוט אַלטער אויף מיר זיך אַ קרים — שוין צײַט בעסער מנחה דאַווענען. פאַרגעסט בעסער נישט פון אײַערע אַלע זאַכען, צו זאָגען „עננו"...

איך פערבינד די זאָקען, גאַרטעל=אַרום מיט אַ פּאַסיק די קאַפּאָטע און הויב=אָן זאָגען „קטורת" אויף אַ בײַ=קול, גאַנץ לוסטיג. מײַן אַלטער, זאַל

לעבען, צוזאמען זיך באלד טאקי נאך מיר אויף דער גראבער סטרונע, אויף דער געמבע, און מיר ביידע ניבען-אב א שבח זיין ליבען נאמען, בשעת אלע קרייטיסצער און בלעטלעך אויף די פעלדער, אלע חיות און עופות אין די וועלדער לויבען גאט, זאגען שירה.—

נאך ביים אנהייב „פטום הקטורת״, אז אלטער איז ארויס מיט דעם גאנצען אפטייקעל קרייטיכצער און געווירצען: החלבנה—טייוויל-קויט, והלבונה—לויטערע ווייראך, הצפורן—א ווארצעל גלאט ווי א נאגעל, איינגבער און שטיינגלעך זאפרען, האט ער ארויסדערטאפט פון אונטער דער קעלניע דאס בעל-העגלה'שע טריף-געווירץ, א קליין פעסעלע „מאזניצע״ מיט סמאלע. מיט דעם דאווענען איז ער פארטיג געווארען גיך, און בשעת איך האב נאך געהאלטען אין דער מיט, האט ער שוין געשמירט די רעדער.

— האיעט נישט, ר׳ מענדעלי, מאכט עס בקיצור—טרייבט מיך אלטער אונטער—נעהמט זיך איהר דא צו אייער וואגען און איך וועל דערווייל א געה טאן נאך די פערדלעך, צייט צו פאהרען. ביז נאכט קענען מיר גאנץ ווייטליך איינפאהרען.

אלטער גערט באלד טאקי אוועק און איך נעהם מיך צו דעם וואגען, טאן איהם זיין רעכט. איך איל מיך נישט, שמיר די רעדער בעל הבית'יש, איך קארג נישט קיין טריף-געווירץ, בעטראכט מיר די אקסען, איטליכס פיצעלע בעזונדער. דאס האט געדויערט א היבשע צייט — און מיין אלטער קומט נישט. די פערדלעך האבען געמוזט פארגעהען ווייטליך אביסעל אין וואלד און זיך גוט אונטערגעפאסעט. אזוי דענק איך מיר און טהו אקוק אויף דער זון, וואס האלט נאהענט ביים אונטערגעהן, איך שטעה מיר אזוי אוועק ווייטער א היבשע צייט. די זון האט זיך שוין געזעצט. איהרע לעצטע שטראהלען קריכען ביסלעכווייז אראב פון די בוימער, אויף וועלכע זיי האבען ערשט אזוי פרעהליך-לויכטענדיג זיך געשפילט, זאגען דעם וואלד: א גוטע נאכט!...

עס בעפאלט מיר עפים א מורא. אפשר איז אלטער'ן נישט גוט געווארען? א קאטאוועס נאך אזוי פיעל שוויס, נאך אזא לאנגען טאג פאסטען! אפשר איז ער דארט ערגיץ חלשות געבליבען, אדער אפשר איז איהם דארט עמיצער בעפאלען? ס'איז דאך א וואלד, א פארלעגע





ארט, אין דער זייט וועג! מען טהאר אזוי די זאה נישט לאזען, מען מוז געהן זעהן.

איך טאך מיר הארץ און געה אין וואלד אריין, איך געה און זוך, א עברה אבער די מיה, אלטער און די פערד זענען אזוי ווי אין וואסער אריינגעפאלען. איך בין שוין פערגאנגען טיעפליך און קום לסוף צו עפים א לאנגען, שמאלען טאל, וואס האקט פאר מיר איבער דעם וואלד אין צוויי טייל. דער טאל איז בעוואקסען מיט טשערעט און מיני בוימלעך שטעכעדיגע ווי דערנער, און ציהט זיך מיט איין זייט שוים שליאך, מיט דער אנדערער ערגיץ אנדערש, העט-ווייט צו אלדי שווארצע יאהר. דער וואלד שטעהט און שלאפט, איבערגעדעקט פון אויבען עפים מיט א טונקעלען פארהאנג. ארום און ארום איז שטיל. נאר צייטענווייז הערט מען, ווי צוויי הויכגעוויקסיגע ביימלעך, נאהענטע שכנים, שושקען זיך מיט אראבגעלאזענע קעפ צווישען זיך, איינער דעם אנדערען א קיצעל געבענדיג הינטערוויליכם מיט די צווייגען, אדער ווי א פאר בלעטלעך ערגיץ פלאטערען, בערידערן זיך, גלייך ווי עס גרימט זיי עפים און לאזט זיי נישט רוהען. דאס רעדט דער וואלד פון שלאף. דאס חלום'ט זיך איהם נעכטיגער טאג מיט אלע לייד און פרייד אין איהם. דער שארך פון די דארע ריטלעך דארט— דאס קומען איהם צו חלום ביימער נעבעך, וועלכע מען האט פאר דער צייט אויסגעהאקט. דער קלאפ ביים אראבפאלען עפים פון דער הויך— דאס בעטייט א נעסט מיט יונגע אונשולדיגע פייגעלעך, וואס דער שפארבער, דער זשוליק, האט פלוצלים צושטערט, און דאס טאקי פלאטערען די בלעטלעך דארט אויף דער טויטער מוטער מיט איהרע דער'הרג'עטע קינדער, וואס קומען א צונד איהם צו חלום... עפים א גאנצער וואלקען מרה-שחורה רוקט זיך אן אויף דעם וואלד און אויף דער נשמה מיינער. דער כוח-המדמה, דער פאקוסניק, דער וועלט-בעריהמטער ליגנער, מעקלערט-אוים מיט שווינדעל יפים א מין שותפות-געשעפטיל, א קאמיסיע צווישען מיר און דעם טייל, וועלכען איך שטעה און קוק אן. איך בעקום פון איהם א טראנספארט משונה שרעקליכע בילדער, און פון מיין קאפ-פאבריק געהען די אייגענע סחורה, איבערגעמאכט אויף א אנדער שטייגער, מיט נאך פיעל חילדע זאכען, אהין צוריק. אין איין טראנספארט קומט מיר פון דארטען אן א מת, א דער'הרג'טער אלטער יקנה״ז, און ביינער פון

אונזערע פערד, צוויי פגירות. ביי מיר אין קאָפּ ווערט עס קונציג אויסגעאַרבייט מיט טויזענטער פערפוצונגען, און באַלד טאַקי, גיך, פלינק טראַנספּאָרטירט צוריק מיט אַ גזלן אַ רויטען, אַ געזונטען און אַ וואָהל מיט אַ קאַרק און שרעקליכע צייהן אַ צוגאָב דערצו.—

און ווי איך האַלט שוין אויף אַראָבצוגעהן אין דעם טאָל, שטעלט מיך פלוצלים אָב אַ געדאַנק אַזוי: די בידלעך שטעהען דאָרט אויפ׳ן פעלד הפקר, פונ׳ם גאַנצען ביסעל פאַרמעגען אונזערס קען חלילה נישט בלייבען קיין זכר. עס וואָלט נישט געשאַדט פריהער אַ קוק צו טאָן, גאָר זעהר מעגליך אפשר, אַז אַלטער האָט שוין לאַנג זיך צוריק געקעהרט מיט די פערד און בעאומרוהיגט זיך אַ צונד וועגען מיר. דער דאָזיגער געדאַנק לעגט זיך מיר אויפ׳ן מוח און ווער ביי מיר עפּיס שטאַרקער. די האָפנונג ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער אַזוי, ביז זי צערייסט די געדיכטע וואָלקענס מרה־שחורה אַז עס לייטערט מיר זיך אַביסעל־אוים אויפ׳ן האַרצען.

איך לאָז מיך געהן געשווינד צוריק.

---

# ח

נאָט האָט געהאָלפען, איך בין געקומען בשלום און נישט אויסגעבראָכען קיין פוס ביי איטליכס מאָל פאַלען אויפ׳ן וועג, אין איילעניש אָנשלאָגענדיג זיך אין אַ בוים. דאָס אויפשטעהן אַ געפּאַלענעם אין וואַלד איז חלילה נישט מיאוס אַזוי ווי אין שטאָדט, וואו מענשען שטעהען און לאַכען. דעריבער פלעג איך איטליכס מאָל מיך גאַנץ פיין אויפהויבען פון דער ערד מיט גרוים הגאה און געלויבט גאָט, וואָס האָט מיט חסד. און אַז דער חסד פון גאָט איז יאָ אַזוי גרוים מיט מיר, האָב איך שוין געהאַט דאָס רעכט צו טראַכטען, מסתמא וועל איך קומענדיג אויך זוכה זיין צו טרעפען מיין אַלטער׳ן מיט די פערד. נאָר אַזוי פיעל גנאָר פון זיין ליבען נאָמען האָב איך נישט פערדינט.—

אַלטער איז נישטאָ!

איך בלייב שטעהן ווי אָפּגעבריהט. זעהר נישט גוט אויפ׳ן האַרצען! גאָט ווייסט, וואָס מיט אַלטער׳ן איז געשעהען, וואו זיין





געבייין איז אַהינגעקומען. דאָ האָט דאָס פינסטערע מזל זיינס זיך טאַקי געמיהט. אַזוי גלאַט איז די זאַך זיכער נישט. היינט איז אויך די שאלה מיט מיר, וואָס טהוט מען? וואָס קען פון מיר ווערען? דער חשבון מיינער איז געווען: אָבזעצען אין גלופּסק מיינע זאַכענישען, אָננעהמען דאָרט ווי מעגליך מעהר קינות אויף צו בעטיילען די אַלע שטעדטלעך אַרום און אַרום, ווי דער שטייגער מיינער איז תמיד. ס׳איז שוין די „דריי וואָכען״. די צייט איז קורץ, אַ שעה טאָר מען נישט פערלירען. באָם חלילה איך פערהאַיע מיך דאָ אין וועג, בלייבען יודען אין די שטעדטלעך אָהן קינות. אַ קאַטאָוועס עפּיס, יודען אָהן קינות!... איך קען מיר פאָרשטעלען דעם גוטען תשעה־באָב: יודען האָבען זיך שוין אָבגעפאַרטיגט מיט די מילכיגע לאָקשען. אַריינגעלעגט אין בויך דאָס האַרטע איי איינגעטונקט אין אַש, זיצען שוין ברונז, אָנגעלאָדען אויף דער ערד נאָר אין זאָקען מיט אויסגעטרעטענע פּיאַטעס, פליי בייסען, קונדייסים האַלטען די בערלעך גרייט צום וואַרפען, מען וואַרט נאָר הערען אַ אָנהויב, עפּיס אַ גוט וואָרט, און פלוצלים—נישטאָ קיין קינות. מענדעלי איז צו אַלדי שוואַרצע יאָהר פערפאַלען געוואָרען, נישט געבראַכט קיין קינות!... צעהן יודען אויף איין קינה. ס׳איז אַ שטופעניש, אַ קוועטשעניש, אַ פערמישעניש מיט די פליי, אַ פערפלאָנטעניש מיט די האָר: בערד, פאות פול אָנגעזעצט מיט בערלעך. עס גיט־זיך־נאָך אייער, לאָקשען, וואָס קריכען פונ׳ם האַלז, איינעם דעם אַנדערען אונטער דער נאָז... פון די ווייבער איז די יסורים נאָך נישט אַזוי גרוים, זיי נעהמען וואָס ס׳איז, אַבי געדרוקטס, אַ תחינה, אַ בענשערל, די דינים פונ׳ם טרייבערן, אַ הגדה—אַלץ איינס? — וואָס מאַכט עס אוים? — וויינען יאָמערען איבער דעם דעם הויך אויף אַ קול. און וואָס בעדאַרף מען דען מעהר ווי פערגיסען טרעהרען?

אוי, אַ מיאוסע לאַגע. נישט פרעהליך אַרום און אַרום, ביטער אויפ׳ן האַרצען... נישט דאָס בין איך אויסעז.

אָבהענדיג פונדעסטוועגען טהאָר מען נישט זיין, מען מוז עפּיס טאָן, נישט זיצען מיט פערלייגטע הענד. מען מוז ווייטער טאַקי געהן זוכען. איך טהו אַקוק אויף די שטערען און דערמאָן מיך, שוין צייט אָנצובייסען. איך נעהם מיך צום רענצעלע, שמועס איבער, פּאָר צרות, מיט דעם פלעשיל בראַנפען, בול־בול־בול גלייך אין מויל אַריין, חאַפּ אין ילעניש עטוואָס פערבייסען, טאַקי נאָר פוז יוצא וועגען, געזעגען מיך

מיט דעם פלעשיל. נאך א מאל בול-בול-בול און לאז מיך נעהן אליין טאקי נעשווינד.

איך בין ווידער אין וואלד, ווידער נעבעך טאל און באלד טאקי בין איך שוין אין דעם טאל. נאר לאמיר נישט זאגען קיין ליגען. איך בין דארט נישט אליין, אייפ׳ן הארצען איז מיר אויך נישט אזוי שלעכט ווי פריהער. איך געה אין-צווייען, שמועס מיר מכוח מיין איצטיגען עסק און גאנץ ניש׳קשה׳דיג, גאר נישט אומעטיג! — א פנים, בשעת נעהמענדיג זיך אין איילעניש צום פלעשיל נאך אזוי פיעל פיין און יסורים, האב איך איבערגעחאפט די מאס. א איבריגען זופ געטאן אויפ׳ן ניכטערען מאגען און געגעסען האב איך כמעט גארנישט. ס׳איז מיר אין האלז נישט געקראכען, מיך געווארגען מיט דעם ביסען. דער דאזיגער איבעריגער זופ איז מיר בייגעשטאנען אין די נויטען ווי א מאמע. ער האט מיר אונטערגעגעבען מוטה און מיך שטארק בערעדעווידיג געמאכט אויף מיין שפאציר. נישט היינט געדאכט. אזוי איז שוין דער שטייגער מיינער תמיד, פון א איבריגען לעק משקה, פורים, אדער שמחת-תורה א מאל שיט זיך פון מיר רייד ווי פון א לעכערדיגען זאק. איך רעד צו דער וואנד און שמייכעל מיר דעריבער זעהר זיס. בין גוט און ווייך, האטש צו-צולעגען מיך צו א געשוויר דענסטמאל צוציהט זיך מיין גוף ווייטליך, עפיס איז ער גרינג, שיטער ווי לעמעשקע. עס באמבלען זיך ארום איהם פון אלע זייטען עפיס חקים׳לעך מענדעלי׳ נישט רעכט צו פיהלען וואו איז דאס וויכטיגסטע, מיטעלסטע פינטעלע, ביי וואס אנציגעהמע׳ עס ווערט דענסטמאל פון מיר. דאכט זיך, גאר צוויי מענדעלעך. איינער קריכט קיין יהופעץ, דער אנדערער קיין בויבעריק, די בשורה-פות׳ע פיס ווערען משוגע, נישט צו וויסען וועמען צו פאלגען. איינער פרעגט, דער אנדערער ענטפערט. די רעד מיינע קומען מיר. ווי פון דער זייט א ווידער-קול, צוריק טאקי אין מיינע אויערן אריין, עפיס גאר ניט מיין שטימע, א קול ווי פון א פוסטער פאס. דעם קאפ איינגאנצען פונדעסטוועגען פערליר איך נישט, עפיס בלייבט מיר נאך איבער א שטיקעל זכר ווי אין חלום.

— גוט׳ן אווענט! — ווינטע איך מיך מיט א פערביינג — וואוהין געהט עס מען ביי נאכט דא? — עט... טיפשים, פערדישע קעפ! — ענטפערט צוריק א מענדעלי מיט א גוט, זיס שמייכעלע — זיי צו ווערען פערפאלען





אקסלעך, וואס טהוען זיך וואוי איבער א זעקיל פאלאווע, און זייער אורח אויף וועטשערע. נאר ביים געהן פערהאקט זיך די אקס פון זיין וואגען אין א רעדיל פון א אנדער פוהריל, שיער אומצוווארפען עס. יענץ פערדיל דארט, ארויסשפרינגענדיג פון די האלאבליעס, טרעט-אן א אנדער פערד אויפ׳ן פוס, עס טהוט א הירזשע און שטעלט זיך דיבאם. די ציג דערשרעקט זיך, טהוט גיכער א שפרונג און טרעט אן דעם דארפס-הונט אופ׳ן ווידיל. ער שפרינגט דערשראקען אוועק אויף דריי פיס, היילענדיג אויף א קוויטש מיט א צעהנגערענדיגען שלשלת.

מיט גרויס מיה שלאג איך מיך דורך צווישען די אלע פוהרלעך, גיט צוקוקענדיג זיך, טאמער איז דא דאס, וואס איך זוך, און לאז מיך אריינגעהען אין קרעטשמע.

דאס אלצדינג, וואס אינווענינג אין קרעטשמע טהוט זיך, דער פיהל איך ביסלעכווייז, איינס נאך דאס אנדערע כסדר, נישט אויף איין מאל. דעם ערשטען כבוד דארט האט מיין נאז. באלד ביים אריינקומען, נאך אויף דער שוועל, טהוט מיר א זעץ א שארף ביטערער צאפענשטינקענדיגער ריח פון בראנפען, מאחארקע און מענשענשוויים אינאיינעם. אז די נאז ניסט-אב איהר „מה-טובו" פון אזא ברוך-הבא מיט א הילך, צוגיסענדיג זיך אין שטייגער, געהען צום סמיק די אויערען. א רעש, אנגעפילדער פון אויסגעמישטע אינאיינעם דינע, גראבע, הייזעריגע, צוריפעטע און חריפעדיגע קולות קייקלען זיך אריין אין זיי מיט א גרילצען, נאר טויב צו ווערען. אז די נאז מיט די אויערען האבען שוין זייערס אכגענומען, געהאט זייער עהרליך אויסקומעניש, וזענען שטארק אין דער ארבייט נעבעך די אויגען אכדעם ווי זיי בלאנקען זיך פריהער ארום אין דער טונקעלניש צווישען א געדיכטען עולם מענשען, צונויפגעשמאלצען אינאיינעם, נישט צו האבען אפיצעל סימן פון עפעס אזאך דערזעהען זיי פון-דערווייטענס אויף אלאנגען הילצערנעם טיש א חלב׳דיג ליכטיל אין א לייטען לייכטרול, וואסבערענט מיט א רויטען-שטעכענדיגען פלאם, ארומגערינגעלט מיט נעל-גרין-בלוי-גרויע רעדער ווי רעגענבויגענס פון דער הייסער פארע און זיילען רויך, וואס שלעפען זיך איבער דער שטוב ארום. ערשט דערנאך הויבען-אן ארויסצושווימען פונ׳ם טונקלען טומאן כסדר: נעז, בערד, בערלעך,



Bibl. Univ. Tart.

זיך פערגלוסט זיי. א געלעכטער, כ׳לעבען! — א גרוב, ר׳ מענדעלי היט אייך די ביינער, — יא, ווי איך בין א יוד, א גרוב! איך געפאלען בין שוין אפילו. דאס צוואנציגסטע, דאכט זיך, מאל. — שטעהט-זשע, זייט מוחל, אויף! נישט קיין דרך-ארץ עפים זיך צולעגען אזוי. — א שענעם דאנק, ר׳ קרוב. איך מיט דער בייטש טאפ ווייטער שוין... א געלעכטער, כ׳לעבען, ביימלעך געהען! געזונטערהייט!... קומט בקומפאניע. פע, דראפעט נישט!... אי, ווייטער א דראפ! פע, פע, אויגען ארויסגענומען שיער מיר, טפו! — שפייט, ר׳ מענדעלי, אויף זיי! זיי באלד פטור ווערט מען זיי. אויף א סטעזשקעלע ארויס דא געהט, זייט מוחל, אויפ׳ן פרייעם פעלד. — גוט, בין שוין דא! אי, א לבנה, א באקרויזשע, א שענע אדעסער לבנה! א נאז מיט אויגען!... שא, מקדש זיין די לבנה! שלום עליכם? — שלום! — שלום עליכם? — עליכם שלום! אזוי ווי איך אקעגען דיר שפרינג און אנריהרען דיך נישט קען איך... שפרינגט-זשע, פעטער! — האץ, האץ, האץ! אזוי מיך אנריהרען זאלען מיינע שונאים נישט... וואס זיי צו אונז האבען וואס? — צוחליפע איך מיך פלוצלים — וואס איך שולדיג, אז איך לעב איך און וויל עסען איך? נא, א לייב, משטיינס-געזאגט, א שפענדיל! שטענדיג קרענק! וועהטיגען... אויך געהאט א מאמע, מיך געגלעט, געקושט האט זי... וועה מיר, איך בין א יתום, א יתום! — צו-וויין איך מיך נאך שטארקער. — שא, שא! — ענטפערט זיך צוריק מיט א טרייסט — וואס קען מען טאן? ווי שעמט זיך עס נישט א אלטער יוד מיט א בארד, א בעווייבטער, א מטופל מיט קינדער צו וויינען אין-דרויסען פאר דער לבנה! שא, נישט קיין דרך-ארץ, כ׳לעבען! שא, דער רוח וועט אייך נישט נעהמען, נישקשה, היט זיך בעסער, אט איז א פלייט. — יא, ווי איך בין א יוד, טאקי א פלייט. שוין א גוטען זעץ געטאן מיך אפילו. וואס טהוט מען? — מען נעהמט און קריכט אריבער. אט אזוי, אזוי. — א שענעם דאנק: איך שטעה שוין מיט ביידע פיס אין גארטען. — ברוך הבא, מחותן! זייט זיך מטריח ווייטער. — האט קיין צרות נישט, איך געה. וואס פאר א גערעטעניש! באב, ארבעס אנגעזעצט, אוגערקעס גאר אהן א צאהל! — מאכט ברכה, פעטער, לאזט זיך נישט בעטען. — יישר כוח! אוגערקעס גאר א דערקוויקעניש! געשמאק מחיה!... הא, א קלאפ! וואס בעטייט דער קלאפ? פון וואנען דער קלאפ?





דער קלאפ איז געוועזן פון א געזונטען ערל, וואס האט הינטערום מיך געטאן אחאפ און מיר גוט געגעבען אנצוהערעניש, אז אין א פרעמדען גארטען איז נישט שען צו קריכען. דער קלאפ האט בעטייט, אז פרעמדע אוגערקעס נעהמען ביי נאכט טאר מען נישט. פון די קלעפ, און מעגליך אפשר אויך טאקי פון די פרישע אוגערקעס, האב איך במעט אינגאנצען מיך אויסגעניכטערט. איך בין געשטאנען א ווילע פערדולט, ווי אויפהאפענדיג זיך פון שלאף. דאס ערשטעווארט מיינס, עס פערשטעהט זיך, איז געוועזן: געוואלד!... באלד דערויף בין איך מיך מישב, לאמיך קלאמפערשט מאכען זיך נישט וויסענדיג און גיב א פרעג דעם ערל מיט גוטען, אויף זייער גראב לשון, „צי ני באטשילי, משויעש, טוטעטשקי זשידקא אים קינאמי? קאזשי-נא טשילאוויטשע!“ — דער ערל אבער טהוט זיין זאך, וויל נישט הערען, שלעפט מיך ביים ארבעל, דערלאנגט מיר אמאל אויך אשטופ פון הינטען אין איין קול: קום, קום! עס העלפט נישט, איך געה, מען קען קיין חזיר נישט זיין און מיר קומען אזוי צו ביידע עפים נעבען אשטוב, פון וועלכער עס שטעהט אגעשפאנט בריטשקעלע מיט פיער גוטע פערד, און עס לייכט פון די פענסטער

ביים אריינקומען אין שטוב טהוט דער ערל מיך א שטופ פאראויס און אליין שטעלט ער זיך נעבען דער טיר אהן א היטעל. אין ברירה, איך נעהם אויך אראב דאס היטעל, קראץ מיך אין קאפ און קוק ווי א נעכטיגער.

ביי א טיש זיצט א שרייבעריל און שרייבט, סקריפענדיג מיט דער פען, וואס בעט זיך איטליכע רגע אין טינטעריל אריין, אבצוזעצען א ביסעל דאס מיילכען איהרס, נאכדעם ווי זי ברעכט מיאוס אן אויפ׳ן פאפיער. דאס שרייבעריל האט מיט איהר דאס לויפעניש, קרימט זיך און זידעלט זי ביי איטליכען טונק. מען זעהט, ביידע פייניגען זיך נעבעך, ביידע זענען נישט צופרידען: זי מיט זיין שווערער האנד, מיט זיינע מיאוס׳ע גרייזען, און ער — מיט איהרע הלשות׳דיגע קלעקען. ער — איהר א קוועטש, און זי — איהם א קלעק... אין מיטען שטוב שטעהט א רויטער קאלנער מיט מעשענע קנעפ, עפים א מין מענש מיט א בויך און א אנגעבלאזען פנים. גלאנצט מיט די קליינע אויגען און בשעת עס פערווארפט זיך איהם דאס שווארצאפעלע קוקט ארויס דאס ווייסעלכען פון אויג פערלאפען מיט בלוט. ער דרעהט די לאנגע וואנצעס און רעדט אויפ׳ן ניידער, בייזערנדיג זיך.

צו צוויי פאַרשוינען מיט אָנגעבויגענע קעפּ אין דער זייט פון דער טיר, איינער אַ הויכער מיט אַ געזונטען קאַרק, אונטערגעגאָלט דער האַלז און אַ זילבערן רייפעלע אין לעפּעל פונ'ם לינקען אויער, דער אַנדערער אַ דאַרער מיט אַ שפּיצאַסט בערדיל, אויפ'ן האַרצען אַ בלעך. האַלט אַ לאַנגען שטעקען מיט ביידע הענד, בלינצעלט מיט די אייגעלעך און בוקט זיך איטליכע רגע. דער רויטער קאַלנער בייזערט זיך אויפ'ן ערשטען פון די צוויי פאַרשוינען, שרייט: אין קייטען! קיין סיביר אַזאַ סטאַראָסטע!... און אויפ'ן צווייטען: פּאַסען וועל איך פון דיר שינדען, דו, סאָטסקע, אַזוינער און אַזוינער, אין דיין מאַמען! —

איך בין טויט מיט אַלע מיינע אבֿרים. עס וואַרפט מיט מיר ווי אין אַ קדחת. עס רוישט מיר אין קאָפּ, קלינגט אין די אויערען. איך הער נישט און זעה נישט, וואָס אַרום מיר טהוט זיך. איך האָב נישט רעכט געהערט אפילו די טענות פון מיין ערל, כשעת קלאָגענדיג זיך אויף מיר. נאָר אַז דער רויטער קאַלנער האָט אַ היק געטאָן אויף מיר מיט דעם האַרבען וואָרט אויף יונית, האָב איך מיך באַלד אויפגעחאַפּט און שוין גוט געהערט. פאַר די אויגען מיינע שוועבט אַ קולאַק און עס הערען זיך שרעקליכע ווערטער: גנבֿ, קאָנטראַבאַנדשטשיק, טרפה⸗סחורה, ביטעל⸗שניידער, קייטען, טיורמאַ, קנוטעס, סיביר!... ער זוכט זיך פלוצלים צו מיינע פּאות און נאָכקרימענדיג מיך שטאַרק אין כּעס חאַפּט ער אין אימפּעט פונ'ם טיש אַ שער און שערט מיר אָב אינגאַנצען איין פּאָה! — איך בעוואַש מיך מיט טרעהרען, קוקענדיג אויף דער ערד מיין פּאָה, מיין גרוי⸗אַלטע פּאָה, וואָס איז געוואַקסען מיט מיר פון קינדווייז⸗אויף ביז אין מיינע אַלטע יאָהרען; וואָס האָט איבערגעהאַט מיט מיר פרייד און לייד גענוג אין מיין לעבען. די מאַמע האָט זי אין דער יוגענד געגלעט, געצוואָגען, גאָר נישט געקענט זאַט אָנקוקען זיך אויף די שוואַרצע, שענע גרייזעלעך איהרע. זי איז געווען אַ צירונג מיין פּנים אין מיינע גוטע טעג, ווען איך בין געווען פריש און שטאַרק. זי איז פריה פאַר דער צייט גרוי געוואָרען פאַר צרות נעבעך, און איהר גרויקייט האָט מיר חלילה נישט געמאַכט קיין בושה. ביידע האָבען מיר זיך פריה געעלטערט פאַר פּורעניות, נויט, עלענד, גרויזאַמע, אומזיסטע פיינדשאַפט און רדיפות אין דער וועלט. ווען, חלילה, האָט זי געשאַדט? וועמען, חלילה, האָבען מיינע גרויע האָר עפּיס שלעכטס געטאָן? — עס ווייסט





אין מיר דאָס האַרץ, שרייט געוואַלד שטיל, נישט אַרויסצוברענגען אויף די ליפּען קיין וואָרט. איך קוק שווייגענדיג ווי אַ שעפּעלע ביים בעשוירען עס, און פון די אויגען קאַפּ, קאַפּ, טרעהרען ווי די באָב... מיין הויל געבליבענע באַק האָט מיר שטאַרק געפלאַמט, דאָס פּנים האָט געמוזט מיר זיך פאַרענדערן אַ שרעק. עס האָט געמוזט זיין אַ רחמנות מיך אָנצוקוקען דענסטמאָל, ווייל באַלד דערויף האָט דעם רויטען קאַלנער עפּיס ווי אָבגענומען דאָס לשון, שוין גערעדט מיט גוטען, אַרויפלעגענדיג ביידע הענד מיר אויף די אַקסלען. אונטער דעם מעשענעם קנעפּיל, אַ פּנים, האָט זיך גערירט אַ מענשליך האַרץ. מיינע גרויע האָר און מיין גאַנץ אויסזעהען האָבען איהם בעוויזען מיין אָרענטליכקייט, און ווי איבערבעטענדיג מיך, פאַלט ער מיט אַ בייזער אָן אויף מיין ערל, וואָס פאַר עפּיס אַ אוגערקע שלעפּט ער אַ אַלטען מענשען נעבעך, טהוט אַ היק און טרייבט איהם אַרויס. ער אַליין נעהמט דאָס היטעל, דרעהט זיך אַביסעל אַרום, זאָגענדיג דעם, יענעם אַ וואָרט, געהט דערנאָך אַרויס און באַלד הערט זיך, ווי דאָס בריטשקעלע פאָהרט אַוועק.

די אַלע מענשען אין שטוב ווערען לעבעדיג. דאָס שרייבעריל טהוט אַוואָרף די פּען, אָבשיקענדיג זי צו אַלדי רוחות. דער סטאַראָסטע און דער סאָטסקע גלייכען זיך אויס, אויפהייבענדיג די קעפּ איטליכער גיט אַ מאַך מיט דער האַנד צו דער גאַס⸗צו און די אויגען זייערע ריידען: יברכך! פאָהר געזונטערהייט און לאָז מען דיך נישט אָנקוקען!... דער סטאַראָסטע חאַפּט דעם אָטהעם, פאָהרט אַריין מיט אַלע פינף פינגער צו זיך אין די האָר פונ'ם קאָפּ, טהוט איהם אַ גוטען שאָקעל און מאַכט דערביי: נו, אַ סטאַנאָוואָי!..

די גוים האָבען מיר געראָטהען, נאָכדעם אַז איך האָב זיי דערציהלט וועגען מיין אומגליק, צו געהן צו דער קרעטשמע ביים דאָרף, נישט ווייט פון דאַנען. דאָרט בעדאַרף זיין אַצונד אַ עולם מענשען, צוריקפאָהרענדיג פונ'ם מאַרק⸗טאָג: מעגליך ביי זיי וועל איך עפּיס מיך דערגעהן. איך הייב⸗אויף מיין פּאָה, בעהאַלט זי אין קעשענע, בינד אונטער די באַק מיט אַ פאַטשיילכע. זאָג אַ גוטע נאַכט און געה אַוועק.

## ט

קרעטשמע איז געווען בעלאַגערט אין=דרויסען מיט פוהרלעך און חעגעלעך אַלערליי. אַ טייל לעדיגע נאָר מיט אַביסעל שטרוי, אַ טייל פערגוטענע מיט מיני זאַכען און חפצים, סיי נישט קיין פערקויפטע, סיי געקויפטע דאָרט אויפ׳ן מאַרק. אויף איין פוהריל ליגט אין אַ זאַק אַ חזיר, ארויסגעשטעקט פון אַ לאָך זיין שען פיסקעל און מאַכט לעכער אין קאָפּ, שרייענדיג משונה אויף אַ גרילצענדיג קול. הינטער אַ וואָגען, אָנגעלענט מיט נייע לאַפּטיעס, מיט נייע ליימענע טעפּ, טעפּלעך און מאַקערעטעס, שטעהט צוגעבונדען אַ רויט=געפּלעקטע קוה מיט איין האָרען און רייסט זיך מיט אַלע כּוחות זיך צו בעפרייען, ניכער קומען צו איהרע אַלטע חבר׳טעס אין שטאַל מיט דער בשורה: נישקשה, מען איז איהרער נאָך נישט פטור געוואָרען, געלויבט דער שור=הבר, מען זעהט זיך געזונט!... אַ פּאָר גרויע, ברייט=בייכיגע, פיינע אָקסען שטעהען געשפּאַנט אין דעם יאָך, מאַכען אַזוי ערענסט מיט דעם מויל און מעלה=גרה׳ן געשמאַק, קיין מינוט חלילה נישט מפסיק צו זיין, גלייך ווי זיי זענען פערטיפט אין אַ וויכטיגער זאַך און טהוען מיט זייערע אָקסענע קעפּ אויף עפּיס אַ גרויסען שכל. דעם אַרענדאַרס ציג שטעהט דערווייל אויפ׳ן וואָגען, שטעקט הינטערווייליכס אריין דעם קאָפּ אין אַ זעקעלע דאָרט, נעהמט באַלד איהם אַרויס מיט אַ פול מויל, פּירקעט, דרעהענדיג דאָס עקיל, קייעט, מאַכט מיט די באַקען, טרעסעט דאָס בערדיל גיך, געשווינד, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען. איין אַלטער, אויסגעדאַרטער דאָרפס=הונד, לעבט אויף דער עלטער פון קצבה, אָהן אַ סטעלע מיט אַ הינקעדיג פיסעל און אַ קאָלטון באַמבלענדיג זיך איהם אויפ׳ן עק, שאַרט=זיך=צו נאָהענט צום וואָגען, קוקט מיט דרך=ארץ, קומט דערנאָך צו נעהענטער אויף עטליכע טריט, שמעקט, זוכט מיט דער נאָז, דערטאַפּט עפּיס אַ טרוקען, אָבגעלעקט ביינדיל, לויפט מיט דער מציאָה אָב אַביסעל ווייטער, שטרעקט זיך אויס אויף דער ערד און נעהמט זיך קנאַקען דעם ביין, האַלטענדיג דערביי דעם קאָפּ אין דער זייט אויף די פאָדערסטע לאַפּעס.—דאָס פערדיל דאָרט אין יענעם וואָגען, נמאס ווערענדיג איהם, אַ לאַנגע צייט צו שטעהן אויף איין אָרט, גאָרנישט צוטאָן, נאָר דרעמלען, מאַכען מיט דער מאָרדע און שאָקלען די אויערען, איז זיך מישב אָבצושטעקען אַ חיזוק אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע





טשופּרינעס, גאַנצע פּנים׳ער און צורות פון מאַנסבילען און נקבות. עס שווימען אַרוים רעדלעך מענשען, אַ טייל האַלטען זיך אויף די פיס, ערשט נאָכ׳ן פערטען, פינפטען טרונק בראַנפען. אין דער זייט האַלזען זיך צוויי שיכּורים׳לעך, זידלען זיך פאַר גרוים ליעבשאַפט מיט מיאוס׳ע ווערטער. נעבען זיי שטעהט אַ פלונית׳טע באָרפים אין אַ קורץ קליידעל מיט אַ געשטיקט העמד אויסגעשניטען ווייט און האָט הנאה, פּאַטשט איינעם, דעם אַנדערען אויפ׳ן רוקען מיט נוטען, מאַכענדיג דערביי: גענוג, אַ היים, אַ היים! דאָס שיכּורע פאָר=פאָלק אָבער שמעלצען זיך נאָך מעהר פאַר ליעבשאַפט, נעהמען זיך שטייפער אַרום און פאַלען. ווידער אַ טייל זיצען אויף לאַנגע בּיינק נעבען פלעשלעך משקה מיט פערבייסען, צוויי בעלי=הגוף׳ן טרינקען איינער צום אַנדערען לחיים און זענען ביידע, ווי מען זאָגט, בגילופין. איינער אַ שטאַרקער ליבהאָבער פונ׳ם ביטערען טראָפּען און וואָס דאָ איז שטענדיג זיין מקום=מנוחה, וויטעט זיך פונדערווייטענס, רייכערענדיג זיין ליולקעלע, דאָס מיט די דאָזיגע צוויי לייט, דאָס מיט יענעם, דאָס מיט איין אַנדערען און ווינשעוועט=צו: לחיים, לחיים! חאָטש מען קוקט זיך אַפילו אויף איהם נישט אום. און גאָר צו לעצט שווימט אַרוים אין דעם געשטאַלט פון אַ יודענע, אַ ריהרענדיגע, אַ זשוואַווע, מיט אָבגעבלאַקעוועטע פעלענע מושקעס און עפּיס אַ מין טיכעל אויפ׳ן קאָפּ, דעם שיינקערס ווייב מיט איהר כּבוד אַליין, נעבען פעסלעך, פלעשער, קעלישקעלעך, גלעזלעך, קרענצלעך בייגעל, געקאָכטע אייער, דאַרע פישלעך און שטיקלעך פערהאַרטעוועטע לעבער. דאָס מויל מאַכט איהר זיך קיין רגע נישט צו, די הענד איהרע רוהען אויך נישט פונ׳ם טענה׳ן, רעדען מיט איטליכען בעזונדער, פון געבען און נעהמען גרייט געלד מזומן, אָדער משכּנות אָדער מיט אַ קריידיל אָנשרייבען אויף דעמס, אויף יענעמס חשבון פּאַסקעלעך און רינגעלעך.

איך דרעה מיך אַרום ווי אַ נאַר צווישען דעם דאָזיגען גאַנצען עולם, פּריוו רעדען מיט דעם, מיט יענעם, און דער שפּיין איז אַלטער׳ס ווערטעל טאַקי: מילא, בקיצור, גאָרנישט.

אין קרעטשמע ווערט שיטערער, דער עולם הויבט אָן זיך צו פאָהרען און איך לאָז מיך צוגעהן צו דער בעל=הבית׳טע, האַלטענדיג די ביטש אונטער׳ן אָרעם אַקעגען איהרע אויגען. דאָס טהו איך בּפיון

מיט איין אויבער־הסברה, ווייל קרעטשמערקעס בכלל האָבען ליעב בעלי־העגלות, קויפען זיי אונטער מיט בראַנפען, מייןסען און מיט נאָך עפּיס, בכדי זיי זאָלען פערפאָהרען צו זיי מיט פאַרשוינען. די בייטש איז מיר געווען אַ מליץ און מיר געגעבען חן און לייטזעליגקייט אין דער בעל־הבית׳טעס אויגען. עס הויבט זיך צווישען אינז אָן אַזאַ שמועס:

— גוט נאַווענד! — גוט יאָהר! — וואו איז דאָס אייער מאַן? — וואָס טויג אייך מיין מאַן? — גלאַט אַזוי זיך. — זאָגט, אפשר וועל איך טויגען. — טאַ... מהיכא־תיתי! — אַהער, אַהין, מיר צושמועסען זיך ברייטליך. איך דערצעהל איהר דאָס אונגליקל, וועלכעס מיך האָט דאָ געטראָפען, מיין איצטיגע מיאוסע לאַגע. זי טרייסט מיך מיט אַ זיפץ, אונטערשפּאַרענדיג דעם קאָפּ מיט דער האַנד און צוויי פינגער אויף דער באַק, מאַכט אַליין: „אַ מעשׂה, אַ מעשׂה! און ווייטער אַ זיפץ. — איך מהו איהר צוליעב, דערצעהל אַלצדינג, ווער איך בין, ווי איך הייס, מיט וואָס איך האַנדעל, און זי פון איהר זייט בעשיט מיך מיט רעד, זאָגט מיר אַרויס איטליכעס פּיצעלע, וואָס ביי איהר אונטער׳ן נאָגעל, פון איהר מאַן דעם שלימזלניק, פון די קינדער און פרנסה... עס ווערט צווישען אונז אַ נאָהענטע בעקאַנטשאַפט. מיר רעכענען זיך אויס, אַז מיר זענען גאָר ביידע שטיקלעך קרובים! זי הייסט חיה־טריינע, נאָך מיינס אַ קאַלטער מוהמע פון דער באָבעס צד. אַש מחה, אַ פרייד! זי פרעגט מיך אויס אויף מיין ווייב, אויף די קינדער, אויף איטליכען ביי מיר בעזונדער, און אַז דער מאַן איז דערויף אָנגעקומען, זאָגט זי איהם אָן די בשׂורה גיך אין איין אָטהעם: מיר האָבען אַ גאַסט... אַ טייערען גאַסט, ר׳ מענדעלי מוכר ספרים!... מיינער אַ קרוב! און לאָזט אויס מיט גדלות צום מאַן, אָנגענעהמענדיג זיך מיט ביידע הענד ביי די זייטען!

— האַ, מיינסט אפשר, פון אַ שטאַל האָסט־דו מיך אַרויסגענומען! נישקשה, איך וועל, ברוך־השם, פאַר אַנדערע נישט מבויש ווערען, מענכט זיך, כ׳לעבען, איבערנעהמען מיט מיין משפחה!

טאַ, רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר — לאָז זיין אַזוי: שאול האָט געזוכט אייזלען, און געפונען די מלוכה, איך זוך פערד און געפונען אַ חיה־טריינע!...





חיה־טריינעס מאַן איז געווען אַ יוד מיט אַ לאַנג ענאָז. דאָס שיטערע בערדיל, די פּאוֹס און די ברעמען — העל־בלאָנד ווי פלאַקס. בשעת שווייגען קייעט ער די צונג און אַידער ער קלייבט זיך צו רעדען בעלעקט ער זיך פריהער, אַזוי אַז איהם אָנקוקענדיג דערנסטמאָל, פאַרשטעהט מען, וואָס טייטש לעקיש... ביים אָבשטעקען מיר אַ שלום־עליכם מורמעלט ער עפּיס גאָר אָהן ווערטער און פּוני׳ם גאַנצען בענעהמען זיינעם דערקען איך באַלד, אַז ער ליגט אונטער׳ן ווייבס פאַנטאָפעל, האָט פאַר איהר דאָס ניין־יאָהריגע קדחת. ווי עס האָט שפּעטער מיט דער צייט זיך אַרויסגעוויזען, הייסט ער אין דער סביבה: חיים־חנא חיה־טריינעס, און חיה־טריינע אַליין הייסט: חיה־טריינע קאָזאַק.

— וואו האָסט־דו עס ביז אַצונד געהיינעט? — נעהמט חיה־טריינע דעם מאַן אויפ׳ן ציהונדער — וואוהין האָט עס דיך, שלימזל, דער שוואַרץ־יאָהר געטראָגען? האָסט דו געהערט? הען אַביסעל!... מען זאָל אָהעקוואַרפען אַ שטוב מיט דעם בעל הבתישקייט און גאָרנישט... נישקשה, ר׳ מענדעלי איז אַ איינענער, פאַר איהם מעג מען זאָגען, וואָס פאַר אַ שלאַק דו ביסט, אַ שלאַק פון זיין ליבען נאָמען. קוקט איהם אָן, שטעהט ווי אַ ליימענער גולם און קייעט די צונג...

— דו האָסט דאָך מיך אַליין, האָסט דו מיך געשיקט צו גבריל׳אין נאָך אַ זאַק קאַרטאָפּלעס מיך געשיקט! — פאַרענטפערט זיך חיים־חנה, בעלעקענדיג זיך פריהער מיט דער צונג.

— און דער רבי, דער שענער רבי איז קראַנק געווען ברענגען צוטראָגען דעם זאַק קאַרטאָפּלעס! עסען, נישקשה, קען ער פאַר צעהן.

— דער רבי איז דאָך געגאַנגען, דער רבי, אָבפיהרען די פעריסטע קיה מיט דעם קעלביל אין פעלד אָבפיהרען! — גיט חיים־חנא דעם ווייב צו פאַרשטעהן.

— אָט שווייג שוין, שוייג, קיי דיר בעסער די צונג! — מאַכט חיה־טריינע, קוקענדיג ביין אויפ׳ן מאַן, דערנאָך ווענדעט זי זיך צו מיר מיט אַ גאַנצען שמועס, וואָס זי האָט פון איטליכען אויסצושטעהן. ווען נישט זי, וואָלט די גאַנצע שטוב שוין לאַנג האָרנעם־קאָרנעם איבערגעקעהרט געוואָרען, און מישט אַלץ אַריין אין די רעד: „נישקשה, פאַר אייך מעג מען, ווי פאַר אַ טאַטען, איהר זייט דאָך אַ איינענער, ר׳ מענדעלי!“

איך לעג מיך אריין אין שלום און פערריכט פאר חיה=טריינען דעם מאנס דאליע. פון שלום וועגען זאג איך אביסעל א ליגען, בעשולדיג בכלל אלע מענער, מיך דערזונטער אויך אביסעל, און חנפה, לויב אין טאג אריין די אלע ווייבער, בעזונדערס חיה=טריינען, חלילה ווען נישט זי, וואלט די וועלט קיין וועלט נישט געווע... חיה=טריינע איז געווארען ווייכער.

— געזונט זאלט איהר זיין, ר׳ מענדעלי! — זאגט זי מיט א שיינענדיג פנים׳יל און מאכט באלד טאקי צום מאן מיט גוטען:

— גענוג צו קייען די צונג! נעהם בעסער, חיים=חנא, וויש=צער דא די קעלישקעלעך און די טעלער, פון וועלכע עשו האט געפרעסען. — ר׳ מענדעלי מוז אודאי גוט הונגעריג זיין — טהוט זי א זאג צו מיר, אויפהייבענדיג זיך פונ׳ם געזעס איהרס ביים שיינקעל — איך פיהל עס אין מיר אליין טאקי. אין א מארק=טאג פערשפעטיגען מיר זיך תמיד מיט דער וועטשערע. נישטא, נימער ערגער, קיין צייט. קומט, זייט מוחל, מיר בעטען זעהר שען צו אונז אין שטוב!

גלייך פונ׳ם שיינקיל קומט מען אריין אין א פינסטער אלקעריל, וואו אקעגען איז אפען א טיר נאך אין א אלקיר און לינקס אין דער זייט פיהרט א טיר אין א היבשען חדר, א נידעריגער אהן א דיל מיט פיינע פענסטערלעך. די שייבלעך זענען א טייל צושפאלטען, א טייל געלאטעט פון צונויפגעקלעפטע שטיקלעך און א טייל איינגאנצען אויסגעשלאגען: נאר ערגיץ אין א ווינקעל שטעקט א איבערגעבליבענע שטיקעל גלאז, ווי דער איין=איינציגער צאהן ביי א זקנה, וואס ביי נאר עפיס א ווינטעל שאקעלט זיך עס, שטיל געבעבעט: זים=זים=זים, זעהר אומעטיג. אין איין עק שטוב, צו דער גאס=צו, שטעהט א טיש, נעבען איהם, ביי די ווענט, לאנגע, שמאלע בייבק, נישט געפארבט. אין דעם אנדערען עק אקעגען שטעהט א בעט מיט א סך בעבעכעס, אהן עין=הרע: מיט קישענס, גרויסע, מיטעלע, קליינע, קליינינקע, א הויכער טורעם ביז אין דער סטעליע. און ביי דער זייט אויוון דארט ציהרט זיך א ברייטע באנק, וואס דינט ביי=נאכט פאר א בעט צום שלאפען. ארום די ווענט אין דער הויך הענגען פארטרעטען בעדעקט מיט שפין=וועבס, מיט געפגרטע פליגען, אויסגעטריקענטע אייער פון פרייסען און פליגענקים. פונ׳ם קויט אויף די דאווינע





פארמרעטלעך קוקען ארויס עפיס געשטאלטען: א „מזרח" מיט קראליקלעך, מיט משונה=ווילדע חיה׳לעך, האלב ציג — האלב הירש, האלב לייב — האלב אייזעל, האלב לעמפערט און האלב פיפערנאטער, א הויכער המן, געקליידעט ווי א אונטער אפיצער, הענגט אויף א תליה, וואס גרייכט איהם קיים ביז צום אקסעל, אזוי אז גיכער הענגט די תליה אויף איהם; דערביי שטעהט מרדכי אין א שטריימיל, א ראצעמארענע קאפאטע מיט א גארטעל, אויבען א טיזליק, אין שיך און זעקעלעך מיט פאה׳קלעך, טאקי נאר „מאנדרוש". ארום איהם „בעבערדעלטע, בענאזענדיגע" יודען מיט כוסות אין די הענד און מאכען: „לחיים, רבי מרדכי!" צו זרש׳ן מיט׳ן טאפ האבען זיך זעהר מיאוס צוגעחאפט די פליגען, האבען פון איהר, נעבעך, איבערגעלאזט נאר א האלבען קאפ מיט א שטיקעל פעדער=חלק. נאפאלעאן, נעבעך, איז אויך אריינגעפאלען אהינצו אין יודישע הענד. אז אך און וועה איז צו איהם, וואס פאר א פנים ער האט געהאט! ער איז געהאנגען צווישען פוטיפר׳ס ווייב, עפיס א פארזועהעניש, א מיאוסקייט, וואס מאכט חן, שלעפענדיג יוסף הצדיק ביי די פאלעס, און צווישען א שמאלען, פערשמאלצעוועטען, שטארק=אנגעבויגענעם שפיגעל, הינטער וועלכען עס האט געשטעקט א פערדארטער לולב און אלטע אבגעשלאגענע הושענות.

אין שטוב דרעהט זיך ארום א דיקע, א ברייטע א הארעפאשנע מויד מיט א פאר באקען ווי די פאמפושקעס; אויפ׳ן קאפ זעהר וועניג האר און צווי קליינע צעפעלעך פון הינטען. די הענד האלט זי ביז די איילענבויגענס שטייף צו ביידע זייטען, די ארעם אויסגעשטרעקט גלייך פארענט ווי צווי האלאבליעס, צווישען וועלכע זי רוקט זיך, שליטעלט זיך נישט צוהייבען קיין פיס, ארויסשיקענדיג דעם קאפ אביסעל פריהער פאר איהר. רוקט זיך גיך, טראגענדיג אין די הענד א טישטוך מיט טעלער און גרייט צום טיש. חיה=טריינע רוימט איהר עפיס אין אויער איין, זי קעהרט אויס די האלאבליעס, דער קאפ לאזט זיך פאראויס, זי אליין מיט די פיסעלעך באלד טאקי נאך איהם און ווערט גיך אנטרונען פון דער שטוב. אין א ווינקעלע קריגען זיך א שטיק פיער קינדער, מיידלעך מיט יונגלעך, רייסען זיך עפיס איבער א קליין הינטעלע, א מאפסיק, וואס פישטשעט, נישט צו הערען, צו זעהען וואס הינטער זיי טהוט זיך אין שטוב. חיה=טריינע בעפעלט זיי פלוצים, טהוט שטילערהייד א קניפ דעם, א צופ יענעם, כאפט דאס פיצעל תייטעלע און ווארפט עס ארויס. די קינדער

שטעקען זיך אונטער די נעז אָב פייגען און צולויפען זיך אין די ווינקעלעך. באַלד קומט אָן חיים-חנא מיט אַ גרויסע לאַדיש סמעטענע. דאָס ווייב נעהמט עס בייַ איהם צו, פאָרעט זיך דערמיט אַביסעל דאָרט פאַר זיך און הייסט זיך אונז וואַשען.

אַ בחור'יל אָהן אַ קאַפאָטקע, באָרפיס, אין אַ לייבסערדאַקיל מיט הויזלעך, לויפט אַריין מיט אַ שמחה: דער רבי האָט געחאַפט אין שטאַל אַ וואָראָבייטשיקעל!... אַלע קינדער בלייבען פערגאַפט מיט איבגעצויגענע פנים'ער פאַר גרויס וואונדער, און איידער זיי זענען צו זיך געקומען, קומט אַריין אַ יונגער-מאַנטשיק עפיס מיט אַ געשוואָלענער נאָז און גראָבע ליפען, וואַשט זיך גיכער איבער דער פאָמויניצע, זעצט זיך דערנאָך צום טיש און רוקט אַריין אין מויל אַ גרויס שטיק ברויט, אַלץ אין חאַפעניש, אין אייַלעניש, נישט צו שענקען קיינעם אַ קוק, גלייך ווי אויס מורא, ער זאָל, חלילה, נישט פאַרשפעטיגען, מען זאָל אָהן איהם נישט אָבעסען. דערווייל רוקט זיך אַריין יענע ברויטע מויד מיט די פאַמפּושקעס אויסגעפוצט שבת'דיג און זעצט זיך אויך צום טיש. חיה-טריינע מאַכט צו מיר, ווייזענדיג מיט אַ פינגער אויף דער מויד: דאָס איז מיין עלטערע טאָכטער, חאַסיע-גרונע. דער עולם עסט, פריהער עפיס מיט דרך-ארץ, אַ שעפּ מיט דעם לעפעל און אַ לעג אַ נידער דערנאָך הויבט עס אָן געהן לעבעדיג, רעש'יג: אַ צעהן לעפעל אַרבייט'ן געשמאַק אין איין שיסעל און פליהען פון דאָרט געשווינד אין צעהן מיילער, וואָס זופען, איטליכס אויף זיין שטייגער. ס'איז אַ חאַפעניש, אַ בהלה, אַ זופעריי: וואופ-הופ, הופ-פופ! מיינע נייַ-געפונענע קרובים טרייבען מיך אַלץ אונטער: עסט, לאָזט זיך נישט בעטען! און איך: וואופ-פפופ! אויף מיין נוסח. דער יונגערמאַנטשיק מיט דער געשוואָלענער נאָז פוילט זיך נישט, אַרבייט פאַר צעהן און גרונטעוועט זיך ביז דעם פויגעל, וואָס קומט לסוף אַרויס, אויסגעמאָלט אינוועניג אויפ'ן דעק פונ'ם שיסעל. אָבגעפאַרטיגט זיך פון דער אַרבייט מיט אַ זיפץ טיף פונ'ם בויך, שטעלט ער אויס אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און קוקט אויפ'ן עולם; טהוט פלוצלים אַ שטרעק די האַנד, אונטערהייבענדיג זיך אַביסעל פונ'ם אָרט, גלייך צו מיר, מאַכענדיג דערבייַ: שלום עליכם! איהר זייט מיר עפיס קענטליך... מה שמכם?— איך זאָג איהם מיין נאָמען. ער שפרינגט אַזש אונטער פאַר גרויס וואונדער.





— ר' מענדעלי!... ר' מענדעלי מוכר ספרים!! פישש!..! אַ קאַטאָוועס עפיס! ווער קען נישט ר' מענדעלי'ן?! איך האָב געהאַט אַ מאָל די זכיה, אין גלופסק נאָך, קויפען בייַ אייך אַ בענטשעריל.

— ר' מענדעלי איז מיינער אַ קרוב — זאָגט חיה-טריינע מיט גדלות, שמעלצענדיג זיך פאַר פרייד, און אָנווייזענדיג מיר אויפ'ן יונגען-מאַנטשיק מאַכט זי: דאָס איז אונזער רבי!— אַ נו הושיקעלע— ווענדעט זי זיך צום בחור'יל אָהן דעם קאַפאָטקעלע—ר' מענדעלי וועט דיך פאַרהערען. שעם דיך נישט, נישקשה, דער פעטער וועט דיך נישט אויפעסען.

הושיעקעלע האַלט אַ פינגער אין דער נאָז, קוקט אין דער זייט אָנבלאָזענדיג זיך, פערציהט דעם אַקסעל און מאַכט: איך שעם מיך, שעם מיך...

—וויפיעל איז אַלט אייער הושיעקעלע, זאָל לעבען? — פרעג איך די מאַמען.

—מיין הושיעקעלע, זאָל לעבען, איז אין ווינטער געוואָרען בר-מצוה—ענטפערט די גליקליכע מאַמע.

—נו, הושיעקעלע—נעהם איך דעם בחור'ל אָן פאַר'ן בעקעלע—זאָג, שעם דיך נישט, וואָס געהט היינט פאַר אַ סדרה?

—זאָג, זאָג!—טרייבט מען הושיעקעלען אָן פון אַלע זייטען—ער שטעלט אויס אַ פּאָר אויגען און שווייגט.

—ב... ב.. ב...—מאַכט דער רבי מיט די גראָבע ליפען.

—ב-ב... בהאַ!—לאָזט הושיעקעלע אויס אויף אַ קויל, קוקענדיג צום רבי'ן.

—נו, בלק, בלק...—זאָג איך אונטער און גיב ווייטער הושיעקעלען אַ פרעג—וואָס האָט אַזוינס בלק געשיקט זאָגען?

דער רבי לעקט דעם פינגער, כדי דער תלמיד זאָל זיך דערמיט אָנשטויסען.

— לעקען—טהוט הושיעקעלע אַ געשריי מיט אימפעט.

— ווער, ווער?—טרייבט הושיקעלען אונטער דער רבי, און ער

ווערט איהם גרינגער אויפ'ן הארצען, מיינענדיג אז ער האלט שוין מיט דעם תלמיד זיינעם אויף א שטיקעל דרך—ווער, הא?

— דער רבי! — שרייט הושיעקעלע אוים אויף א קול

— דו פארשטאפטער קאפ איינער! — צוהיצט זיך דער רבי מיט'עם—ווער זאגט בלק, וועט לעקען?

— יודען!... — טהום הושיעקעלע גיך א זאג אויף א קוויטשיגען קול'בעל.

— די יודען, די יודען... הושיעקעלע! — זאג איך, א גלעט געבענדיג איהם דאס בעקעלע — זעהר וואויל, דו קענסט.

די מאטע איז גאר איבערגליקליך, האלט די הענט אויפ'ן בויך און קוועלט: אז וואויל איז, כ"לעבען, דעם בויך, וואס האט אזא תכשיט געבוירען! דער טאטע קייעט די צונג און האט שטארק הנאה.

נאך דער וועטשערע שמועסט מיט מיר חיה=טריינע איבער וועגען מיין עסק אזוי: אין א פאר שעה ארום בעדארף אנקומען מיין יאנקא מיט די פערד. דענסטמאל, ר' מענדעלי, זעצט איהר אייך אויף רייטענדיג אויף איינעם, מיין מאן אויף דעם אנדערען פערד און פאהרט פארנעהמען די ביידלעך מיט די סחורה דערוויל אהער. און ווייטער וועלען מיר שוין זעהען. לעת=עתה לעגט זיך א ביסעל צו, אט האט איהר אייך א בעט מיט איבערבעטען.

—א שענעם דאנק!—רוף איך מיך אן—אין די בעבעכעס אז איך וועל אריינפאלען, וועט שווער זיין דערנאך ארויסצובעקומען מיך פון דארט. גאט ווייס וויפיעל איך קען דארט אבשלאפען, און דא איז די צייט טייער. איין אנדערס מאל, אם=ירצה=השם, אז איך וועל קומען צו אייך מיט מיין ווייב און די קינדער צו גאסט, דענסטמאל, זעהט איהר, געזעגען איך מיך מיט אייך אלע און ווארף מיך, אויף גאטס בעראט, אריין טיעף אין דעם תהום בעבעכעס אויף א לאנגער, לאנגער צייט.

—מיר בעטען, מיר בעטינן!—מאכט חיה=טריינע מיט חן—זעהטזשע, מיט אלע קינדער טאקי; נעהמט אייך מיט יאחנע=סאסען. זאגט=זשע זיך נישט אב, האטש נעהמען א קישעלע אהין אין אלקעריל.





— שלאפט געזונד!—געזעגענט זי זיך מיט מיר. — נישקשה, מיינער
דעט איך גאנץ פריה, כלהוך חשור. אויפוועקען!

---

ט.

חיה=טריינע איז טאקי א כשר'ע יודענע, א גוטע, נאר וואנצען האט זי געהאט אין שטוב רשעים, זעהר בייזע. זיי זענען מיר בעפאלען ווי באלד איך האב מיך געלעגט אויפ'ן טאפטשאן אין אלקעריל און די מלחמה צווישען אונז האט זיך אנגעהויבען. ביידע צדדים האבען זיך פער'עקשנ'ט, געארבייט אין עסק: זיי—מיט'ן מויל, איך—מיט די הענד; זיי קריכען, איך שפרינג אונטער; זיי מיט טענות: דער טאפטשאן איז אונזערער, דרך=ארץ זשע, ר' יוד, און לאזט זיך בייסען"—איך זיפץ, פערבייס די ליפען, קראץ מיך מיט אלע כוחות; זיי א ביס—איך א קראץ; זיי אויף מיר—איך אויפ'ן קישען, אראב, צו אלדי שווארצע יאהר, דאס קישען! דאס הינקעדיגע ביינקעל אויף דריי פיסלעך פאלט אום; דאס ליימענע קריגעל מיט נעגעל=וואסער טראך=טראך; טאראקאנעס אויפ'ן ציל לויפען, דראפען, הארמידערען; פערערען פון דעם צעריסענעם קישען פליהען אין דער נאז, אין די אויגען אריין; דער טאפטשאן אונטער מיר ריפעט=סקריפעט. א טאראראם, א גערודער! איך בין דול, צומישט, צאפעל מיט אלע גלידער און ווארף מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער. עס הערט נישט אויף צו בייסען. עס שטינקט וואנצען!—נמאס ווערענדיג מיר די גאנצע מעשה, בלייבט ביי מיר עוקר צו זיין. איך פערלאז מיין געלעגער, שפרינג אראב גלייך צום פענסטער, צו אטהעמען א ביסעל פריי און טהו א קוק אין דרויסען, אויף גאטס וועלט.

אויפ'ן בלויען הימעל שטיל, רוהיג געהט די גילדענע לבנה, איהר שיינענדיג פנים איז זעהר ערענסט, עפים שטארק פערטראכט. שא ארום און ארום!... איהר פערטראכטקייט ווארפט אויף מיר אן א זיסע מרה=שחורה, זי רעדט עפים צו מיין הארץ, די נשמה מייני' נעהמט זי פיר ארוים מיט איהר איטליכען בליק. זי רופט אין מיר ארוים א

ים געפיהלען און עס טראכט זיך, טראכט זיך עפּיס גאָר פון זיך אַליין. עס טראַכט זיך פון דעם ביטערען לעבען פול קרענקונג, אַלערליי ליידען מיט בעליידיגונג, פול פּלאָגען, אָנשיקענישען, אַלטע אויך נייע, און צופּיעסטע מיך פאַר איהר ווי אַ שלאָף קינד, נעבעך, פאַר דער מוטער: אוי מאַמע, עס טהוט וועה!... אוי, ווערט מען עס פערשוואַרצט, קומט מען עס אָב!... קאַרג קאָפּידרעהענש, בויכוועהטיג, איז מען נאָך גרוים אין די אויגען; קאַרג אייגענע מכות און וואונדען, האָט מען נאָך אויסצושטעהן געבראָטענע לייד; קוים־קוים וואָס מען זשיפּעט, פערגינט מען נאָך נישט דאָס שטיקעל געפּלאָגטע לעבען. אוי, מאַמע, עס שמאַרצט, אוי, עס טהוט וועה!... די לבנה קוקט אויף מיר מיט איהר ליכטיגער צורה אַלץ ערענסט, פערטראַכט און דאַכט זיך, זי נעהמט מיך איין: „שאַ, בידנע קינד, שאַ! וואָס זאָל מען טאָן?"... דאָס האַרץ וויינט אין מיר נאָך מעהר, הייסע טרעהרען טרעטען מיר אַרויס אין די אויגען, איך שפּאַר אָן דעם קאָפּ אויף מיין אָרעם, די זייט מיט דער אָבגעשווירענער פּאה דער לבנה אַקעגען, נאַ, זאָל זי זעהן, זאָל זי חאָטש זעהן!... עפּיס עפּענט זיך אין מיר אַ קוואַל פון געפיהלען, צופּען מיך ביים האַרצען, פערפּלייצען מיר די געדאַנקען. די אויגען, אָנגעקוואָלענע ווי די באַנקעס, קוקען אין דער וועלט אַריין מיט אַ ריהרענדיג נעבעט: געוואַלד, העלפט, האָט רחמנות! עס טהוט וועה, וועה, וועה... אַזוי חאַפּט זיך אויף פונ'ם שלאָף ביי דער נאַכט אַ קראַנק קינד, נעבעך, יאָמערט פונ'ם האַרצען פאַר זיך אַליין, קוקט מיט די אויגעלעך, בעטענדיג רחמים.—נישטאָ קיינער! קיינער! קיינער הערט נישט! אַלע שלאָפען, שאַ!... אַ הינטעל נאָר שטעהט אויף דער גאַס וואַך, דער ווידעל צווישען די פיס, דער קאָפּ פעררויסען הויך און בילט מיט אַ קאַלטער לעבער אַקעגען דער לבנה, זי געהט איהר וועג רוהיג, פערטראַכט, פון אַ הונדס בילען זיך גאָר נישט צו מאַכען....

יפּ'ן האַרצען ווערט מיר גרינגער. עפּיס וואַרעמט מיך אינווענינג אַ געפיהל פון האָפענונג און טרייסט אָהן ווערטער—אַזאַ געפיהל, וואָס אַ יוד פיהלט, אַז ער וויינט זיך אויס פאַר גאָט אויף זיינע צרות; אַזאַ געפיהל, וואָס מאַכט דעם מענשען ווייך ווי טייג, נוט אָהן אַ ברעג, דייט איטליכען אַוועקצוגעבען די נשמה, אַרומצונעהמען די גאַנצע וועלט און זי אַ קוש צו טאָן פאַר גרוים ליעבשאַפט.—





און זיי, די וואַנצעלעך, זענען דען נישט גאָטס־בעשעפעניש? וואָס זענען זיי שולדיג, אַז זיי שטינקען, נעבעך? וואָס זאָלען זיי טאָן, אַז עס ליגט שוין אַזוי אין דער טבע זייערער צו בייסען? טהוען עס נישט פאַר שלעבטס, פאַר שנאה און צו להכעיס, נאָר פאַר דעם שטיקעל פּרנסה: זיי ווילען, נעבעך, טרינקען, אָנזעטיגען זיך מיט יענעמס בלוט. מילא לאָז שוין מיינס איבערגעהן. עפּיס דאָס ערסטע מאָל אין לעבען איז מיר דען וואַנצען? און וועלכער יוד האָט דען נישט פון זיי צו זינגען און צו זאָגען?...

איך געה אַוועק פון דעם פענסטער און זאָגענדיג: „אין דיין האַנד טהו איך מיין זעעל בעהאַלטען" גיב איך מיך אַ וואָרף אויפ'ן פּאַפּטשאַן און—גאָרנישט, איך שלאָף!... חלומות האָב איך פיינט צו דערצעהלען. נאַרישקייטען!

דאָס אויפשטעהן אויף מאָרגען גאַנץ פריה האָט מיר געקאָסט גרוים מיה. עס האָט מיר וועה געטאָן איטליכס אֵבר. נאָר די נויט האָט מיך געצוואונגען און מיט מיר אַ טראָג געטאָן פון מיין געלעגער. אַ יוד לעבט מיט אומפּעט. די נויט טרייבט איהם צו לויפען, אַרומצויאָגען, צו טאָן, צו אַרבייטען. לאָז נאָר שוואַך ווערען אַ קאַפּעלע דער אומפּעט, בלייבט ער ליגען ווי אַ דער'הרג'טער. יום־טוב דערפיהלט אַ יוד זיינע וועהטאָגען, דענסטמאָל האָט ער געוועהנטליך צייט קראַנק צו זיין...

די נויט האָט מיך פון מיין געלעגער אויפגעהויבען, די נויט האָט מיך אויף די פיס געהאַלטען, די נויט האָט מיך רייטענדיג אויף אַ פערד אויפגעזעצט, די נויט האָט מיר אין קאַרק געגעבען און איך האָב מיך גערירט פונ'ם אָרט אינאיינעם מיט חיים־חנה חיה־טריינעס פּאַן. האַרב איז ביי אַ יודען נאָר דאָס ערשטע ריהר, דערנאָך, אַבי אַ קוועטש די ספּרונזשינקע, געהט עס שוין ווי אַ פּוטער, ער קריכט שוין אפילו וואוהין מען בעדאַרף נישט, וואוהין מען האָט איהם כלל נישט געבעטען. ער דראַפּעט זיך אַפילו אויף די גלייכע ווענד. איך קום באַלד צו מיינע קרעפטען, בין פריש און שטאַרק אויף דאָס ניי.

אַז דער עולם זאָגט: „אַ יודישע נשמה קען מען נישט שאַצען", מסתמא איז רעכט. נאָר אין אָנהויב האָב איך גערעכענט, חיה־טריינע פרעהט זיך דאָ מיט מיר אַזוי פּשוט, וואָס זי האָט דערטאַפּט פּלוצלים

אַ קרוב און נאָך אַזעלכען, וואָס רייבט זיך אַרום ספרים! דאָס רייבען זיך אַליין אַרום עפּיס אַ זאַך האָט שוין אַ גרויסען ווערטה ביי יודען. אַ יוד, פון די שענע בעלי־הבתים אַפילו, ווען עס קומט איהם אויס צו האָבען אַ עסק אין די פּריסוטסטוועס, הויבט אָן צום ערשטען פון סטאָראָזש — ער רייבט זיך דאָך פאָרט אַרום די אַדונים דאָרט — שמועסט מיט איהם איבער און גיעהט אַוועק צופרידען. לעת־עתה, טראַכט ער, איז גענוג. דער סטאָראָזש איז נישט קיין שלעכטער מענש. — דער שמש, וואָס רייבט זיך אַרום אַ יודישער שקאָלע, הייסט ביי אַ טייל פון יודישען עולם: דער אינספּעקטאָר; דער יודישער בריף־טרעגער — פּאָטשטאַר, דער יוד פון דער פּאָטשט, אַזוי פיעל כמעט ווי פּאָטשט־מייסטער. קורץ, ווי מען זאָגט טאַקי: „דעם רב׳ס שיקסע קען פּסקע׳נען שאַלות״... ביי דער וועטשערע, אָנקוקענדיג די דיקע, ברייטע מויד, וואָס שוין צייט איהר אונטער דער חופּה, איז מיר שוין אַריין אין נאָז, אַז חיה־טריינעס פּרייד בעטייט, איך קען איהר צוניץ קומען צו אַ שידוך... און, דאַכט זיך, גאָר אויף מיר גופא האָט זי אַ אויג. דעריבער טאַקי האָט די מויד אַזוי שבת׳דיג זיך אויסגעפּוצט... דאָס איז מיר דערנאָך קלערער געוואָרען פון חיים־חנא׳ס רייד, פאָהרענדיג מיט מיר אויפ׳ן וועג. עפּיס האָט ער צופיעל אויסגעפרעגט מיך וועגען מיין בחוריל מיט אַזאַ שמועס:

— אַזוי! איז אייער בחוריל שוין געוואָרען, אייער בחוריל, בר־מצוה און נאָך נישט קיין חתן, נישט! איך אין זיינע יאָהרען האָב שוין חתונה געהאַט, אין זיינע יאָהרען. — מיין היהדטריינע לאָזט מיך די נעכט ניט שלאָפען: געוואַלד, אַ בחוריל! וואָס ליגסט דו, גזלן אַזוי?... געוואַלד, אַ חתן! — די בתולה מיינע האָט איהר דאָך געזעהען, די בתולה, אַ גוטע בעל־הבית׳טע. אפשר טאַקי שוין צייט איהר חתונה־צומאַכען, שוין צייט אפשר? — וואָס זאָגט איהר, ר׳ מענדיל? עפּיס זייט איהר דאָך אַ יוד, אַ למדן, שוין צייט? מיינע האָט מיט מיר היינטיגע נאַכט איבערגעשמועסט... איהר זייט ביי איהר שטאַרק חשוב, זייט איהר. אַלץ קומט אויבגעריכט. בעדאַרף זיך גראָד מאַכען אַ מעשה און איהר האָט פערפּלאָנדזעט צו אונז... זעהר אָנגעלעגט, כ״לעבען, איז אייער בחוריל שוין, זאָגט איהר, בר־מצוה, אייער בחוריל?

אין דעם, ווי מיר שמועסען דאָ אַזוי, קומען מיר צום אָרט פון די פיידלעך. פריהער בעטראַכט איך גוט מיין פיידיל אין איטליכס





חיטקעלע. ברוך־השם, אַלצדינג דאָ אינגאַנצען, און לאָז מיך צוגעהן דערנאָך צו אַלטערס פיידיל. דאַכט זיך, אויך נישט גערידהרט, עס שטעהט אויף זיין אָרט. נאָר קוים נעהם איך מיך צום לאַנטוך, מיט וועלכען דאָס פיידיל איז איבערגעדעקט, און טהו אַ טאַפּ, בין איך פערצאַפּעלט געוואָרען, עס ריהרט זיך עפּיס אונטער איהם... איך שפּרינג אָב שטאַרק דערשראָקען אויף צעהן איילען אין דער זייט. דאָס לאַנטוך הייבט זיך דערווייל אויף און איך דערזעה פאַר מיינע אויגען זיצענדיג אויפ׳ן וואָגען מיט אַ פערבונדענעם קאָפּ — אַלטער יקנה׳ז!...

# יא

וואָס מיט אַלטער׳ן איז פּירגעגאַנגען, וואו ער איז היגגעקומען, פון וואַנען ער האָט פלוצלים זיך גענומען און פאַרוואָס דער קאָפּ איז איהם פערבונדען — די דאָזיגע שאַלות דערקלערט אונז באַלד אַלטער מיט זיין כשר מויל אַליין, אַזוי:

מילא געה איך מיר נאָך די פערדלעך. בקיצור נישטאָ קיין פערדלעך! נישמער, טראַכט איך מיר, גאָרנישט. אַ פּנים, זיי זענען פערגאַנגען ווייטליך. גראָז אין וואַלד איז זעהר גוטע, שאַטען אויך דאָ. פאַר וואָס נישט? אַ מענש, להבדיל, זוכט אויך, וואו גוט איז. מילא געה איך מיר ווייטער, ווייטער, פאַרשטעהט איהר מיך, מען הערט נישט, מען זעהט נישט. וואָס טהוט מען דאָ? ס׳איז דאָך עפּיס שפּל! פלוצלים דאַכט זיך מיר אין וואַלד עפּיס אַ שאָרך אויף יענער זייט פון אַ טאָל. מיינער באַלד טאַקי אַראָב, אַרויף, אַהין, אהין, בקיצור גאָרנישט. דערווייל ווערט שפּעטליך, ס׳איז שוין טונקעל, עפּיס גאָר נישט קיין גוטער משא־ומתן!... דאַכט זיך מיר חידער אַ שאָרך, איך ווייטער אַהין, דרעה מיך, זוך און ווייטער גאָרנישט. עס פאַרדריסט מיר שוין, פאַרשטעהט איהר מיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג? בקיצור, ווידער אַ שאָרך און עפּיס ווי טריט. — אָט האָסט־דו זיי, די שענע לייט! אַ קרענק זיי אין די ביינער! פלוך איך שטאַרק אויפגעבראַכט און דערשלאָג מיך אַהין, ערגיץ אין אַ העק, צווישען געדיכטע צווייגען. אַהאַ, ס׳איז דאָ,

דערטאַפּט!... וואָס? צו אַלדי שוואַרייע יאָהר, עפּיס אַ רויטע קוה
אַ קוה, וואָס, חי געוועהנטליך, זיך פון דער טשערעדע אָבגעריסען און
פערנאַנגען אין וואַלד. אַצונד וואָס? איך וויים גאָר ניט, וואו איך בין.
נישמער שטעהן איז קיין תכלית נישט, מילא געה איך מיר אין צרות,
אויף נאָמס בעראָטה, און פאַרגעה מיר צו אַ פייערל, וואָס האַלט ביים
אויסגעהן. האַלאָחעשקעס רייכערען זיך, ס'איז נאָך דאָ אין זיי אַ פונק.
דאָס גראָז אַרום און אַרום אויסגעטרעטען, עס וואַלגערען זיך ברעקלעך
ברויט, שאָלעכטס פון אונערקעס, פון אייער, ציבעלעס און קנאָבעל,
איך צעריסענע שמאַטעס און שמאַטקעלעך. דאָ איז, אַ פנים, געוועזן
אַהיבשע קאָמפּאַניע, און ווי עס זעהט אויס, אַ חאָפּטע ציגיינער. גאָר
עפּיס נישט קיין גוטער עסק! ציגיינער האָבען ליב צולקחענען. פלו-
צלים דאַכט זיך פון גאַנץ חייט עפּיס אַ קול. אפשר רופט עס דאָרט
ר' מענדעלי? געהט מיר איבער אַ געדאַנק, און איך לאָז מיך געהן
גיישווינטער. דאָס קול, דאָ הערט עס אויף, דאָ לאָזט עס זיך ווידער
הערען און חאָס נעהענטער ווערט עס אַלץ שרעקליכער, ווי איינער
שרייט געוואַלד!... עפּיס גאָר אַ שרעק, כ'לעבען! נישמער גאָרנישט.
איך טהו מיר מיינס און געה. עס העלפט נישט, נאָר קוק מיך גום
אַרום און היט די ביינער. בקיצור, אַקעגען מיר וואַקסט אויס פונדער-
וויטענס עפּיס אַ קרעטשמעלע, אַ חורבה'לע אויף הינערשע פיסלעך.
עפּיס איז מיר עס נישט געפעלען. איך בעהאַלט מיך אַ ביסעל אין
דער זייט צווישען צווייגען. גראָד טאַפּ איך דאָרט אָן עפּיס אַ דרענגיל.
בעהם עס אין דער האַנד, פאַרשטעהט איהר מיך, ליתר-בטחון. זיין
שטיל און קוק מיר, וואָס וועט דאָ זיין. עס קומט מיר אין קאָפּ אַריין
שרעקליכע זאַכען, מעשיות מיט גזלנים און גלופּסקער גנבים. פלוצלים
חייטער אַ געשריי, אַ ביטער געשריי, ווי פון איינעם, וואָס איז אין אַ-
גרויסער סכנה, און, דאַכט זיך, דאָס ביטערע געשריי איז פון חורבה'לע.
עס חאַפּט מיך אָן ביים האַרצען. עס טראָגט מיך אונטער פונ'ם אָרט
און איידער מיך צו בעטראַכטען שטעה איך שוין נעבען קרעטשמעלע.
אַליין נישט רעכט צו געדענקען, ווי אַרום האָב איך מיך דאָ גענומען.
עפּיס געפּיקט האָט מיר אַלץ אין קאָפּ: אַ אייגענער, אַ אייגענער! אַ
קשיא אויף אַ מעשה, אפשר איז גאָר ר' מענדעלע אין אַ סכנה. איך
וויים דען, אַ פנים, וואו איך בין? ס'איז טאַקי אַ מורא, נישמער גאָר-
נישט! מיין טויט זאָל דאָ זיין, פון איך מיך דערגעהן, וואָס טהוט זיך
דאָ אַזוינס. עפּיס ביז איך דאָך אַ שטיקעל עקשן אויך. בקיצור, איך





געה מיר פאַמעליכען און האַרך מיך גוט צו. עצים הערט זיך אַ פּער-
דומפּט קול. איך קום צו נעבען אַ צושאָטענעם טויער, קוים וואָס ער
האַלט זיך פאַר אַלטקייט. מיינער פּוץ אַריין אינווענינג אין אַ גרויס הויז.
געה אויף די שפּיץ פינגער, זוך, ניסטער אין דער פינסטער, עס אַ
שטיל. איך נעהם אַרויס פון דער קעשענע אַ פעקעלע מיט עבליכע
שוועבעלעך, רייב, רייב מיט אַ ציטערדיגע האַנד, אומזיכט, עס וויל
נישט ברענען. דאָס לעצטע צינדט זיך לסוף אָן און באַלד טאַקי לעזט
זיך הערען אַ געשריי גאָר אין איין אָטהעם, ערגיץ פון דער זייט
דאָרט, דאָס שוועבעלע פאַרלעשט זיך און גאָרנישט, איך טאַפּ אין
דער פינסטער, קריך ערגיץ אַריין און שלאָג מיך אויף עמיצען עפּיס
אָן. די האָר שטעלען מיר זיך קאַפּויער, פרענט מיר בחרם, אויף ווי'ס
פאַר אַ וועלט איך בין. בקיצור, ביי דער שיין פון דער אויפגעהענדיגער
לבנה, דורך אַ קליין אויסגעשלאָגען פענסטעריל, אין אַ פערשימעלט
חדריל אָהן אַ טיר, דערזעה איך, ליגט איינער געבונדען, ווי אַ שאָף,
מיט הענד און מיט פיס, איז, נעבעך, טויט, בלייך ווי די וואַנד, קוים-
קוים וואָס ער זשיפּעט.—גאָט האָט אייך געבראַכט אַהער, זאָגט דער
אומגליקליכער פאַרשוין, בינדט מיך ניכער אויף, וואָרום איך בין
כּמעט ביי. די שטריק האָט מיר זיך אַיינגעשניטען אין דעם לייב און
ס ברענט מיך אַ טרונק! — ווער האָט אייך אַזוי געפּענטעט? טהו איך
אַ פרעג, נעהם באַלד אַרויס מיין מעסער און שנייד אויף די שטריק.—
אין זיין טאַטענס טאַטען אַריינגעפלויגען, שילט דער פאַרשוין, אויס-
גלייכענדיג די ביינער. אַזאַ ממזר, נאָטקע גנב! — וואָס, אַ גנב?! רוף
איך מיך אָן, שאַרף אָנקוקענדיג דעם פאַרשוין.—יאָ, יאָ, אַלצדינג אין
דער קאָרט! ערשט היינט נאָך האָט ער גע'גנבה'ט אַ פּאָר פערד. איך
שפּרינג אַזש אונטער הערענדיג אַזוינס. בקיצור, איך הויב אָן באַלד
טאַקי דעם פאַרשוין אויסצופרעגען, זאָג סימנים און עס קומט אַלצדינג
קלאָר אַרויס ווי בוימעהל אויפ'ן וואַסער. ביי יענץ פייערל אין דעם
וואַלד זענען דאָס געזעסען אַ גאַנצע חאָפּטע שלעפּערס, פיינע לייט,
איינער פון די שענע נפשות האָט זיך געלאָזט שפּאַצירען דאָרט און
צוגענומען אונזערע פערדלעך. איך דערגעה מיך דעם חעג, אויף
וועלכען די שלעפּערס האָבען זיך געלאָזט פאָהרען און עס בלייבט
ביי מיר, באַלד אָהן שיהות נאָך די גנבים זיך צו לאָזען. דער פאַרשוין
פרווט מיך אָבהאַלטען, לעגט מיר שטיינער אויפ'ן האַרצען: ער האָט
מורא, דער ממזר זיינער איז אַ רוצח, מיט איהם פאָהרען נאָך בוידע:

פאַרשווינען, אַלע כמעט אַזעלכע ווי ער. מיך אָבער האָט עס ניט געלאָזט רוהען. בלייבען אָהן אַ פערד קען איך ניט.— ניין, ניין! איך מוז זיי דעריאָגען, עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל. לאָזען שפּייען זיך אין דער קאַשע קען איך נישט. אַ רגע איז אַצונד טייער: בלייבט איהר דאָ, רוהט זיך אויס, ביי מיין צוריק־קומען מיט די פערד, אם־ירצה־השם, נעהם איך אייך און מיך פאָהרען בײדע פון דאַנען אַוועק. אַזוי זאָג איך דעם פאַרשוין, צו וועלכען עס ציהט מיר עפּיס שטאַרק דאָס האַרץ, נעהם די פיס אויף די פּלייצעס—און לאָז מיך געשווינד אין וועג אַריין.

דאָס אַלטע וויסטע קרעטשמעלע שטעהט אַריינגערוקט אַביסעל אין וואַלד ביי דעם שליאַך, וואו עס טיילען זיך וועגען אין פערשידענע זייטען. לינקס פאָהרט מען קיין גלופּסק, קיין וואָהלין, און רעכטס אין שבעדט פון פּאָדאָליער גובערניע. איך נעהם מיך רעכטס. בקיצור, איך געה נישט, נאָר איך לויף. אין כעס בין איך אַ שרעק. איך וואָלט צעריסען דעם גנב ווי אַ הערינג. עס פעהלט מיר מעהר נישט צו די גוטע עסקים, בלייבען זיצען אין פעלד אָהן אַ פערד, אָהן אַ גראָשען געלד. נישמער גאָרנישט. מיינע פיס הויבען אָן זיך אָבצוזאָגען פון דעם גיכען גאַנג, דער מאָגען וויל נישט וויסען פון קיין שום זאַך און מײַנט עסען. אַ קליינינקייט עפּיס אַזאַ גרויסען טאָג אָבצופאַסטען. שלעבט! עס עבט מיך דער געדאַנק: פערפאַלען די מיה, אומזיסט דאָס לויפען! זיי, די שענע נפשות, זענען אַוועק אַ היבשע צייט פריהער פון מיר און וואָס נאָך! זיי פאָהרען. אַקעגען־זשע איך געה צו־פוס. עס שטאַרקט מיך נאָר איין האָפנונג, טאָמער וועט אָנלויפען עפּיס אַ פוהריל. אַ גליק נאָך, וואָס די לבנה שיינט און מען קען האָטש זעהן ווי אין העלען טאָג. בקיצור, איך געה, שוין נישט אַזוי געשווינד, מיט אימפּעט ווי פריהער, אָבער איך געה, נעהם מיר אַרויס די אויגען קוקענדיג. נישטאָ קיין לעבעדיג בעשעפעניש. נישמער גאָרנישט, איך טהו מיר מיינס, אַלײן ווייטער, ווייטער. נעהם איך מיך צו עפּיס אַ זאַך, פאַרשטעהט איהר מיך, לאָז איך עס אַזוי גיך נישט אָב. בקיצור, דאַכט זיך, אַ קלאַפּען פון רעדער... אין דער ערד מיט'ן קאָפּ! אויף צושפּרינגעניש פאָהרט מען נאָר מיר אַקעגען, נישט אין דער זייט, וואוהין איך בעדאַרף. אַי, אַ מזל, מיין פינסטער מזל!— איך ווענדע מיך צו איין פוהריל, צו דער אַנדערער. אַלע זענען שכור־





לוט. אַ צונד פאַרשטעהט איהר מיך, ווער איך שוין גאָר מיאוס אין כעס. אָבער ווי נאָך אין כעס!.. און טהו מיך אַ לאָז ווייטער מיט אימפּעט. איך בין שוין אָבגעגאַנגען אַ היבשע שטרעקע וועג, ס'איז שוין טאַקי גוט שפּעט. אין מיר איז נאָך דאָ אַלץ אַ האָפנונג, עס וועט מיך אָניאָגען אַ פוהריל, און פונדערוויטענס דאַכט זיך טאַקי עפּיס פוהרלעך, נאָר אין דער ערד מיט'ן קאָפּ! ווידער טאַקי מיר אַקעגען... ניין! טראַכט איך, היינטיגס מאָל לאָז איך עס אַזוי נישט אָב. דאָס לעצטע, וואָס ביי מיר געפינט זיך, גיב איך אַוועק, אַבי מען זאָל מיך אונטערפיהרען. איך טרייב מיך אונטער, געה מיט קוראַזש, נאָר די פוהרלעך דאָרט ריהרען זיך, דאַכט זיך, נישט. שטעהען עפּיס אויף איין אָרט.

אַהאַרץ־וועהטיג נאָר, אַ צושפּרינגעניש! נישמער גאָרנישט. בקיצור, צוקומענדיג נעהענטער, דערזעה איך, דאָס זענען ביידלעך. עס פאַלט מיר באַלד איין, אפשר זענען עס די פיינע לייט. איך האַלט אין דעם גאַנג, געה מיר שטיל, פאַמעליכען און טראַכט, וואָס טהוט מען? ביי דער זייט וועג ציהט זיך אַ יועלדעלע, מיינער אַריין אַהין, בעהאַלט מיך צווישען בוימער פון וואַנען איך קוק אַרויס און בעטראַכט די ביידלעך אַקעגען. יאָ. דאָס זענען מיט די אַלע סימנים זיי, זיי! איין ביידיל ליגט אָנגעבויגען צו דער ערד, אַרום איהם אַ גאַנץ פעקיל: מאַנסבילען, ווייבער, יונג און אַלט, קינד און קייט, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע. דער האַקט, יענער קלאַפּט, איינער גיט עצות, דער אַנדערער פלוכט, זידעלט. ווייבער קוויטשען און קינדער שרייען, פּישטשען. ס'איז אַ געשילטעריי, אַ געבייזעריי, אַ פאַטשעריי, אַ חאָרחלעריי מיט אַ געוויין און אַ געלעכטער אינאיינעם. צווישען דעם רעש הערען זיך קולות: שולדיג איז דאָס נייע פערדיל, פאַרברענט זאָל עס ווערען! אַזאַ פליאַגע, דעם גאַנצען וועג האָט עס געצויגען אַלץ אין דער זייט, אויף צו להכעיס אַלץ אין דער זייט... עפּיס אַ פאַרשלעפּטע קרענק, פגר'ען זאָל עס! פייבושקעס כשר'ע מציאה, אַ חאָלערע אויף איהם!—פּיסקאַטשעס, שטינק־פעלעך, קוליעס שטרוי אָהן הענד, אָהן אויגען, גאָרנישט, נאָר פרעסען, דריכנען!—זידעלט זיך איינער, אַ רויטער יונגאַטש מיט ברייטע פּלייצעס און ווייזט דערביי איטליכען אַ קולאַק. איך זוך מיט די אייגען און דערזעה: אין די אָבעדריקעס מיט שלייעס שטעהט אָבגעשפּאַנט, ביי דעם הינטערשטען ביידיל, אייער פערדיל, ר' מענדעלי! מען האָט איהם,

אַ פנים, מכבד געווען געהן אויפ'ן דראָנושיק. אַי, חכם מיינער! מאַך איך פאַר פרייד, דו האָסט זיי אָנגעמאַכט אַ גוטע חתונה, נישקשה!... וואו־זשע איז ערגיץ מיין שלימזלניצע? מיין שקאַפּע, זעה איך, שטעהט צוגעבונדען הינטער דעם דאָזיגען ביידיל טאַקי. איך בעטראַכט מיין דרענגיל, נעהם אַרויס מיין מעסער און לאָז מיך אַזוי שטילערהייט ווי אַ קעצעלע צום ביידיל, בשעת די חאָ־טע איז שטאַרק בעשעפטיגט דאָרט מיט דער אַקס, שנייד געשווינד איבער די שטריק, חאַפּ מיך אַרויף רייטענדיג און פאָהר מיט ביידע סוסים אָהן אַ זיי־געזונט אַוועק. מילא גאָרנישט, בעדאַרף גאָר, צו אַלדי שוואַרצע יאָהר, איינער פון דער חאָפּטע דערזעהען, מאַכט אַ געפילדער און עס ווערט אַ קאָכעניש. דער רויטער יונגאַטש, זעה איך, יאָגט העמדום־פּעמדום און אָט־אָט דעריאָגט ער מיך. מיינער שמייסט, טרייבט די פערד זיי לאָזען זיך היינטיגס מאָל נישט בעטען און לויפען ווי וויט נאָר זיי קענען. דער רויטער איז שוין וויטליך אַביסעל הינטער מיר. בעדאַרף מיין שקאַפּע זיך פערפּלאָנטען אין די שלייעס פון אַייער פערדיל, וועלכע איך האָב אין אַיילעניש נישט אַראָבגענומען. זי פאַלט און עס ווערט אַ עיכוב. דערווייל יאָגט אָן דער רויטער יונגאַטש, אָנגעצונדען ווי אַ גזלן און וואַרפט זיך אויף מיר ווי אַ חיה רעה מיר ראַנגלען זיך מיט אַלע כוחות, שטום, נישט צו רעדען קיין וואָרט פאַר גרויס כעס. מיר ווילען איינער דעם אַנדערען אומוואַרפען און פאַלען ביידע אַרום־נעהמענדיג זיך שטייף, אַזוי אַז די ביינער קנאַקען. בקיצור, מיר אַרבייטען געשמאַק, אָט בין איך פון אויבען דער רויטער אונטען, קוועטש אַזש דער רוח נעהמט איהם, פלוצלים בייטען זיך די יוצרות: ער פון אויבען און איך אונטען. נישמער גאָרנישט. איך דערלאַנג איהם, פאַר־שטעהט איהר מיך, אין דער זיבעטער ריפּ, אין דער דיך. ער שפּרינגט אונטער און בלייבט ליגען שטיל, ווי טויט. מילא גאָרנישט. דאָס איז געווען נאָר איין אָנשטעל. איך לאָז איהם אָב און דאָס טאַקי האָט ער געמיינט. ער באַברעט זיך דערווייל שטיל און בעקומט אַרויס ביי זיך פון דער קעשענע אַ מעסער.—עהע, אַזאַ בחור ביסט דו, טהו איך אַ געשריי! גיב איהם אַ זעץ איבער דער האַנד, אַזוי אַז דאָס מעסער פאַלט איהם אַרויס און פאַרפליהט ווייט. ער נעהמט זיך צונויף מיט אַלע קרעפטען, גיט זיך אַ וואָרף אויף מיר פלינק ווי אַ קאַץ, דראַפּעט מיר דעם האַלז און אָט־אָט שטעקט ער מיר אַריין די פינגער אין גאָרגעל. פלוצליי' הערט זיך פונדערווייטענס אַ גלעקיל. דאָס מאַכט





אויף איהם אַ מורא. ער איז דאָך פאָרט אַ גנב.—אַייער טרפה'ן מזל, ברומט ער ווי אַ בער, וואָס דאָס גלעקיל. נאַט אייך־זשע אַ מתנה!... ער טהוט מיך אַ טראַך אין קאָפּ און ווערט פערשוואונדען. איך שטעה באַלד אויף, חאַפּ מיר ווידער אַרויף רייטענדיג און פאָהר מיר מיין וועג. שפּעטער ערשט דערפיהל איך דעם וועהטיג, טהו מיך אַ טאַפּ, בע, אויפ'ן שטערען איז מיר אַ בייל! נישמער גאָרנישט. מיינס האָב איך אויסגעפיהרט. די פערדלעך, פאַרשטעהט איהר מיך, זענען ביי מיר.

—בענשט גומל, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט!—רוף איך מיך אָן און נעהם אַלטער'ן אַרום פאַר פרייד.

—נישקשה!—מאַכט אַלטער—לאָז דער רויטער דאָרט אויך בענשען גומל, וואָס אַ מעת־לעת האָב איך גאָרנישט אין מויל געהאַט און בין געווען שטאַרק מיד. אָבער אונזערע סוסים זענען דאָ.

—וואו זענען זיי, די ליבען אונזערע?—פרעג איך, אַרומקוקענדיג זיך אין אַלע זייטען.

—האָט צייט אַביסעל, ר' מענדעלי!—ענטפערט אַלטער—דער פאַרשוין, מיט וועלכען איך בין צוריקגעקומען, האָט געפיהרט די ליבען אָנטרינקען דאָרט אַראָב נידריגער, וואו ס'איז דאָ אַ טייכיל און גוטע גראָז. זייט רוהיג, נישקשה. ער גיט אויף זיי גוט אַכטונג. איך בין אויך נישט לאַנג געקומען. מיד, צובראָכען, לא עליכם, טהו איך מיך אַ וואָרף אין ביידיל און דעק מיך איבער מיט דעם לאַנטוך חאַפּען אַ דרעמיל. נאָר קוים וואָס איך מאַך צו איין אויג, קומט איהר אָן, ר' מענדעלי, און גלויבט איז גאָט, וואָס מען זעהט זיך געזונט... וואָס געהט איהר עס עפּיס פערבונדען, ר' מענדעלי? האַ, די צייהן?

—איהר, ר' אַלטער—זאָג איך—איהר זייט געקומען פערבונדען דעם קאָפּ, מיט אַ בייל, איך פערבונדען, אָהן אַ פּאָה, איהר מיט אַ פאַרשוין און איך מיט ר' חיים־חנא, חיה־טריינעס מאַן! שטעל איך איהם צום צווייטען מאָל פאָר שוין מיט דעם גאַנצען טיטעל.

אַלטער שטעלט אויס די אויגען, קוקט אויף מיר מיט אַ פרעג.

—וויאָס הייסט!—מאַך איך שטאַרק פערוואונדערט—איהר קענט נישט חיה־טריינען!

—מילא חיה־טריינע איז חיה טריינע—מאַכט אַלטער פערוואונ־
דערט צוריק—אָבער די פאָה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט אייער פאָה?

—אַ קרובה, מיין ווייב געהער זיך אָן אַ קרובה—רופט זיך חיים־
חנא אָן תמ׳עוואַטע.

און ווי מיר שמועסען זיך דאָ אַזוי, זיצענדיג אויפ׳ן גראָז, ווייזען זיך פונדערווייטענס אונזערע לייבען, העצקענדיג זיך, קלאָמפערשט ווי זיי לויפען. עפּיס האָט זיי אין מיינע אויגען דאָס פנים זיך געענדערט פון נעכטען אָן. זיי פערדרייסען די קעפּ מיט גאוה, גלייך ווי גערעדט: לאַך דיר, לאַך, פונדעסטוועגען האָט זיך אויף אונז געפונען אַ בעלן, געהאַט שטאַרק חשק און אונז אַוועק־גע׳גנבה׳ט, נישקשה. מיט אַ שמאַטע אויפ׳ן פּוס, מיט אַ ריגענדיג אויג, פונדעסטוועגען אַז מען בעדאַרף געהן אויפ׳ן דראָנזשיק, געהט מען און איין אַקס אַז מען בעדאַרף צע־ברעכען, קענען מיר אויך, נישט ערגער פון אַנדערע. אַז אַך־און־וועה איז אונז נאָר, וואָס מיר זענען יודישע. איהר, ר׳ יודען, זייט זיך נאָר מתחייב אייערע פערד קעסט און געבען גיט איהר זיי מכות... איך דערלאַנג מיין פערדיל, בשעת צוקומענדיג צו מיר, אַ קליין זעצעלע איבער דער מאָרדע מיט אַ שמייכעלע: דו שקאָץ איינער! —

באַלד דערויף קומט אויך צו אַלטער׳ס פאַרשוין, איך טהו אַ בליק און לאָז אַרויס אויף אַ קול, אַ פּאַטש געבענדיג ביידע הענד:

— פישקע! מען זאָל געווען דערמאָנען משיח׳ן, וואָלט ער געקומען.

— יענער פישקע? פון וועלכען איהר האָט מיר דערציהלט? — פרעגט אַלטער זעהר פערוואונדערט.

— יאָ, יענער, דער פון דער באָד. — נו, שלום עליכם, פישקע!

— איך האָב אַייך, ר׳ מענדעלי, אויך׳עט דערקענט — זאָגט פישקע אָבשטעקענדיג מיר צוריק אַ שלום־עליכם.

— אייער פישקען קומט אַ דאַנק — מאַכט אַלטער צו מיר — ווען נישט ער, וואָלטען מיר אונזערע פערדלעך געזעהען ווי אונזערע אויערן!





— ווען נישט ר׳ אַלטער — מאַכט פישקע אויך צו מיר — וואָלט פישקע אַ מיתה משונה איינגענומען.

— איך האָב שוין געהערט, געהערט! — רוף איך מיך אָן — זאָג בעסער, פישקע, פון וואַנען האָסט־דו זיך אַהער גענומען?

— ס׳איז אַ לאַנגע מעשה — ענטפערט פישקע, אַוועק־קעהרענדיג דעם קאָפּ אין דער זייט.

איך שטעה אַ רגע און בעטראַכט פישקען. ער איז נעבעך נאַקעט און באָרפיס מיט געשוואָלענע, פערבלוטיגטע פיס, פאַרברענט פון דער זון און דאַר ווי אַ צוים־שטעקיל, נאָר הויט און ביין. דאָס האַרץ האָט געריסען קוקענדיג אויף איהם. ער האָט געמוזט נעבעך גענוג צרות אויסשטעהן. איך נעהם איהם ביי דער האַנד און זאָג:

— דיין מעשה, פישקע, וועלען מיר שפעטער הערען. עס וועט נאָך זיין צייט. אַצונד רוה זיך אַביסעל אוים דאָ מיט אונז.

---

## יב

פאַר אַ יודישען בעל־לשון וואָלט געווען גענוג מאַטריאַל אויף אָנצושרייבען אַ שענעם פזמון פון אונז אַלע, דענסטמאָל אין יענעם שענעם פריהמאָרגען. ס׳איז דאָ צום פזמון פיער בעווייבטע יודען, ווי זיי ליגען זיך צושפּילעט אויפ׳ן גרינעם גראָז, האָבען הנאה און שווייגען. אויך אַ זון מיט שטראַהלען, הימעל, נאַטור, טוי־טראָפען, שפּילפייגעלעך און פערדלעך, איינס שענער פונ׳ם אַנדערען. דערצו וואָלט ער דאָך געמעגט געבען אַ גמילות־חסד עפּיס פון זיינס אויך: אַ טשערעדע שאָף, וואָס פיטערען זיך אויפ׳ן געמייזאַכץ, אַ קלאָר רינענדיג וועסעריל, וואו „אינדען טהוען צוברעכען זייער דאָרשט״, און אונז פייפעלעך אין מויל, אויף וועלכע מיר שפּילען און שאַלען, ווי די פאַסטוכער, אַ לויבליד דער געליבטער כלה אין שיר השירים. טאָרבעס איז דאָ ביי אונז, ברוך־השם, אייגענע, נישט צו בעדאַרפען זיינס. ביי איהם

בלייב עס.. נאָר אָבער עד כאן, ביז דאַנען, ווייטער ר' יוד רוקט זיך נישט! צו מיר אין דער נשמה אַריינקריכען, אַריינלעגען דאָרט אייערע חכמה'לעך, פוילע פּשט'לעך — דאָס איז נישט פאַר אַייך. דערויף איז שוין דאָ פאַר אַייך אַנדערע ערטער... מיינע געדאַנקען גיב איך איבער בעסער אַליין.

פּשוט איז פּשוט, איך ליג מיר בקומפּאַניע צולעגט, קוק מיט אַ פּאָר אָפענע אויגען און האָב זיך משונה הנאה. וואָס? גאָרנישט. עפּיס איז מיר גוט אויפ'ן האַרצען גלאַט אַזוי אָהן ווערטער. דאָס צוטרימקען מיינס דערביי איז אויך נישט מיט אַ כוונה צו געבען קאָנצערט, אָדער צו שאַרפען די כלי, נאָר גלאַט אַזוי זיך אַטרים-ברים, ברים-טרים... אַזוי געוועהנטליך טרימקעט אַ יוד אָהן ווערטער, אָהן אַ שום געדאַנק, ווען די דאַגות הפרנסה לאָזען איהם אַ ביסעל נאָך. אַזוי געוועהנטליך טרימקען קומפּאַניעס יודען, איטליכער פאַר זיך, אויף זיין שטייגער, בשעת זיי שפּאַצירען זיך יום-טוב, אָדער שבת נאָכ'ן קוגעל אין די חאַלאַטלעך, דרעהענדיג דערביי אַ טייל — די קוטאַסען די שפּיצען בערדלעך, און אַ טייל פערלעגט די הענד אַהינטען.

חיים-חנא מיינער טרימקעט אויך מיט אַ שיינענדיג פּנים. דערנאָך גיט ער זיך פּלוצלים אַ שטעל אויף, נעהמט זיך ביים בערדיל, בעלעקט זיך און מאַכט צו מיר אַזוי:

— נו, ר' מענדעלי! שוין צייט, מיין איך, צייט פאָהרען. האַ?

— איהר ווילט שוין פאָהרען אַהיים? — רוף איך מיר אָן און שטעה אויך אויף. נו פאָהרט געזונטערהייט!

— וואָס הייסט! — קוקט חיים-חנא אויף מיר שטאַרק פערוואונדערט — און איהר, ר' מענדעלי, איהר וועט דען מיט מיר נישט פאָהרען? עפּיס האָט מען דאָך גערעדט, עפּיס.

— ווי קען איך! — ענטפער איך, ווייזענדיג אויף די אַלע לייט מיינע.

— מיר בעטען, מיר בעטען! — מאַכט חיים-חנא. לאָזען זיי אויך פאָהרען. מיין חיה-טריינע מאַכט היינט וואַרעניקעס. עס וועט פאַר איטליכען גענוג זיין וואָס צו עסען, וואַרעניקעס.





— אַ שיינעם דאַנק! — פאַרבייג איך מיך — נישטאָ קיין צייט. מען מוז אין זינען האָבען עפּיס פּרנסה. גריסט אייער ווייב גאָר פריינטליך.

— גאָט איז מיט אַייך, ר' מענדעלי! מיין ווייב וועט מיך הרג... — חיים-חנא האָט געוואָלט זאָגען „הרגנען", נאָר ער האָט זיך פערחאַפּט און אויסגעלאָזט שטאַרק צוטראָגען: — וועט מיך אין שטוב נישט אַריינלאָזען, מיין ווייב, אָהן אַייך. מיינע האָט מיט מיר היינטיגע נאַכט איבערגעשמועסט דעם עסק... פאַרשטעהט איהר מיך? זי ריכט זיך דאָ אַזוי אויף אַייך האַסיע-גרונע מיינע אויך... פאַרשטעהט איהר?

— איך פאַרשטעה, פאַרשטעה. עס מוז אָבער געדולד זיין אַ ביסעל. מיין ווייב וועט מיך אויך הרג... אין שטוב נישט אַריינלאָזען, מיין איך, ווען איך זאָל מיט איהר נישט איבערשמועסען דאָס עסק. פאַרשטעהט איהר מיך? וואָס קען מען טאָן, ר' חיים-חנא?

חיים-חנא איז געבליבען שטעהן ווי אויסגעפּאַטשט. מען האָט געזעהן, ווי עס טריפט איהם דאָס בלוט. דאָס פּנים האָט איהם זיך פערענדערט.

— טהוט מיר די טובה, קומט! — מאַכט ער מיט אַ געבעט. ווען נישט, גיט-זשע מיר חאָטש אַ בריוועלע צו חיה-טריינען, אַ געשריפטס, מיר אַליין וועט זי נישט גלויבען. מיך בעשולדיגען וועט זי מיך, אַז איך בין אַ שלים-שלימ... וועט... וועט... פאַרשטעהט איהר מיך? שרייבט איהר אָן עטליכע ווערטער, דער רבי וועט עס איהר איבערלייענען. איך בעט אַייך!

אין ברירה, מען מוז ראַטעווען אַ נפש. ס'איז אפילו אַ גרויסער יושר אַזאַ מאַן גוט מקיים-פּסק צו זיין. נאָר לאָז ער חאַפּען אַ פּאַטש נישט דורך מיר. איך נעהם פונ'ם רענצעלע מיינעם אין ביידיל אַרויס אַ בליי-פעדער, רייס-אָב פון אַ סידור דאָס אויבערשטע לעדיגע בלעטיל, שפּאַר מיך צו צו דער קעלניע און שרייב די דאָזיגע ווערטער:

„להגידה המפורסמת שאר-בשרי, הצנועה מרת חיה-טריינע, זאָל לעבען און געזונט זיין, אמן.

הנה זייט וויסען, אַז, געלויבט השם יתברך, איך בין בקו הבריאה, געזונט אויף אַלע אברים. גאָט ברוך־הוא זאָל נישט אָבטאָן דעם חסד זיינעם פון אונז אויך אויף ווייטער, מיר זאָלען הערען אין גיכען ישועות ונחמות איינער פונ׳ם אַנדערען אין גרויס נחת, עושר און כבוד מיט אַ גרינג געמיטה, אמן סלה. אַייערע קינדערלעך, זאָלען מאריך ימים ושנים זיין, גריס איך גאָר פריינטליך, ובפרט לבתכם הכלה הבתולה מרת חאַסיע־גרונע, לעב, בעט איה למעו־השם צו גריסען גאָר פריינטליי׳

ווייטער בין איך אַייך מודיע, אַז הסחורה האָב איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, געטראָפען גאַנץ עם הביידלעך אויף זייער אָרט. והשנית בין איך מודיע, אַז הסוסים האָבען זיך אויפגעזוכט. ר׳ אַלטער יקנה״ז האָט זיי פון גנבים׳ס הענד מציל געווען. דאָ האָבען זיך געמיהט נאָר זכות־אָבות. גרויסע ניסים איז אונז בעשיינפערליך גע־שעהען. מיר זענען גאָר אַזוי פיעל נישט ווערטה דעם אויבערשטענס חסדים. בעלכם נ״י וועט אַייך איבערגעבען כל־דבר שורש. מעז מעג אַזוינס אין די קראָניקעס שרייבען.

איך בעט אַייך מחילה, חיה־טריינע, חי אַיין איינענע מוטער, וואָס איך נעהם מיך אונטער צו זיין פאַר אַייך אַ מליץ־יושר אויף אַייער בעלכם, וואָס האָט נעבעך גרויס שרעק און עגמת־נפש דערפון, וואָס איך פאָהר היום נישט צו אַייך לויט דעם מדובר. האָט אויף אידם רחמנות, לאָז ער, נעבעך, נישט האָבען אָבגעשניטענע יאָהרען און בעשטראָפט ווערען דערפאַר, וואָס איך האַלט נישט וואָרט און קען נישט כפי המדובר צו אַייך היום קומען. אויף אַייער בעלכם איז, כ׳לעבען, אַ צער בעלי־החיים. ער האָט פאַר מיר פשוט גע׳חלש׳ט, מצדו איינגעלענט די ויעלט, אָבגעלויבט אין טאָג אריין אַייך ובפרט בתכם הכלה המושלמת, וועלכער איך גריס גאָר פריינטליך. הכלל ער האָט מצדו געטאָן, וואָס אַ מאַן און אַ געטרייער טאַטע בעדאַרף צו טאָן... פאַרשטעהט איהר מיך? און נאָך אַ מאָל טאַקי פאַרשטעהט איהר מיך?— ער האָט מיר אפילו געדייצט דעם יצר־הרע מיט וואַרעֶניקעס און מיט נאָך גוטע זאַכען. נאָר פרנסה איז בילכער פון אַלצדינג. מען מוז צוליעב דעם שטיקעל פרנסה פאַרבויגען אַפילו וואַרעניקעס. והשנית, האָב איך דאָך עפּיס אַ זוגתי, איהר פערשטעהט דאָך, פערשטעהט איהר מיך, וואָס איך מיין... אין אַזעלכע זאַכען פערשטעהט איהר?... וואָס איז דען אַ מאַן אָהן אַ זוגתו? איך האָף צו דעם וואָס לעבט אייביג, אַז מיר וועלען בלי־נדר זיך נאָך זעהען און אם ירצה השם אין פריידען אָפּעסען ביי אַייך וואַרעניקעס און אפשר נאָך לעקעך אויך... פאַרשטעהט איהר מיך. דערוויל זאָל בעלכם, נעבעך, נישט ליידען. אַ צער בעלי־החיים!...

איך שיק אַייך דאָ מיט בעלכם אַ מתנה: אַ „תחינה חדשה על־הפרנסה״, „תחינות צו ליכטבענשען, צו ראש־חדש־בענשען״, ״תחינת אמהות שרה רבקה רחל ולאה״, „נאָר אַ שפּאָגעל נייע־תחינה פאַר כפרות שלאָגען״, גם שיק איך אַייך דעם „מ ע י ן ט ה ו ר״, וואָס איטליכע אשה בעדאַרף דרינען זיין בקי און שטאַרק היטען די אַלע דינים דאָרט, ווי זיך נוהג צו זיין. איהר וועט דערפון גרויס תענוג האָבען, אַייער בתכם הכלה הבתולה וועט דערפון אויך משונה הנאה האָבען,

חיה־טריינע! איך האָב צו אַייך אַ בקשה. אַז די וואָנצען שלכם האָבען מיך, נישט היינט געדאַכט, נעכטען געפייניגט, האָב איך אַראָב־געחאַפּט פון מיר האַוואָלענע זאָקען שלי, די ברעסלער, און זיי אין איילעניש ביי אַייך אויפ׳ן טאָפּטשאַן פאַרגעסען. זוכט זיי, זייט מוחל, אויף, און לאָז בעלכם זיי טראָגען געזונט. אַ מתנה פון מיר.— זייט מיר געזונט און גריסט נאָך אַמאָל אַייערע ליבע קינדערלעך. גם אַייער בתכם הכלה־לעב אויך גאָר פריינטליך. פאַרגעסט למען־השם ולמען־השם נישט מכּוח אַייער בעלכם, בעלכם האָט נעבעך אַ שווער, ביטער געמיטה. הביטש שלי, וואָס איך האָב פאַרגעסען בהאַלקיריל שלכם גיב איך במתנה דעם רבי׳ן, זי וועט איהם צוניץ קומען... פון מיר וואָס גריסט אַייך און אַייערע קינדערלעך איטליכען בעזונדער און בתכם הכלה־לעב אויך בעזונדער. הקטן מענדעלי מוכר ספרים״.

אַז איך האָב איבערגעלייענט דעם דאָזיגען בריעף חיה־טריינעס מאַן, איז ער געווען איבערגליקליך און גאָר אָנגעקוואָלען פון דעם זיסען לשון. ביי איטליכס וואָרט האָט ער זיך אַ פאַטש געגעבען אין דעם שטערען פאַר גרויס וואונדער, ווי אַ מענש קען אַזוינס אָנשרייבען! מאַכענדיג דערביי: אוי, מחיה׳דיג לשון!... אוי, לשון, צוקער זיס, ווי איך בין אַ יוד!.. מיר האָבען זיך זעהר שעהן געזעגענט און ער איז מיט אַ גרינג האַרץ אַוועקגעפאָהרען.

## יב

אַזוי ווי איך און אַלטער זענען געווען פֿײַרע שרעקליך מיד און צובראָכען פֿון נעכטיגער נאַכט, דעריבער איז בײַ אונז געבליבען, חאַפּען אַ דרעמיל און אויסרוהען זיך אַביסעל אַקעגען אַ פּאָר שעה. דערנאָך װעלען מיר זיך לאָזען פֿריש אין וועג העט ביז אין דער נאַכט אַריין. פֿישקע האָט אויף זיך גענומען, אַכטונג צוגעבען דערווייל אויף די פֿערד און אָנגרייטען עפּיס צו מיטאָג. „איך, אַזוי זאָגט ער, האָב די נאַכט, נאָך דער מעשה מיט מיר, געשמאַק געשלאָפֿען ווי נאָך אַ באָד. ר׳ אַלטער׳ן, בײַ זײַן צוריק־קעהרען זיך, איז שווערליך אָנגעקומען איידער ער האָט מיך דערוועקט״. — אַלטער לעגט, אויף מײַן בקשה, דעם קאָפּ זײַנעם אַנידער צו מיר אויפ׳ן שוים. איך נעהם אַ מעסער און קוועטש מיט דעם קלינגעל איהם אָב דעם בײַל אויפ׳ן שטערען. דערנאָך גע־ניצען מיר, קנאַקען אוים די בײַנער געהעו און לעגען זיך אין שאָטען אונטער אַ בוים.

ווען נישט די זון זאָל געווען פֿון דער פֿוטערפֿאַס אַרויסשיקען איהרע ברענענדיגע שטאַהלען, וואָס האָבען אונז געבראָטען, וואָלטען מיר געקענט אַזוי ביז נאָך האַלבען טאָג אָבשלאָפֿען. אופּעפּענדיג די אויגען, דערזעהען מיר נישט ווייט פֿון אונז ברענט אַ פֿרעהליך פֿײַעריל, בײַ וועלכען עס קאָכט זיך אַ טעפּיל קאַרטאָפּלעס, צוגעדעמפּט מיט ציבעלע און מיט אַ יודישער דאַרע קישקע. מיר נעהמען צו ביסלעך בראַנפֿען און זעצען זיך באַלד עסען מיט אַפּעטיט. מיר לויבען אָב פֿישקעס קאָכען אין טאָג אַריין. עס האָט דעם יודישען טעם, דער מלכות מעג זײַנע קאַרטאָפּלעס עסען, און ער קוועלט גאָר אָן, צווײשעווענדיג אונז: עסט געזונט, זאָל אײַך וואויל בעקומען!

—פֿון וואַנען, פֿישקע—טהוען מיר איהם אַ פֿרעג—האָסט־דו עס אויסגעקראַצט אַ יודישע דאַרע קישקע? פֿון אונזערע קאַרטאָפּלעס און ציבעלע האָט דאָך געקענט זײַן נאָר פֿיש־קאַרטאָפּעל.

— פֿון וואַנעט, פֿרעגט איהר, אַ יודישע דאַרע קישקע? — ענטפֿערט פֿישקע — פֿונ׳ם טאָרבע! ס׳איז מיר גראָד געראָטען מײַן





טאָרבעלע צו בעהאַלטען פֿון דעם ממזר פֿערהאַפּט זאָל ער ווערען!

— דערצעהל, פֿישקע — בעטען מיר איהם — וואָס איז אויסגעקומען מיט דיר געשעהען?

— עט! — מאַכט פֿישקע מיט אַ זיפֿץ — ס׳איז פֿיעל צו דער־צעהלען, זעהר אַ לאַנגע מעשה.

— דער טאָג איז גרויס, צייט איז בײַ אונז, ברוך־השם, דאָ צו הערען דײַן מעשה. — קומט שפּאַנען! — זאָג איך צו אַלטער׳ן — מיר וועלען זיך פֿאָהרען און פֿישקע וועט אונז אויפ׳ן וועג דערצעהלען

אַז די בײַדלעך זענען שוין געשטאַנען געשפּאַנט, פֿאַרבעט איך דעם עולם צו מיר אויפ׳ן וואָגען. אַלטער אָבער פֿאַרבעט אונז צו זיך. בײַ מיר, זאָגט ער, איז געדיכטער, נישט אַזוי אָנגעפּאַקט מיט סחורה. איך מאַך אַ פּשרה: לאָז זײַן אַ ביסעל בײַ איהם אויפ׳ן וואָגען און אַביסעל בײַ מיר

### בײַ אַלטער יקנה״ז אויפ׳ן וואָגען.

— נו, היידאַ, פֿישקע! אַרויס מיט דער שפּראַכע — בעטען מיר איהם, נאָכדעם ווי מיר האָבען זיך אויסגעזעצט אויף אונזערע ערטער און גע׳פּועל׳ט בײַ אונזערע פֿערדלעך, זיי זאָלען זיך ריהרען פֿונ׳ם אָרט. פֿישקע אָבער קווינקעלט זיך, האַלט אַראָבגעלאָזען די אויגען און ברעכט די פֿינגער.

— ווײַס איך?... איך שעם מיך עפּיס, כ׳לעבען. גלאַט נעהם און דערצעהל! אַז איך קען נישט. עפּיס פֿריקרע, כ׳לעבען.

איך גיב פֿישקען אונטער חשק. אַלטער פֿון זײַן זײַט שמועסט איהם אײַן אַזוי

— ס׳איז נאָר האַרב, נאַרעלע, דער אָנהויב. אַבי נאָר דאָס ערשטע וואָרט, געהט עס שוין דערנאָך ווי אַ מזמור. איך וויים עס טאַקי פֿון מיר אַליין. מילא בקיצור, וואָס מאַכט עס אוים? וועסט

ג, נאַרעלע, דערנאָך זעהען, ס'איז גאָרנישט... מילא האסט=דו, פישקע, חתונה געהאַט, פאַרשטעהסט=דו מיך, מיט דער בלינדער תמה, נו! גאָרנישט. הייסע מיר עס שוין, בקיצור, וואָס=זשע איז ווייטער?

— ווייטער! אין איהר טאַטען און אין זיין טאַטענס טאַטען אַ רוח אַריינגעפלויגען! — שיסט פישקע אויס מיט אימפעט אין איין כעס — זיי האָבען עס מיר אָבגעטאָן=עט אויף טערקיש.

— נו, נו, נו! — טרייבען מיר אָן פישקען, וואָס האָט נאָך דעם אימפעט זיך באַלד אָבגעשטעלט. פישקע עפענט ווידער אַ מויל און הויבט אָן שוין ניט מיט אַזאַ היץ ווי פריהער:

— אוי, אַ שענע ווייבעדאָ!... נאָך דער חתונה האָבען מיר גאָר נישקשה'דיג געלעבט. ווי אַ יודיש פאָר=פאָלק בעדאַרף צו לעבען. איך האָב, דאַכט זיך, אַקעגען מיין ווייב גענוג יוצא געווען. הערט איהר, יודען, זאָל מיר אָבדאַרען דאָס מויל, אויב איך זאָג אַייך אַ ליגען! אַלע טאָג אין דער פריה פלעג איך זי, ווי עס געהער צו זיין, אַרויספיהרען אויף איהר אָרט נעבען דעם אַלטען בית=עולם, וואָס דאָרט איז דער שטייגער איהרער געווען צו זיצען אויף אַ ביסעל שטרוי און בעטען נדבות מיט אַ ניגון פון די קינות, יועלכער עס האָט איטליכען געריהרט ביי דעם האַרצען. עטליכע מאָל אין טאָג פלעג איך איהר צוטראָגען אַהין, דאָס אַ טעפיל געקעכטץ, דאָס אַ הייסע באַבקעלע, אַ זויערע אוגערקע, אַ קיסליצע. נו, קוויק זיך! זי זיצט דאָך די גאַנצע צייט אָפּ=עט אויף איין אָרט און איז שטאַרק פערטראָגען אין דער פרנסה. פיעל מאָל פלעג איך מיך גלאַט אַזוי קומען געוואָהר ווערען, וואָס מאַכט זי, אויך אונטערהעלפען איהר אַביסעל אין דעם פדיון: אַרויסגעבען איינעם, דעם אַנדערען רעשט פון אַ דרייער, פון אַ זעקסער; דערמאָנען זי אין אַלטע חובות פון בעלי=הבתים, וואָס האָבען איהר פאַרביי=געהענדיג נישט געסילוקט באַלד במזומנים, נאָר אָבגעלעגט אויף שפּעטער; אָדער אָבטרייבען אַ קוה, אַ ציג, וואָס זיי האָט זיך געגלוסט, אויף זייער שפּאַציר אין די נאַסען, אַרויסחאַפּען איהר פון אונטער דעם געזעם אַ פול מויל מיט שטרוי. אין חודש אלול האָב איך זי געפיהרט אויפ'ן גרויסען יריד, אַרויס פון דער שטאָדט, דאָרט אויף דעם בית=עולם. זי האָט עס





געמאַכט נישט ערגער פון דעם איבעריגען פעקיל כלי=קודש דאָרט: שמשים, שמשטעס, חזנים, זאָגערינס, מקבלים, תהילים=זאָגערס, גבאיטעס, קנויטלעך=לעגערינס, פעלד=מעסטערינס, וויינערינס און קלאָגערינס. אָט אַזוי האָט זיך עס געמאָלקען, יודישע קינדער! ס'איז געווען, נישקשה, פון וואַנעט צו לעבען. נאָר אַז ס'איז גוט, וויל מען נאָך בעסערס, אַז מען האָט ברויט, וויל מען קוילעטש.

— ווייסט=דו וואָס? — הויבט מיין ווייב אָן=עט מיר צוזאָגען — אַזעלכע מענשען ווי איך און דו, אַזאַ פאָר=פאָלק ווי מיר ביידע וועלען אויף דער וועלט פערפאַלען אָסור נישט ווערען. אין אונזער ברויט זענען אונזערע חסרונות גאָלע מעלות. ביי אַנדערע אין די הענד אַזעלכע זאָלען אַיינשטעהן, וואָלטען זיי אַ גליק געמאַכט. מיר ביידע זענען גרויסע שלימזלניקעס און טוהען נישט דאָס, וואָס מען בעדאַרף, אָט פאָלג, כ'לעבען, אַ ווייב, אַביסעל עלטער, געניטער פון דיר. נעהם, פישקע, פיהר מיך אַרויס=עט אויף דער לעכטיגער וועלט, צווישען לייט, אין יענע מקומות אַריין, וועסט=דו זעהען, געדענק מיינע ווערטער, אַז מיר וועלען געהן אין גאָלד. דאָ אויף דעם פלאַץ איז שוין כמעט גאָר נישטאָ וואָס צוטאָנ'עט. מען זיצט אַמאָל אָפּ'עט אַ לאַנגע צייט ביז איינער דערבאַרעמט זיך און גיט אַ גראָשען. לייט דערצעהלען עס אַביסעל פון דעם גרויסען גליק וואָס לעקיש, דער חאָלערע=חתן, האָט אין דער וועלט מיט פערלען זיין ווייב געמאַכט. זיי האָבען באַלד נאָך דער חתונה זיך אַוועקגעלאָזט און דאָס מזל, אָהן עין=הרע, געהט זיי! מאָטיל מקבל האָט מיט זיי אין קישינעוו זיך בעגעגענט, אַרומגעהענדיג אין די הייזער. זייערע טאָרבעס, דערצעהלט ער, זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט אַלעם גוטען — מיט שטיקער קוילעטש, גרעסערע ווי מען גיט דאָ דעם שבת=גוי, מיט מאַמאַליגע, מיט גערייכערט שאָפּענפלייש, מיט דאַרע קישקעס און קאָדע. פערלע שיינט ווי די לעבטיגע זון. ס'איז איהר אין פנים נישט אַריינצוקוקען. זי איז פעט, דיק און ברייט מיט פיסקעס גאָר אַ גראַפינע. גלופּסק וויל זי מעהר נישט קענען, מען זאָל איהר עס אפילו שענקען. — מענשען וואָס קומען פון אַדעס, קענען זיך גאָר נישט אָבוואונדערען פון דעם גליק, וואָס יאָנטלען, דעם אַנדערען חאָלערע=חתן, האָט געטראָפען. זיי האָבען איהם געזעהען זיך רוקענדיג דאָרט אויפ'ן געזעם צווישען די קלייטען און גאָט שיקט איהם צו. ער מאַכט עס גאַנץ גוט. דער עולם קען אויף איהם זיך גאָר ניט זאַט אָנקוקען. אָדעס, זאָגען זיי, האָט

דאָך עפּיס גענוג קאַלעקעס, וואו ערגיץ אין דער וועלט אַ קאַלעקע רייסט זיך אַהין אָפּ=עט און מען איז שוין מיט אַזעלכע געוועהנט, נאָר ווי קומען זיי אַלע צו גלופּסקער, אַזעלכע ווי גלופּסק גיט אַרויסעט, קען ענגלאַנד אַפילו אויך נישט אַרויסגעבען. גלופּסק, אַזוי דערצעהלען מענשען, קלינגט אין דער וועלט. אויף אַ גלופּסקער יודען לויפט מען קוקען, ווי אויף אַ בייז וואונדער... אונז, כ׳לעבען, וועט נאָט אויך נישט פאַרלאָזען. אָט כּל=זמן ס׳איז נאָך זומער, קום לאָמיר זיך אַוועקלאָזען. האיע נישט, אַ טאָג, כ׳לעבען, איז אויך אַיין עבירה.

מיין ווייב האָט מיר געמאַכט אַ יצר=הרע און מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגען, יודען, נישט פאַרזינדיגען, ס׳איז אונז געגאַנגען זעהר גוט, אין וועלכען דאָרף, אין וועלכער שטאָדט מיר זענען געקומען, האָבען מיר אויסגענומען. איטליכער האָט אויף אונז געקוקט, קיינער האָט אונז נישט אָבגעזאָגט. דער הקדש איז פאַר אונז געווען אָפען אומעטום, הייזער וויפיעל דאָס האַרץ גלוסט, גיעה אַהין און נעהם, אין קעשענע, אין בוזעם און אין דער טאָרבע. דער שמש פון דער שוהל פלעגט געהמען עטליכע גראָשען און אונז געבען דערפאַר פלעטען אויף שבת תמיד אין איין הויף. מיין ווייב האָט מיט מיר געלערענט הלכות אָרעמאַן. איך בין דרינען געווען נאָך גאָר אַ פריץ און נישט געוואוסט רעכט די דינים פון אַרומגעהן אין די הייזער. מיינע אָבער איז אין די זאַכען געווען אַ וואויל=קענעוודיגע מיט אַלע אָפּשניצלעך. זי האָט מיך אַלץ געלערענט, ווי אַזוי מען בעדאַרף אַריינקומען אין אַ שטוב, ווי אַזוי מען בעדאַרף קלאָפּערשט קרעכצען, הוסטען און וואָס פאַר אַ רחמנות=פּנים מען בעדאַרף מאַכען דערצו; ווי אַזוי מען בעדאַרף אַ נדבה בעטען אָדער מאָנען, זיך דינגען און צוטשעפּען זיך ווי אַ זלידנע; ווי אַזוי מען בעדאַרף צו=ווינשעווען, אָדער שילטען, פלוכען טויטע קללות. איהר מיינט, עפּיס אַזוי גלאַט געהמט מען זיך און מען געהט אין די הייזער. ניין! דאָס איז אַ גאַנצע תורה. ביי יודען אַ נגיד צו ווערען איז גענוג נאָר מזל. עזות, פאַרשטאָפּטע אויגען און דעסגלייכען, דאָס קומט שוין שפּעטער כּון זיך אַליין ממילא. אָבער אַ יודישער אָרעמאַן צו זיין, טאַקי וואָס אָרעמאַן הייסט, איז מזל אַליין ווייניג, ער מוז קענען און וויסען אַ סך זאַכען, וואָס זענען שטאַרק נויטיג צום עסק. ער בעדאַרף קענען די





שפּיל און אַריין אין דער גרגרת אַזוי, אַז יענער מוז געבען. ער זאָל אַפילו אַ מיתה משונה איינגעהמען.

ך מיט מיין ווייב זענען מיר געווען פוס=אָרמעלייט.—איהר קוקט מיך עפּיס אָנ׳עט, מיינע ליבע יודען, ווי אייך איז עפּיס שטאַרק קשה, לאָזט זיך דינען, זייט מוחל! אַז איך האָב שוין אָנגעהויבען צו דערצעהלען, וועל איך געבען צו פאַרשטעהן אייך, ווי וויט איך קען, דאָס אויב׳עט. די אָרמעלייט ווערען, ווי די סאָלדאַטען, איינגעטיילט! אין פּיעשע... וואַרט נאָר, וואַרט, עפּיס איז דאָ אַ פאַרדרעהעניש פון הונדערטער סאָרטען, אַ פּלאָנטעניש פון שווערע נעמען און צונעמענישען. אָרמעלייט, וואָס דראַלען, הולכען מיט די רגלים... דער שוואַרץ=יאָהר זאָל זיי וויסען! אָרמעלייט ווי מיסט, עפּיס אַזוינע און אַזוינע, קבצנים דאָ און דאָרט, אביונים, דלפנים מיט אַלע פרושים, שלעפּערס אין דער וועלט, בעטלער, בטלנים, מקבלים און טעלערלעקער אין דער שטאָדט. אַלערליי, גאָר אָהן אַ צאָהל!... וואַרט נאָר, לאָמיר זיך אַביסעל בעטראַכטען.

פישקען אָבער האָט דאָס בעטראַכטען זיך אויך נישט געהאָלפען. ער האָט זיך פאַרדרעהט אין די גרויסע מחנות אָרמעלייט און נישט געקענט אַרויס. איך האָב פון זיינע ווערטער פערשטאַנען, אַז די אַלע מיני אָרמעלייט ביי אונז טיילען זיך אַיין אַזוי: פּיעשע אָדער פוס=אָרמעלייט, די וואָס שלעפּען זיך צופוס, און קאָניצע אָדער בויד=אָרמעלייט, די וואָס שלעפּען זיך אַרום אין ביידלעך. אַחוץ דעם ווערען זיי נאָך איינגעטיילט אין מינים: שטאָדט=אָרמעלייט, אַזעלכע וואָס זענען געבוירען געוואָרען ערגיץ אין אַ שטאָדט, געוועהנטליך ערגיץ אין דער ליטא, און פעלד=אָרמעלייט, די וואָס ווערען געבוירען פּשוט אויף דעם פעלד אין אַ בויד, זייערע עלטערנס עלטערען האָבען פון אייביג אָן זיך אַרומגעשלעפּט. די דאָזיגע אָרמעלייט זענען יודישער ציגיינער שטענדיג וואַנדרעווען זיי פון איין עק וועלט צום אַנדערען, זיי ווערען געבוירען און אויפגעוואַקסען, האָבען חתונה, פּרוכפּערען זיך און שטאַרבען אַלץ אונטער וועגענס. זיי זענען פרייע מענשען, פּטור פון אַלע זאַכען, פון נתינות, טאַקסעס וכדומה, אויך פּטור פונ׳ם דאַווענען און פונ׳ם גאַנצען יודישקייט. נישטאָ קיין אויבערהאַר.—צו דעם טייל שטאָדט=אָרמעלייט געהערען אַלערליי שטעדטישע קבצנים פון די דאָזיגע סאָרטען: קבצנים פּשוטע, יודען, יודענעס

מיידלעך און בחורים, וואָס גערן מיט טאָרבעס אין די הייזער טלע ראש=חדש, אויך אין מיטען דער וואָך, און נעהמען גראָשענס און שטיקלעך ברויט. אַ גרויסער טייל יונגלעך און מיידלעך פון די דאָזיגע, לויפען אַמאָל נאָך איטליכען אויף דער גאַס און רייסען ביי די פאָלעס, ביז מען מוז זיך פון זיי אויסקויפען מיט עפּיס אַ נדבה. — קבצנים כלי=קדש. דאָס זענען מקבלים, בטלנים, אין איטליכען קלייזיל, וואָס זופען משניות און זאָגען קדיש ביי אַ בר=מינן און אויפ'ן הייליגען אָרט צו אַ יאָהרצייט. מען מעג צו זיי רעכנען אויך שופר=בלאָזער, מזוזות=איבערקוקער מיט דעם גאַנצען קאַפּיטעל אַזעלכע לייט. — תורה=און מצוה=קבצנים, ווי, אַ שטייגער, פּרושים, וואָס וואַרפען אַוועק ווייבער און קינדער, בעגראָבען זיך אין קלייזיל ערגיץ אין דער פרעמד און לערנען „ביצה" אויף דעם עולם'ס רעכנונג. ישיבה=בחורים, וואָס געהען אַרום שלינג=און=שלאָנג, קראַצען זיך אונטר'ן אויווען און עסען טעג. יודען מיט פּאַטשיילכענס אין די הענד, אָדער מיני גבאים, משטיינס=געזאָגט, וואָס זאַמלען נדבות קלאָמפּערשט אויף עפּיס אַ מצוה=זאַך. — בעהאַלטענע קבצנים, פון בעלי=הבתים, וואָס נעהמען קצבה און נדבות שטילערהייט. — האַלבע קבצנים, ווי, אַ שטייגער, תלמיד=תורה=מלמדים אין פּיעל שטעדט, וואָס זענען האַלב=מלמדים, האַלב=בעטלער, און דעסגלייכען אויך שמשים, דיינים, רבנים. איטליכער פון זיי איז האַלב דאָס, וואָס ער איז, און האַלב דאָס, וואָס אַלע אַנדערע יודען מיט טאָרבעס זענען. — יום=טובדיגע קבצנים, אַזעלכע, וואָס קבצנען געוועהנטליך פּורים, בשעת יודען בכלל מאַכען זיך האַרץ און לאָזען זיך פאַר גרוים הדוה געהן קומפּאַניעסווייז אין די הייזער, אָדער אַ מאָל אויך אונטער אַ יום=טוב, און הייסען הייסט עס קלאָמפּערשט, זיי קבצנען פאַר אַנדערע, נעבעך. — גמילות חסד=קבצנים. אַזעלכע וואָס נעהמען זייער גאַנץ לעבען נדבות אונטער אַ אויסרייד: אַ גמילות=חסד קלאָמפּערשט, היינט, מאָרגען גיבען זיי עס מיט אַ דאַנק צוריק אָב.

— דערמאָנט מיר, ר' אַלטער — רוף איך מיך אָן, נאָכדעם אַז איך האָב פּישקעס ווערטער גענומען אויף מיינע כלים און געמאַכט דעם דאָזיגען שטיקעל סדר צווישען אונזערע קבצנים — דערמאָנט מיר, איך בעט אייך, אפשר איז דאָ נאָך קבצנים, וועלכע איך האָב, חלילה, פאַרגעסען אַריינצושטעלען אין צעטעל





— מילא וואָס מאַכט עס אויס? — טהוט אַלטער אַ זאָג און פערקרימט זיך אויף מיר עפּיס אַזוי, ווי איינער מיט אַ באָרד פערקרימט זיך אויף אַ יונגעל, ווען ער מאַכט זיך עפּיס נאַריש — אַ ווּאַ, ער האָט, חלילה, פאַרגעסען!... אַזאַ וויכטיגע זאַך דאָס צעטעל! און אַז מען שטעהט נישט אין צעטעל, קען מען, חלילה, קיין קבצן נישט זיין!...

— זאָגט עס נישט, ר' אַלטער! — שטעל איך מיך שטאַרק אַקעגען — אונזערע קבצנים זענען ביי זיך שטאַרק פערדריסען. שרעקליך להוט נאָך אַ פּיצעל כבוד. לאָז איינעם זיך נאָר דאַכטען עפּיס אַ מינדסט בעליידיגונג, איז ער גרייט צו דערגעהן אייך דאָס לעבען. בעהיט זאָל מען ווערען פון אַ קבצן אַ שמעלקע!... שאַ, זעהט איהר, אָט האָב איך מיר טאַקע דערמאָנט! אָהן עין=הרע, נאָך אַ סך קבצנים: אייניקלעך, ירושלמים, ארץ=ישראל=יודען, נשרפים, שלאַפע, מערידינדיגע מיט כתבים פון דאָקטוירים, עגונות, אַלערליי מיני אַלמנות, מחברים, ניי=מאָדנע מחבר'טעס מיט דעם מאַנס חבורים. נישקשה, דער רוח האָט אונז, ר' אַלטער, אויך נישט גענומען. מען מעג גאַנץ שטאַרק רעכענען מוכרי=ספרים, און אַז ס'איז שוין יאָ אַזוי, רופט=זשע טאַקי אויף אויך אונזערע דרוקער און אַלע מיני רעדאַקטערס, זיי מיט אַלע זייערע אַרבייטער, זעצער, בעלי=מגיה'עס, שרייבער, קאָרעספּאָנדענטען — יעמוד עם כל הקבצנים!... אַצונד, ר' אַלטער, בעדאַרף מען די דאָזיגע אַלע לייט אויסשאָרטירען, איטליכען אייף זיין אָרט אין צעטעל. דאַכט זיך, קיינעם נישט פאַרגעסען, האַ?

— אַי, פע, ר' מענדעלי! — מאַכט אַלטער אויפגעבראַכט און הויבט זיך אָן צו קראַצען — נענוג, כ'לעבען, מיט אַייערע קבצנים. עס מייבייסט מיר אַזש דאָס לייב, ווי פליי וואָלטען מיך אָבגעשיט. פון נעט=וועגען וואָלט איהר עס געקענט מאַכען בקיצור: כל=ישראל — איין קבצן, און גאָרנישט. אַיין עק, אַ סוף זאָל עס האָבען. לאָזט פּישקען דערצעהלען ווייטער און שלאָגט איהם ניט איבער. אונטערזאָגען אַ וואָרט, ווען עס שטעלט זיך פּישקען אין גאָרגעל און ער בלייבט ווי דערוואָרגען, אָדער אויסבעסערן איהם אַ מאָל דאָס לשון, דאָס — מהיכא=תיתי.

נאָך נאר ביים אנהויב איז פישקע געווען דער חזן, וואָס האָט

געדרעהט דאָס מויל, אַרויסגעלאָזט צוהאַקטע, צופּראַקטע ווערטער, און איך זיין משודריל, וואָס האָט איהם אונטערגעהאָלפען אין דער נויט און איהם אוים דעם מויל אַרויסגענומען דאָס וואָרט, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואָרגען. אָרן מיר וואָלט שווער געווען פּישקען אַליין רעכט צו פאַרשטעהן. דאָס בין איך אַ בעלן צו־ווייזען אויף אַ פראַבע שפּעטער אביסעל. אַלטער האָט דערביי נישט מעהר געטאָן ווי אונטערגעשטופּט מיט זיינע ווערטער: „מילא בקיצור“, „נישמער גאָרנישט“, ווי איינער וואָס טרייבט עבֿת אין שוהל אונטער דעם חזן, ער זאָל עס אָפּמאַכען בקיצור, פּיהלענדיג, אַז אין דער היים וואַרט אויף איהם דער קידוש, אַ טשאָלענט מיט אַ קוגעל.

---

## יד

„עך, מיט מאַן וואַב אָבען קענעט צי פּישע, ני קענטי אָך משאָעה זאַן ווי מיט מאַנע קיאַנקע פּיסיעך פּיעגען מי זעך שיעפּען זייע פּאַטעיעך, קיילין ווי די יאַקעס“ — אָט אַזוי הויבט פּישקע, און ווייטער צו דערצעהלען מיט זיין לשון, וואָס אויסגעבעסערט מיט מיין הילף, מאַכט עס: איך מיט מיין ווייב האָבען געהערט צו די פּיעשע, דאָס הייסט פוס־אַרעמעלייט. נו, קענט איהר אייך משער זיין, ווי מיט מיינע קראַנקע פּיסלעך פלעגען מיר זיך שלעפּען זעהר פּאַמעליך, קריכען ווי די ראַקעס. און אַזוי געהט פּישקעס דערצעהלונג, אויסגעבעסערט ווייטער:

מיין ווייב האָט אָנגעהויבען מיך ביסלעכווייז צו זידלען, צו שילטען, צו זאָגען שטעכווערטלעך, צו רופען מיך מיט צונעמעניש און מיר אויפצוואַרפען מיינע קראַנקע פיס. זי איז אַקעגען מיר אַרויס מיט טענות, אַז זי האָט אין מיר גאָר איינגאַנצען זיך אָפּגענאַרט, פון אויבען ביז אַראָב; אַז זי האָט מיך געמאַכט פאַר אַ מענשען, זי האָט מיך אין דער וועלט צווישען לייט אַרויסגעפיהרט, זי האָט מיך פערזאָרגט מיט פּרנסה, געשטעלט אויף אַ שטייגער, און איך בין איהר נישט נעטריי, טהו איהר אַלץ אויף צופּוקעניש. נאָר דאָס אָבער איז





געווען זעלטען. איך פלעג מיך נישט ווייטענדיג מאַכען, אַלצדינג אַראָפּשלינגען, נעבעך אַכט ביי מיר: אַזוי איז געוועהנטליך דער שטייגער פון אַ ווייב, אַזוי בעדאַרף צו זיין. איטליכען מאַן איז דאָס ווייב מכבד מיט אַ וואָרט און אַמאָל טאַקי מיט אַ קלאַפּ אויך. קוים איז איהר דער כּעס אָפּגעגאַנגען, איז ווייטער געוואָרען אַ לעבען, פּישקע ווייטער שטאַרק חשוב, זי פלעגט אַרויפלעגען איהר האַנד מיר אויפ'ן אַקסעל, זאָגען: „הייטאַ, פּישקע“! מיינער געדט פאָראויס, זי הינטער מיר, און ביידען איז עפּיס גוט אויפ'ן האַרצען. „אָט אַזוי אָבען מי זעך געניקט און געקיאַכען“.

ביז באַלטע האָבען מיר זיך געשלעפּט עפּיס גאָר אַ לאַנגע צייט און פערשפּעטיגט דעם גרויסען יריד דאָרט, וואָס קלינגט אין דער גאַנצער וועלט. מיין ווייב איז געווען אויסער זיך, שרעקליך זיך געערגערט, גלייך ווי זי וואָלט פערלוירען תּרפּ״ט אַלפים טאָלער. איך טרייסט זי און דרינג איהר אַלץ: „מילא וואָס איז דאָ אַזוינס, אָבער באַלטער הייזער זענען דאָך, ברוך־השם, פאַר אונז געבליבען! קאַרג פאַר אונז אַזוי פיעל הייזער, אַזאַ שטאָדט! נישט צו פאַרזינדיגען“. און זי אַלץ אין איין קול: פאַרברענט ווער איינאיינעם מיט דיינע הייזער! וואָס טויג מיר, דו ימח־שמוניק איינער, דיין שטאָדט, אַזאַ בלאָטיגע שטאָדט! אָט אַזאַ שטאָדט נאַרייעסט־דו עס מיר, האַ! איך וויל נישט! דו הערסט? איך וויל נישט אַזאַ שטאָדט. איינגעזונקען ווער דאָ אין דער בלאָטע און וואַרג זיך דיר מיט דיין שטאָדט—מיט דיין בלאָטיגער באַלטע!

— ר' אַלטער, ס'איז דאָ!—לאָז איך פלוצלונג אַרויס הויך אויף אַ קול—איך האָב מיך דערמאָנט נאָך אַ סאָרט קבצנים! קבצנים־באַנקירען.

—אַ גרויסע מציאה, כ'לעבען!—מאַכט אַלטער, קנאַקענדיק מיט דער צונג: „טצע־טצע־צעו!“—פון מיינעט וועגען מעגען זיי אפילו נישט געדאַכט ווערען.

—איינעם פון די דאָזיגע לייט, שמחה'לע דער לעבעדיקער, קען איך אין גלופּסק זעהר גוט. ביי אים אין אַ בעזונדער בוך שטעהען פערשריבען אַלע הייזער אָפּגעטאַקסירט, וויפיעל הכנסה בעדאַרף איהם דורכ'ן יאָהר איטליכס הויז איינברענגען. די הייזער, זאָגט ער, זענען

מיינע, צאָהלען מיר צינש, גאַנץ גלופּסק איז מיין קאָנטאָר. זיין שטיינער איז, איטליכען טאָג צו נעהן אין א געוויסען טייל הייזער. ער קומט אריין אין א שטוב לעבעדיג, מיט ברייטקייט. גיט מען איהם באַלד די נדבה, איז גוט; ווען נישט, זאָגט ער: „א גוטען טאָג! נישקשה, איך וועל פערשרייבען אויף איך א חוב״ — און לויפט לעבעדיג, געשווינד ארויס. אפשר האָט איהר געהערט, ר׳ אַלטער, דערצעהלענדיג, ווי איין גלופּסקער קבצן האָט זיך משדך געווען מיט נאָך אַ קבצן פון טעטעריווקע׳ן און האָט געגעבען אין נדן אריין די הייזער אין גלופּסק? — דאָס איז שמחה׳לע דער לעבעדיגער; אָדער אפשר האָט איהר געהערט אויך, ווי אויף א סאָלצייט פאַר אָרמעלייט ביי א גביר אויף א חתונה איז געקומען א קבצן א געבעטענער, נאָכשלעפּענדיג מיט זיך נאָך איינעם א אומגעבעטענעם, און אויף דעם פרעג: ר׳ קרוב, וואָס שלעפּט איהר מיט אייך א איבריגען פּאַרשוין? — ענטפערט ער: „דער דאָזיגער פּאַרשוין איז מיין איידעם, וועלכען איך האָב צוגעזאָגט קעסט״ — דאָס איז ווייטער טאַקי שמחה׳לע דער לעבעדיגער. בקיצור, שמחה׳לע קוקט אויף גלופּסק ווי אויף זיין שטאָדט און אויף זיינע הייזער.

— פון מיינעט־וועגען מעג אייער שמחה׳לע דער לעבעדיגער די כפּרה ווערען — זאָגט אַלטער אָב זיינס גאַנץ בקיצור און בעט פישקען ווייטער צו דערצעהלען.

פישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף איהם אונטער אויף מיין שטייגער, און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אזוי:

דער וועג אונזערער איז נישט געווען קיין גלייכער, פון איין שטאָדט צו דער אַנדערער, אַלץ ווייטער, ווייטער. נאָר וואָס־דען: „מי פיענען קיינען״ אהין און אהער, זיך דרעהען אין אַלע ווינקלען, ווי ס׳איז אונז אויסגעקומען. איינמאָל זענען מיר מגולגל געוואָרען עפּיס אין א שטאָדט, וואָס הלוואי דער רוח זאָל מיך געווען חאַפּען פריהער איידער איך בין אהין געקומען. צו דער שטאָדט אַליין האָב איך נישט אפילו, פאַרקעהרט, זי האָט אַקעגען מיר געגוג יוצא געווען, מיך געלאָזט ארומגעהן מיט אַלע כבוד׳ן אין די הייזער, נאָר דאָרט האָב איך מיך בעגעגענט מיט מיין מלאך־המות, געקוילעט זאָל ער ווערען אָהן א מעסער! ... קיינק איהם אין די ביינער!״ — אט ווי אזוי ס׳איז געשעהן:





אין יענער שטאָדט, וואוהין מיר זענען געקומען, איז געשטאַנען קאָניצע — פעלד־אָרמעלייט מיט בוידען. ס׳איז געווען א מרידה. בעלי־הבית׳לעך פון היינטיגער וועלט האָבען דאָרט אויפגעטאָן נייעס, אז אָרמעלייט, חוץ אַלטע, קראַנקע און ביטערע קאַליקעס, ניט צו געבען גאָרנישט. געזונטע בחורים, ווייבער און מיידלעך זענען נישט קראַנק צו דינען, צו אַרבייטען און מיט אייגענער מיה צו פערדינען זייער שטיקעל ברויט. דאָס יודישע נאַרישע רחמנות טהוט נאָר אָן גרויסע צרות. דורך דעם, האָבען זיי געזאָגט, האַלטען זיך ביי יודען פוילע נפשות אָהן א צאָהל, ווי וואַנצען, וואָס זויגען יענעמס בלוט און עסען אָפּ׳עט אַנדערע דעם קאָפּ. זיי האָבען ביי זיך איינגעפיהרט עפּיס ווי א מין פאַבריקע, וואו מען האָט מכבד געווען געזונטע אָרמעלייט, וואָס זענען געקומען צו־גאַסט, מיט עפּיס א מלאכה: צו דרעהען שטריק, צו נייהען זעק, און געגעבען זיי דערפאַר עסען. אָרמע לייט האָבען אָנגעהויבען זעלטענער זיך אַהין צו ווייזען. די קאָניצע, וועלכע מיר האָבען דאָרט געטראָפען, איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אַקעגען דעם דאָזיגען איינפיהר, פלאַם־פייער. „געוואַלד!„ — האָבען זיי אַלע געשריגען — ס׳איז שוין גאָר קיין וועלט נישט. וואו איז דאָס יודישע רחמנות? אוים יודישקייט, כ׳לעבען!... איינער, א רויטע א געזונטער — א קיינק איהם אין די ביינער! — האָט געפיהרט דאָס רעדיל און געשריגען מעהר פון אַלע: „ס׳איז סדום, נאָר סדום! פאַר וואָס קומט עס, די נגידים זאָלען זיך זיצען ווי די פריצים וועהיג און אַנדערע זאָלען אויף זיי האָרעווען? זייער גוטס איז דען נישט יענעמס מיה, יענעמס פראַצע, יענעמס שוויים? אַליין זענען זיי ביי זיך אָנגעפּיינטע מענשלעך, היטען אָפּ׳עט זייער נפש׳ל און ווילען אַלץ, יענער זאָל אַרבייטען. א נגיד, וואָס מעהר דיק, געזונט ער איז, וואָס מעהר זיין בייכיל איז גרעסער, איז ער אַלץ מעהר פאָרנעהם, מעהר פיינע בריה. אונזער איינער, אַקעגען, מוז מיט זיין געזונט זיך, נעבעך, בעהאַלטען זיך שעהמען ווי א גנב. איטליכער שרייעט אויף די ציינער, פאַר וואָס געהט אַזא געזונטער נישט אַרבייטען! עס וואָלט שוין רעכט געווען, כ׳לעבען, איבער־צובייטען די יוצרות: לאָזען די נגידים פרייווען אַביסעל אַרבייטען, וואָס איז, קראַנק זענען זיי? — געדעכט, פייבושקע, גערעכט, מיר זענען אויך יודישע קינדער, אַזעלכע שמייליגע ווי זיי! — האָבען אַלע אין איין קול אונטערגעבאַסעוועט דעם רויטען מזור און בייסלעכווייז זיך צוגאַנגען פּנים הקדש.

אָוועגט=צייט בעדאַרף איך גראָד גענעהן אין אַ גאַס פאַרביי דעם שוהלהויף. אין דרויסען איז טונקעל און מענשען אַ סך אָהן עין=הרע דרעהען זיך דאָרט אַרום. מיט אַמאָל קומט מיר פון דער זייט נאָך אָן צו די אויערען עפּיס אַ וויינענדיג קול מיט אַ געבעט, וואָס קען ריהרען אַפילו אַ שטיין. אָבּשטעלענדיג זיך, דערזעה איך נישט ווייט פון מיר, ווי אַ צובראָכענער יוד האַלט אויף ביידע אויסגעשטרעקטע אָרם אַ קישעלע, פון וועלכען עס הערט זיך אַ פּישטשען פון אַ בּרעקיל קינד, וואָס פאַרגעהט זיך, נעבעך, שרייענדיג. דער אומגליקליכער טאַטע דרעהט זיך אין אַלע זייטען, שאָקעלט עס, וויגט עס, נעהמט עס איין אויף אַ וויינענדיג קול מיט ביטערע קרעכצען: „אוי, וויסט איז מיר, פינסטער איז מיר. מיין ווייב שטאַרבט און לאָזט מיר אויף די הענד איבער אַ פּיצעל קינד!... אוי, וויסט איז דיר, קליינע, בּידנע יתומה׳לע, פינסטער איז דיר אָהן אַ מאַמע! אַ=אַ=אַ שאַ=שאַ! וואָס זאָל איך דיר טאָן?„... אימליכער, וואָס געהט פאַרביי, גיט איהם עפּיס אין נעבעך, דער האַנד, אַ טייל ווייבער ווענדען זיך צו איהם אויך מיט אַ וואָרט, און ער אַליין איין אָטהעם: „וויסט איז מיר, פינסטער איז דיר!” שאָקלענדיג און וואַרפענדיג זיך מיט דעם קישעלע אין אַלע זייטען. דאָס האַרץ האָט מיר געריסען פאַר רחמנות אויף דעם וויסטען טאַטען און אויף דער וויסטער יתומה׳עלע, נעבעך, נאָך אין די וויקעלעך. איך נעהם אַרויס פון דער קעשענע אַ דרייער און קום דערמיט צו נאָהענט צו דעם וויסטען טאַטען. קוים שרעק איך אויס צו איהם די האַנד איבער דעם קישעלע, דערלאַנגט ער מיר אַ שטאַרקען קניפּ, מאַכענדיג דערביי אויף זיין וויינענדיג קול: „אוי, וויסט איז דיר?” מיט אַ קוועטש אויף דעם וואָרט „דיר”, גלייך ווי מיך מיינט ער. איך חאַפּ מיך בּיי דער האַנד פאַר וועהטיג, שפּרינג אָפּ=עט דערשראָקען אין דער זייט און בלייב שטעהן עטליכע רגע פערגאַפט. דער וויסטער טאַטע דרעהט זיך אויס באַלד צו מיר, איך קוק איהם גוט אָן און בין פערצאַפּעלט געוואָרען... „פאַר היינט וועט גענוג זיין. קום! נאַ, האַלט אַביסעל דאָס קינד!” — זאָגט ער און שטופּט מיר אַריין אין דער האַנד דאָס קישעלע. דאָס קליינע יתומה׳לע, זעה איך, איז עפּיס אַ ליאַלקע איינגעוויקעלט אין שמאַטעס, און דער וויסטער טאַטע איז דער רויטער ממזר, פייבושקע, „אַ קיינק איהם אין די בּיינער!” ער האָט עס געמאַכט ווי אַ בּריה! געוויינט, געקרעכצט פאַ׳ זיך און געפּישטשעט. זיך פערגאַנגען אויך פאַר דעם קינד... אָט אַזוי מוז מען, רופט ער





זיך אָן, מיט די נאַרישע יודישע קינדער האַנדלען. ווילען זיי נישט געבען מיט גוטען—מוז מען ביי זיי נעהמען מיט קונצען, אָהן דעם געהט עס נישט. דער רב, דער דיין, דער שענער מקבל מיט דעם גאַנצען פעקיל כלי=קודש—אַלע פאַרשטעלען זיך, מאַכען קונצען. יענע מיט זייערע העויות און איך — וויסט איז מיר — מיט מיין קליין יתומה׳לע, מעלקט זיך, בהמות!... זאָג, פישקע, אָמן

אין יענער צייט, וואָס מיר האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין הקדש, האָט דער רויטער ממזר אָנגעהויבען זיך צו צושאַרען צו מיין ווייב מיט גוטע ריידעלעך. זי איז איהם עפּיס שטאַרק געפעלען. ער פלעגט זיך חאַפּען צוטראָגען איהר, אַז זי האָט עפּיס בעדאַרפט, און ליב געהאַט זי צו בעדינען. בּיסליכווייז האָט ער אַלץ צו איהר זיך אַריינגענאַרט, ביז ער איז געוואָרען מיט איהר אַ שמעלקע. ער פלעגט אָבזיצען מיט איהר שעה׳נווייז און פלוידערן, אַריינוואַרפען אין דעם שמועס גראָבע, נישט קיין שענע ווערטלעך. מיינע פלעגט פאַרשטעקען די אויערען און נישט וועלען, דאַכט זיך, הערען. און אַז ער פלעגט זי אַ מאָל אין טאָג אַריין לויבען: זי איז אַ יאָדערדיגע, אַ פּעצע, אַ לויטערע, אַ פלייִשיגע יודענע, אַזעלכע ווי ער האָט ליעב, פלעגט זי איהם אָבזידלען, אַ פּאַטש טאָן אויפ׳ן רוקען און דערביי טאַקי לאַכען. איך פלעג אויך לאַכען, אַ מאָל טאַקי מיט ווערים, נאָר באַלד טאַקי מיך בעטראַכט צוריק: וואָס אַרט מיך אַ פלוידערזאַק? מאָרגען — איבערמאָרגען ווערט מען גאָר זיינער פּטור. מיר צוגעהען זיך, איטליכער אין אַ אַנדער זייט, און אייביג וועט מען זיין פּרצוף=פּנים נישט אָנקוקען. און ווייטער, אין די הייזער געהט דאָך מיין ווייב, געלויבט דער אויבערשטער, מיט מיר. איהם, דעם ממזר, ווען ער נעהמט זי אָנ=עט ביי דער האַנד און וויל זי פיהרען, שטופּט זי אָפּ=עט מיט אַ בייזער: „געהט איך, געהט, פע! איך בין איין אשת=איש, האָב, ברוך השם, מיט וועמען אין די הייזער אַרומצוגעהען”

אויף מאָרגען, נאָך דעם בּאַגעגעניש מיינעם מיט דעם רויטען ממזר, ווי ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ וויסטען טאַטען, בין איך מיר געגאַנגען אין די הייזער אַליין. מיין ווייב האָט אויפשטעהענדיג אין דער פריה זיך געקלאָגט, עפּיס איז זי נישט מיט אַלעמען, עפּיס ציהט זי זיך אַלץ און געניצט, עס מוז זיין אַ גוט אויג—און איז דעריבער געבליבען אין דער היים, איך אַליין בין אויך געוועזן עפּיס לא עליכם

ריג, עס האָט מיר עפּיס געשלאָגען ארויף. היינט איז מיר טאַקי געווען אומעטיג איינעם אליין צו געהן אָהן מיין ווייב. ס'איז מיר חי עפּיס אָבגעגאַנגען. איך לייקען נישט, אַז זינט דער ממזר האָט זיך צוגעשאַרט צו מיין ווייב און מיט איהר געטריבען קאַטאָוועסלעך, איז זי מיר געוואָרען טייערער. עס האָט מיך אַ מאָל אַפילו פערדראָסען, געברענט ווי אַ פייער, נאָר דערביי טאַקי—איך ווייס נישט פאַר וואָס—האָט מיך צו איהר עפּיס געצויגען, געצויגען ווי אַ כישוף. עפּיס איז געווען, ווי זאָל איך אייך זאָגען, אַ געשמאַקער שמאַרץ ווי פון אַ בלאָטער בשעת קראַצענדיג איהם אַ מאָל אויף מיין לייב. ס'איז אַ שמאַרץ מיט אַ הנאה=האָבען בײדע זאַכען אינאיינעם... ס'איז געווען אַ געמלאכה'טע „אין די הייזער ארומגעהן", גאָר נישט דער טעם, וואָס איין אנדערס מאָל. איך האָב עס אָבגעמאַכט בקיצור, שבת=שמעך, סיור=ביור ומפליא לעשות—און מיך אָבגעפאַרטיגט בייציייטענס. אַריינקומענדיג אין הקדש האָב איך געכאַפּען מיין ווייב, זיצענדיג מיט דעם ממזר און זיך עפּיס געשושקעט. דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט, זי האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אָנגעבויגען צום ממזר, זיך צוהערענדיג צו זיינע רייד, און אַ זיס שמייכעל איז איהר פון די ליפּען נישט אַראָב. בײ מיין צוקומען צו איהר מיט אַ פרעג: וואָס זי מאַכט? האָט זי זיך געטאָן אַ חאַפּ, געבליבען אַקעגען אַ רגע אָהן לשון און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דערנאָך טאַפּט זי מיך אָנ'עט, ווי איהר שטייגער איז געווען, און מאַכט צו מיר אַזוי: „ווייסט=דו, פישקע, וואָס איך בין קראַנק? דאָס איז נישט קיין גוט אויג, דאָס איז מיר געקומען פונ'ם צופּוסגעהן. די רופא'טע, וואָס נעהט אַריין, האָט מיר געהייסען געהן אין באָד, מחילה, אויסשמייסען זיך, לאָזען זיך שטעלען באַנקעס, גוט אויסרייבען זיך אויף דער נאַכט און שוויצען. ניין, פישקע! צופוס ווייטער קען איך נישט געהן. ר' פייבושקע איז אַזוי גוט, אַזוי, פיין און וויל אונז נעהמען מיט זיך אין בויד. וואָס טהוט מען, פישקע? וואָס זאָגסט דו, האַ?

דער ממזר, אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיין! האָט אויף מיך געקוקט עפּיס מיט אַזאַ אייגעלע, מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס האָט מיך געשטאָכען. עס האָט מיך פאַרקלעהמט ביים האַרצען, ס'איז מיר געווען צו מוטה ווי אַ יונגעל, וועלכען דער רבי הייסט זיך לעגען אויפ'ן בײנקעל, איהם אָבצושמייסען. איך האָב געמאַכט אַ היבשע ווײלע מיט דער צונג, עפּיס אָהן ווערטער און ניט געוואוסט, וואָס צו זאָגען.





—וואָס שווייגסט דו? וואָס ענטפערסט=דו נישט?—צושרייט זיך אויף מיך מיין ווייב מיט כעס—איך ווייס, עס אַרט דיך גאָר נישט מיין געזונד, ווילסט מיך גיכער פּטור ווערען, מיך טרייבען יונגערהייט אין דער ערד אַריין. וואַרט נאָר, וואַרט, דו, עכבראש איינער! גיכער וועסט דו אָנלעגען מיט דעם קאָפּ, אַ מיתה משונה איינגעהמען: הערסט=דו, פישקע, פאַראַפאַטשקע, די ערד וועסט=דו פון מיר קייען! נישט איין האָר אין קאָפּ וועט דיר איבערבלייבען. די צייהן וועל איך דיר אויסזועצען!

אַז מיין ווייב האָט געעפענט אַ מויל, פלעגט מיר אין בויך קאַלט ווערען. איך בין געשטאַנען צוקאָכט, רערשלאָגען און דערהרגעט. ווי מיר איז דענסטמאָל געווען אויפ'ן האַרצען—ווייסט נאָר איין גאָט וואויל. וואָס האָב איך געקענט טאָן? איך האָב אָנגעבויגען דעם קאָפּ און געמאַכט צו מיין ווייב: „שאַ, שריי נישט, ערגער דיך נישט אַזוי. שאַ, דו וועסט פאָהרען! פאַר וואָס נישט?"

—אָט אַזוי רעד!—זאָגט מיין ווייב שוין ווייכער—פאַר וואָס, ושעע אַז מען רעדט צו דיר, שטעהסט=דו ווי אַ לייםענער גולם און ענטפערסט נישט קיין וואָרט? יענער איז אַזוי גוט, אַזוי פיין, וויל אונז מיטנעהמען אומזיסט—און ער זאָל דאָס חאָטש זאָגען אַ דאַנק! שעהמען מעגכט=דו זיך אין דיין ווייטען האַלז, דו גראָבער יונג איינער.

וואָס האָב איך געקענט מאַכען? איך האָב געמוזט טאָן דאָס אויך, זאָגען דעם ממזר אַ דאַנק.

—ר' אלטער, נאָך איינער!...—טהו איך אַ זאָג הויך אויף אַ קול.

—וואָס איז, ר' מענדעלי, נאָך אַ מציאָה?—מאַכט אַלטער צו מיר מיט אַ געשפּעט—נאָך אַ פרישען סאָרט קבצנים האָט איהר געפונען? גאָט מעג אייך, כ'לעבען, שוין בעשעהרען בעסערע מציאות. נענוג שוין קבצנים!

—ניין, ר' אַלטער! איך מיין גאָר נאָך איין חיים=חנא חיה=טריינעס, וואָס ציטערט אַזוי פאַר'ן ווייב. אונזער פישקע, דאַכט זיך מיר, פלעגט פון זיינער חאַפּען אַ מאָל אויך הייסע פעטש.

## טז

פישקע הויבּט ווידער אָן אויף זיין שטייגער, איך אַרבּיים, העלף איהם אונטער אויף מיין שטייגער, אַלטער טרייבּט אונטער אויף זיין שטייגער און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

אויף דעם אַנדערען טאָג נאָך דעם פריהערדיגען שמועס, האָט זיך די קאָניצע געריהרט און אַרויסגעטרעטען פון סדום, ווי יענע שטאָדט האָט בּיי דער דאָזיגער חאַליאַסטרע געהייסען! זי איז אַרויס מיט אַ רעש, אַ געפילדער, מיט אַ שילטען, פלוכען פון אַ סך מיילער און אַ סקריפּעריי פון רעדער. עס האָט זיך געשאָטען אויף דער שטאָדט סויטע קללות: פאַרבּרענט זאָל זי ווערען! די בעלי-הבתים זאָלען צעהן מאָל אין טאָג פּגר'ן פאַר הונגער און ווי נשרפים אין דער וועלט זיך אַרומשלעפּען... — דריי בּוידען זענען געווען פול אָנגעזעצט מיט אַלער-לאַנד פאַרשוינען: יודען, יודענעס, ווייבּלעך, מיידלעך, בחורים, גרויס און קליין, און צווישען זיי איך מיין ווייב מיט מיר. מיר זענען, למזל, דערהויבּט געוואָרען: אַריינגעטרעטען אין דינסט אין דער קאָניצע אַריין.

הערט איהר, מיינע ליבּע יודען, עס האָט מיר זיך גענעפענט עפּיס גאָר אַ נייע וועלט, און אין אָנהויבּ איז מיר מיט דער חאַליאַסטרע גאַנץ פרעהליך געווען. איך פלעג מיך אָנזעהן און אָנהערען וואונדערשענע זאַכען, וואָס גאָר אוממעגליך אַלצדינג מיט איטליכעם פּיצעלע בעזונדער איבּערצוגעבּען. איך פלעג הערען, אַ שטייגער, ווי מען פלעגט אָבּריכטען, אָבּשפּעטען פון דער גאַנצער וועלט און איטליכען זיך נאָכקרימען; ווי איטליכער פון די פיינע מענשלעך פלעגט דערצעהלען עפּיס אויף גנבה-לשון זיינע אַלע גענג און שפּיצלעך, וואָס ער האָט אָבּגעטאָן. יענער דערצעהלט, ווי אַזוי ער האָט זאַבּאָרעט אַ קרעל (גע'גנבה'ט אַ בּרויט); דער אַנדערער — ווי אַזוי ער האָט זאַלאַבּערט אַ כפּרה'ניצקע (גע'גנבה'ט אַ הוהן); דער דריטער — ווי אַזוי ער האָט געלקחענט קלינגערס (אויסגעחאַפּט געלד) און אין די גאַרגאָלעס אַריינגעריקט, און דער פערטער — ווי אַזוי ער האָט גע'בעל-דבר'ט אַ יאָלד (געהרגעט, געשלאָגען איינעם אַ בּעל-הבּתיש קינד'). נגידים פלעגט מען שילטען אויף וואָס די וועלט





שטעהט, גלאַט אַזוי זיך. פאַר נאַרנישט. איך קען אייך שווערען אין טלית און אין קיטעל, אַז זיי האָבּען די נגידים אַ סך מעהר פיינט, ווי די נגידים זיי. אַ נגיד האָט בּיי זיי געהייסען עפּיס אַזוי פיעל, ווי: פּיאַווקע, צ שטאָפּטע קישקע, פערשטאָפּטער קאָפּ און פערשטאָפּטע הערצעלע, פערשייט בּן-יחיד'יל, קופערנער שטערען, און דער שוואַרץ-יאָהר ווייסט זייער טאַטען, וואָס נאָך פאַר אַ מיאוסע צונעמעניש: ס'איז בּיי זיי פאַררעכענט געווען פאַר אַ מצוה אַ נגיד אָבּצוטאָן עפּיס אַ שפּיצעל, ווי בּאַלד נאָר מעגליך. זיי פלעגען אָבּשיקען צו די נגידים בּויכוועהטיג, שטעכעניש, יסורים, לייד און כל אַ מיני קרענק, בּשעת אַ מאָל עפּיס אַ צרה. מיך פלעגען זיי, אין שפּאַס אַ מאָל, רופען נגיד, דערפאַר וואָס איך פלעג זעהר אָפט מיך פאַר די נגידים אַרויסשטעלען און שטאַרק אָננעהמען זיך פאַר זייער כבוד. ווייל אויפהאַלטענדיג זיך פריהער אין בּאָד, בּין איך דאָך צווישען נגידים דערצויגען געוואָרען, מיט זיי עפּיס דאָך איבּערגעהאַט עסקים, ווי אַ שטייגער: היטען זיי דאָס אָנטאָן, צוטראָגען זיי דאָס פּעקיל זאַכען, אַ שעפּעלע וואַסער, אַ קויל פייער און דאָסגלייכען נאָך אַזעלכע געשעפטען. — איך פלעג הערען אַ שמועס פון בחורים מיט מיידלעך, ווי זיי טרייבּען קאַטאָוועס און רעדען זיך שידוכים. איין בּויד האָט זיך משדך געווען מיט דער אַנדערער. די קונץ פון פאַרשטעלען זיך איז בּיי דער חאַליאַסטרע געווען שטאַרק געהויבּען, עס האָט געטויגט צום עסק. ווען אַ מאָל איז אויסגעקומען, האָבּען די שענע לייט זיך פאַרשטעלט: איינער פאַר אַ הייקעריגען, דער אַנדערער פאַר אַ הינקעדיגען, דער פאַר אַ בּלינדען, יענער פאַר אַ געלעהמטען, די פאַר אַ שטומע, און יענע פאַר אַ קרומע. נאָר אמת'ע, נישט גע'מלאכה'טע קאַלעקעס, ווי, אַ שטייגער, איך און מיין ווייבּ, דאָס האָט בּיי זיי געהאַט גאָר אַ גרויסען ווערטה. זיי האָבּען אָפט געזאָגט, אַז אַזעלכע פעהלער ווי אונזערע איז פאַר אָרמעלייט אַ שאַץ, אַ מתנה פון זיין ליבּען נאָמען: זיי קענען זעהר פיעל איינטראָגען, מיין ווייבּס פעהלער איז זיי נאָך בּעסער געפעלען. היינט פלעגען זיי גלאַט בּטל ווערען פאַר איהר פּיסק, וואָס אויף שרויפען. די האָר האָבּען זיך געשטעלט, אַז זי האָט געעפענט אַ מויל.

דער רויטער ממזר האָט זיך שטאַרק געדרעהט אַרום מיין ווייבּ און זיך פשוט געהאַנגען אויף איהר, ער האָט זיך געקאָשקעט, געקיבּעלט און צוגעטראָגען איהר פון פייגעלמילה: געקאָכטע אַרבּעס, בּאָב,

פלוימען — וואָס נאָר ער האָט ערגיץ דערטאַפּט. איך האָב מיך אָבער בעטראַכט: חאַפּ דיך דער וואַטעל־מאַכער! וואָס קען עס מיך אַרען? קיבעל זי, קאָשקע זי, וואָס קענסט־דו דערמיט מיינען, וואָס?... גאָרנישט. אַז זי איז אַ אֵשת־איש! מילא איז דאָך אָהן סכנות... מיינסט־דו דאָך, גאַנץ זיכער, נאָר איהר פעהלער, פשוט אַ בלינדע איז גוט, מען קען מיט איהר מאַכען געלד, טאָ האָב־זשע, כל־בוניק איינער, די נאַל, מיין ווייב געהט לעת־עתה אין די הייזער אַלץ טאַקי מיט מיר. האָסזשע האָסט־דו דאָ, טיפּש איינער, גע׳פועל׳ט מיט דעם צולאָנטשען זי צו זיך, מיט דעם איזניוכען זיך צו איהר, אַז דער רעכטער עיקר זאַך — אין די הייזער געהן, געהט זי טאַקי מיט מיר, מיט מיר?!...

און דעריבער, ווייל איך האָב אַזוי מיר געטראַכט, האָב איך שטאַרק בעגעהרט לעהרנען הלכות אָרעמאַן מיט אַלע פּישטשעווקעס, בכדי מיין פלונית׳טע דערמיט געפעלען, און געמאַכט דעם עסק שוין גאָר קיין מעשה נישט. איך האָב מיך שוין אויסגעלעהרענט ווי אַריינצוקומען אין אַ שטוב. די קונץ בעשטעהט דערין: אַריינקומען זאָל מען מיט אַ רוגזה, אָנגע׳ברוגז׳ט און מאָנען די נדבה ווי אַ חוב, מען זאָל קריכען, אַרויפקריכען אויבענאָן און פערקריכען אַזש אין דער כפּאַלניע, אויפצוזוכען דעם בעל־הבית אָדער די בעל־הבית׳טע דאָרט. אין דינגען זיך בין איך געווען אַ מייסטער, איין בריה אין דער וועלט. דער גאַנצער שכל שטעקט דערינען: קיינמאָל בעדאַרף נישט געפעלען, וויפיל מען גיט. גיט מען אַ שטיקעל ברויט, זאָל מען בעטען עפּיס געקעכטס, אַביסעל באָרשטש; גיט מען געלד, זאָל מען בעטען אַ העמד, אַלטע תחתונים און זאָקען וכדומה. שטענדיג בעדאַרף מען זיך נאָר קרימען און בלאָזען, קיינמאָל נישט דאַנקען, נאָר וואָרטשען און אַ מאָל אויך טאַקי שילטען,

וואָס־זשע טהוט דער רויטער ממזר? אַ קיינק איהם אין די ביניע אַיאַן! דער רויטער ממזר טהוט אויף הסברות, ווי מיינער פּטור צו ווערען. ער קלערט ביי זיך גאַנץ זיכער אַזוי: אין הלכות אָרעמאַן, פישקע, מעגסט־דו ביי מיר די רובעס הייצען. איך קען מאַכען די שפּיל אַכטציג טויזענד מאָל בעסער פון דיר. און אַז איך האָב מיר אַריינגענומען אין זינען די פּרנסה מיט דיין בלינדער, וועט מסתמא שוין זיין רעכט. נישקשה, איך וועל דיך, מיט גאָטס הילף, שוין פּאַרזאָרגען. — ער האָט צו מיר זיך גענומען און געמאַכט אויס מיר אַקאָטער,





איך בין מיאוס אַראָבגעפאַלען ביי מיין חייב און געהאַט ביי איהר אַפּנים ווי חזיק. קיין אַנדער וואָרט האָב איך פון איהר נישט געהערט גאָר ווי: געשוואָלען ווער, לעג אָנ׳עט מיט דעם קאָפּ, ווערים זאָלען דיך עסען, דו פרעסער, יונגאַטש איינער, דו אַזוינער, אַזוינער און אַזוינער! דער ממזר, קיין תחית המתים זאָל ער נישט אויפשטעהן, האָט אַלץ אויף מיר געגראָבען און מיר געטאָן צום טויט, ביז איך בין ביי איטליכען געוואָרען צו שאַנד און געשפּעט, אַלע בוידען האָבען לסוף מיט מיר געהאַט צו טאָן. וואָס אַ מינוט — איז איבער מיר געפאַלען אַ המצאה, וואָס אַ רגע — האָב איך געהייסען מיט אַ אַנדער צונעמעניש. איטליכער האָט מיט מיר געטאָן, וואָס זיין האַרץ גלוסט. איך בין געווען דאָס כפּרה־היהנדעל. האָב איך אַ מאָל מיך געבייזערט פאַר צרות, פלעגט עס איטליכען אונטערטראָגען. זעהט נאָר, האָט מען געמאַכט, ווי דער נגיד האָט זיך צוי אַ חמרעט, ער וועט שוין באַלד פלאַנכענען. האָב איך מיך אַ מאָל בעוואַשען מיט טרעהרען פאַר חעהטיג פון די קלעפּ, יועלכע אין מיר איז אַריין, פלעגט מען זאָגען: חאָס איז מיט דיר דאָ אַזוי די שמחה, פישקע? וואָס האָסט־דו זיך עפּיס אַזוי צולאַכט מיט צייהן? זעהט נאָר, עולם, ווי פישקע לאַכט! — דערלאַנגט איהם, יודישע קינדער, פלעגט זיך הערען דעם ממזר׳ס קול, דערלאַנגט איהם, נעבעך, אַ טעלעמעטשע צווישען די ליטקעס, אַ רייב איבער די לאָפּעטקעס, דאָס איז אַ רפואה צום לאַכען. אויב, חלילה, עס וועט נישט העלפען, בעדאַרף מען איהם גלעטען די האָר, אָננעהמען ביי׳ם אויער און אַיינרוימען איהם אַ סוד, דערפון וועט זיך איהם שוין שטעלען טרעהרען אין די אויגען, ווי פון אַ כזית מרור. מען מוז דאָך אַ יודען ראַטעווען, — אַ מאָל פלעגט מען מיך אַרויסוואַרפען פון דער בויד און אַז איך בין מיט די קראַנקע פיס געלאָפען נאָך דעם וואָגען, ווי נאָר איך האָב געקענט, און געמאַכט מיט די זייטען, האָט מען צוגעפּליעסקעט, צוגעפּאַטשט מיט די הענט און געשריגען מיט אַ געלעכטער: בראַוואָ, פישקע! אָט אַזוי, פישקע, טאַנץ אַביסעל, טאַנץ! קוקט נאָר, עולם, ווי פישקע הייבט פיסלעך, ווי שעהן, אָהן עין־הרע ער טאַנצט! ער מעג אויף אַלע חתונות טאַנצען. קיין בייז אויג זאָל איהם נישט שאַדטען. — איינמאָל האָט זיך אָנגערופען איינער — און אַלץ טאַקי דער ממזר. אַ קיינק איהם אין די ביניע איאַן — עולם! פישקע איז גאָר אַ גלייכער. ער פאַרשטעלט זיך נאָר, דער גנב, פאַר אַ קרומען, ער מאַכט אויס אונז אַלע חזיק. מען בע־

דאַרף איהם פריווען אויסגלייכען, גיט איהם דאָרט אַ טעלעפּעטשע אין דער דיך, וועט איהר זעהען, ווי ער ציהט אויס גלייך אַ „פּאָלקע".— הבלל, יודען, מען האָט מיך געפּייניגט, מען האָט מיר שטאַרקע יסורים אָנגעטאָן. אוי, פלעג איך מיך דערמאָנען אין די גוטע גליקליכע יאָהרען, וואָס איך בין מיר געזעסען ווי אַ שׂררה אין באָד און גע־לעבּט ווי גאָט אין פראַנקרייך! וואָס איז מיר דען דאָרט אָבגעגאַנגען?

— מילא נעהמט מען און מען גט אָב — פאַלט אַלטער צרײַן פישקען אין די רעד — דערויף איז דאָך דאָ בײַ יודען אַ גט.

— יאָ, גערעכט — מאַכט פישקע מיט אַ זיפץ — הלוואי וואָלט איך עס טאַקי פריהער געטאָן, וואָלט אַז וואויל און גוט געווען מיר און אפשר נאָך עמיצען... נאָר איך ווייס נישט, וואָס מיר איז אַזוינס געשעהען. נאָר אַ כּישוף האָט מען מיר אָבגעטאָן. ס'איז אַ וועהטיג, אַ בושה צו זאָגען, דאָס האַרץ האָט מיך צו מיינער עפּיס געצויגען... ווי שטאַרק איך האָב געליטען און געהאַט געבּראָטענע לייד, פונדעסט־וועגען האָט מיך דער רוח נאָך איהר גענומען. איך ווייס נישט, צי איז דאָס געווען פון מיר נאָר איין עקשנות — אַז דיר, ממזר, גלוסט זיך, ווילכט צווישען מיר מיט מיין ווייב אָנמאַכען אַ בּיין לעבּען און מיך פּטר'ן, וויל איך דיר אויף צו להכעיס מיך דווקא אין איהר האַלטען און נאָך מעהר ווי פריהער, מיט בּיידע הענד זיך האַלטען. אָדער דאָס איז געווען, ווי זאָל איך עס זאָגען, גלאַט אַזוי פון זיך אַליין... עפּיס טאַקי נאָר אַכישוף, איהר געשטאַלט האָט מיך עפּיס גענומען. אַ גע־זונטע, אַ ויקע, אַ יאָדערינגע, אַ פּנים אָבגעגאָסען, נישט אַזוי שעֶן ווי חנעוודיג. פיעל מאָל פלעגט זיך מאַכען. אַז פּאַר גרויסע צרות און האַרצוועהטיג האָב איך מיר געוואָלט אַ מעשׂה אָנטאָן, געוואונשען מיר דעם טויט מיט איהר אינאיינעם. הייגט, הייגט, פלעג איך בּיי מיר טראַכטען, מוז עס האָבען איין עק, הייגט זאָג איך איהר: גט! נאָר קוים בּין איך צו איהר צוגעקומען נאָהענט און זי האָט מיט מיר גע־מאַכט אַ רעד, אָדער אַרויפגעלעגט די האַנד מיר אויפ'ן אַקסעל און געזאָגט: פיהר מיך, פישקע! האָט מיר אָבגענומען דאָס לשון און בּין עפּיס ווי איבּערגעבּיטען געוואָרען.

אין אַ גוטער שעה איינמאָל, געהענדיג מיט מיין ווייב אין די הייזער, עפּיס מיט אַ גרינג געמיטה, טהו איך איהר אַ זאָג: כּתית נשׁמה מיינע, וואָס וועט דער תּכלית זיין פונ'ם שטענדיגען אַרום־





שלעפּען זיך? עס פּאַסט, כ'לעבּען, גאָר נישט פאַר אונז. אין גלופּסק האָבען מיר בּיידע, בּרוך השם, אַ שטיקעל נאָמען געהאַט, דו מיך האָסט אַרויסגענומען דאָרט פון דער בּאָד. אַ קאַטאָוויעס עפּיס גלופּבקער געמויערטע בּאָד, וואו עס וואַרפען זיך איבּער אַ וואָך אַ זעלבע בּערען, גרויסע לייט! דיך האָט אויך איטליכער געקענט, און אויף דיר כּבוד געלעגט. הייגט זענען מיר נע־ונד עפּיס מיט שלעפּערס אין דער פרעמד און וואָס פאַר אַ פּנים האָבען מיר, משטיינס־געזאָגט? — „ווילסט אפשר צוריק קיין גלופּסק? ענטפערט אָפּ'עט מיין ווייב ווי אויפגעבּראַכט. — מעגסט זיך דיר, פישקע, אַהין צוריק־קעהרען, אויב דיר גלוסט זיך אַזוי. איך כּשום אופן נישט. אין גלופּסק זענען דאָ הייגט גענוג אָרמעלייט אָהן מיר. וואָס אַ טאָג וואַקסען דאָרט אויס פריש־צאַפּעלדיגע קבצנים. שפּאָגעל־נייע מקבּלים. בּעלי־הבּתים געהען הייגט דאָרט איינער צום אַנדערען אין די הייזער אַרום". — פון מיינעט־וועגען מעג זיין אַ אַנדער שטאָדט אויב'עט — ענכפער איך צוריק — נשמה'ניאָ, קלייב דיר אויס עפּיס אַ שטאָדט, וועלכע דיר געפעלט, און לאָמיר זיך דאָרט בּזעצען. אַז מען ווייסט, דאָס איז אונזער שטאָדט, דאָס זענען אונזערע הייזער, אונזערע בּעלי־הבּתים, איז עפּיס מזל און בּרכה. ווי זאָגט מען עפּיס: איטליכער הונד אויך זיין מיסט.

— בּאַלד, פישקע, בּאַלד — מאַכט מיין ווייב, קלאַפּענדיג מיך מיט איהר האַנד איבּער'ן רוקען גאָר פריינדליך — לאָמיר נאָך אַבּיסעל פאָהרען, לעבּען, רייבּען זיך אין דער וועלט. ס'איז עפּיס גוט, פרעהליך, מחיה... האָב צייט אַבּיסעל, פישקע, מיט דיין שטאָדט בּאַלד, בּאַלד!

איהר „בּאַלד" האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און ס'איז נישט געווען קיין עק, קיין סוף. אין דער צייט בּין איך איבּערגעווען אין גענוג שטעדט, האָב מיך אָנגעליטען גענוג צרות און פּיין. איננאַנ־צען האָב איך עס געהאַט צו פערדאַנקען איהם, דעם ממזר, אַ קיינק איהם אין די בּייניע אַיאַן...

פישקע מהוט אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרטען און בּלייבּט זיצען שטיל מיט צוגעמאַכטע אויגען. מיר לאָזען איהם אַ בּיסעל צו זיך צוקומען, דערנאָך הויבּט ער ווייטער אָן און די מעשׂה דערצעהלט זיך אַזוי.

# מז.

צו דעם צונעמעניש „נגיד" האָב איך אין דער לעצטער צייט בעקומען נאָך אַ נייעם טיטעל „מקבל". דעם דאָזיגען טיטעל האָט מיר גענעבען דער ממזר, פערהאַפּט זאָל ער ווערען. און אַזוי האָט אינליבער פון דער חאַליאַסטרע מיך גערופען: פ י ש ק ע מ ק ב ל. — מקבל איז בײַ זיי אַזאַ מין וואָרט, וואָס בײַ׳ם אַרויסברענגען עס פונ׳ם מויל שפּײַט מען זיבען מאָל אויס. די שנאה, וואָס הערשט געוועהנליך צווישען בעלי־מלאכות, סוחרים, קרעמער און דעסגלייכען, וואָס האָבען איין ברויט, איז אַ הונט אַקעגען דעם, ווי זיי, בויד־אָרמע־לײַט, האָבען פיינט די שנעדטישע קבצנים און בפרט נאָך דאָס גאַנצע קאַפּיטעל מקבלים, אָט די ווערעמדינע מקבלים, פוילע מיוחסים, פערעמפּלצעוועטע שענע יודען, פלעגען זיי אַלץ זאָגען מיט גאַל, זענען זיי די וואַנצען פול אין אַלע הייזער און נישט אויסצוהאַלטען פון זיי, מען צו טשאַט זיי די קישקעס אויף אַלע שמחות: חתונות, ברית׳ן און קריאת־שמע־לייענעס, רייסען פון טויטע און פון לעבעדיגע, און מיר, נעבעך, רייסען קריעה, האַרעווען, פּראַצעווען אויפ׳ן שטיקעל ברויט און ווערען פערשוואַרצט.. די דאָזיגע אַלע צוקראָכענע נפשות, פּלאַס־קעדריגעס, האָבען זיך גענומען דוד־המלך׳ס תהלים׳ל און מאַכען מיט איהם די שפּיעל, דוד־המלך זאָל געוועזען פריהער וויסען, צו וועמען אין די הענד זיין תהלימ׳ל וועט אַריינפאַלען, וועלכע פּרנסות די פוילע, פערשימעלטע לאַסענמיצלעך מיט אויסגעווייקטע פנימלעך וועלען דער־מיט מאַכען, וואָלט ער עס, גאַנץ זיכער, נישט געמאַכט.—

—ניין, בתיחו — האָט דער ממזר געמאַכט צו מיין ווייב— פון אייער פישקען וועט קיין לייט שוין נישט זיין, ניין, ניין, נישט קיין לייט, איינער פון אונזער חברה! ער איז אַ מקבל מיט די ביינער. אַ מקבל מיט אַלע חן־גריבעלעך, דאָס פאָהרען אייערם מיט איהם, דאָס רייסען זיך אין דער וועלט, וועט איהם כלל נישט העלפען. אין הכבות אָרעמאַן ווייסט ער נישט מאי דקא אַמרי דביצין, נישט קיין מענש, ווי עס געהער צו זיין. איהר וועט, נעבעך, האָבען פון איהם אַ פערפוילטע גאַל. אַי, אַזאַ בתיה, איך זאָל האָבען אַזאַ בתיה! אַ גליק, ווי איך בין אַ יוד, אַ גליק וואָלט איך מיט אייך געמאַכט!





נאָך די אַלע מיטעל, וועלכע דער ממזר האָט געברויכט, אָנצומאַכען צווישען מיר מיט מיין ווייב אַ בייז לעבען און מיך דערווייטערן פון איהר דורך רכילות, וואָס נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איז איהם לסוף געראָטען צו פאַלען גאָר אויף עפּיס נייעס. ער האָט מיך פער׳מסר׳ט פאַר מיין ווייב, אָנגערעדט אויף מיר שטילערהייט, אַז איך שדכן מיך עפּיס צו אַ מיידיל פון אַ בויד און מאַך מיט איהר עפּיס צופיעל חן... צווישען דער חאַלאַסטריע האָט זיך געפונען אַ האָרבאַטע מיידיל, מיט וועלכער איך האָב, אמת טאַקי, ליעב געהאַט צו שמועסען זעהר אָפט און..

— האַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ מיידיל עפּיס? — פאַל איך און אַלטיר פישקען איז די רעד אַריין — הײַ פישקע, זיי זיך מודה!

— דאָס מיידיל איז געוועזען אַ ווילד פרעמדע אין בויד, און זי האָט, נעבעך, גענוג זיך אָנגעליטען, גענוג אָבגעקומען אין איהרע יונגע יאָהרען. איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ליעב געהאַט טאַקי מיט איהר אינאיינעם צו זיצען און צו שמועסען. מיר פלעגען אויסגיסען איינער דעם אַנדערען אונזער ביטער האַרץ. זי פלעגט אויף מיר רחמנות האָבען און נישט איינמאָל וויינען אויף מיינע און אויף איהרע צרות. אֵי, איהר זאָלט וויסען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מ י י ד י ל! אַי, איהר זאָלט וויסען איהרע צרות, נעבעך!... — האָט פישקע אויסגעלאָזט מיט טרעהרען אויף די אויגען.

מיר האָבען געבעטען פישקען אונז קלאָר צו מאַכען, ווער איז דאָס מיידיל אוז וואָס מיט איהר האָט זיך אַ זעלכס געטראָפען.

— אַז איהר בעט מיך אַזוי — האָט פישקע אָנגעהויבען, נאָכדעם אַז ער האָט מיט איין עק אַרבעל אויסגעווישט די אויגען — אַז איך איז נאָך נישט נמאס געוואָרען הערענדיג מיך, וועל איך אייך צוליעב טאָן און דערצעהלען, ווי ווייט נאָר איך קען. הערט, זייט מוחל און האָט קיין פאַראיבעל נישט, אויב בײַ מיר וועט עס אויסקומען נישט גלאַט

דאָס מ י י ד ל איז געוועזען נאָך אַ קינד, אַז די מאַמע איהרע האָט זי געבראַכט קיין גלופּסק אינאיינעם מיט אַ קלימעקיל זאַכען און אַלטע בעבעכעס. דאָס קלימעקיל האָט זי אָבגעוואָרפען דאָרט ערגיץ

אין אַ שטיבעל בײַ איין אַלטער יודענע, אַ מכשפה'טע. אַ פּנים, דאָס איז געווען אַ מעקלערין פון דינסטען. די אַלטע יודענע פלעגט אַוועקגעהן מיט דער מוטער, איבערלאָזען דאָס קינד איינע אַליין אָהן עסען און פערפאַלען ווערען אויף אַ גאַנצען טאָג. אַז דאָס קינד האָט איינמאָל געוויינט, געצאַפּעלט: מאַמע, נעהם מיך אויך מיט זיך! האָט די אַלטע מכשפה'טע אויף איהר זיך שטאַרק געבייזערט, מאַכענדיג צו דער מוטער: חלילה! מען טהאָר פון איהר גאָר נישט וויסען. עס קען שאַדטען צום עסק. אין עטליכע טעג אַרום האָט די מאַמע זי גענומען און גאַנץ שטיל זי אַרײַנגעפיהרט למזל אין אַ קיך, ערגיץ אין אַ בעל־הבתיש הויז. עס האָט נישט געדויערט לאַנג, איז זי מיט דער מאַמע איבערגעגאַנגען ערגיץ אַנדערש וואו אין אַ קיך און פון דאָרט ווייטער אין אַ נייער קיך, אַזוי אַז אין אַ קורצער צייט זענען זיי מגולגל געוואָרען אין אַ היבש ביסעל קיכען. די מאַמע איז מיט איטליכס מאָל איבערקלײַבען זיך אין אַ נייער קיך, געוואָרען צו איהר אַלץ ערגער און שלעכטער. איהר טאַטען האָט זי וועניג געקענט. פריהער אין דער היים איז ער געווען אַ זעלטענער גאַסט, שטענדיג אונטער־וועגענס, און דערנאָך דאָ אין די קיכען האָט זי איהם קיינמאָל נישט געזעהען. זי וואָלט אפילו גאָר פאַרגעסען, אויב זי האָט אַ טאַטען, ווען די מאַמע זאָל איהם פופציג מאָל אין טאָג נישט שילטען בשעת זי פלעגט צו איהר אויסלאָזען איהר שווער ביטער האַרץ. „אַנלעגען זאָל ער מיט'ן קאָפּ, דער שענער טאַטע! פלעגט זי שילטען, פלוכען.—דאָס ווייב האָט ער נע'פטרט נאָך אַזוי פיעל יאָהר מיה, בויכוועהטיג, וואָס זי האָט געהאַט בײַ איהם, און איהר נאָך אָנגעהאַנגען—געהאַנגען זאָל ער ווערען!—אַ באָמבע, אַ קינד אויפ'ן האַלז, וואָס איבער איהר קען זי אויף קיין אָרט נישט אײַנזיין און בעדאַרף זיך מיט איהר שטיקען, בעהאַלטען. וואָרום ווער וויל עס דען האָבען בײַ זיך אַ קעכנע מיט אַ קינד?"— נישט איין מאָל טאַקי פלעגט די בעל־הבית'טע אין קיך אַרײַנלויפען, ווען דער וואַרעמס איז נישט געווען עפּיס אַזוי געראָטען, און פילדער'ן, שרייען, פאַר וואָס האָט נאָט זי געשטראָפט מיט אַזאַ קעכנע, וואָס שעפּט אָב דאָס איבערשטע פון דער יויך און גיט עס איהר שען טעכטעריל אַוועק. חאָטש דאָס טעכטעריל, נעבעך, האָט געדאַרט, גע־קוואַרט און גענעסען קרענק. די מאַמע פלעגט עס פערשטופען, אַזוי ווי טרפה סחורה, אויפ'ן אויווען, אין אַ ווינקעלע דאָרט איז עס דעם גאַנצען טאָג אָבגעזעסען אויף איין אָרט, אײַנגעהייקערט אַין צעהנטען





און מען האָט נישט געטהאָרט הערען פון איהר קיין פּיפּס. עס פלעגט איהר די כאַאַהע איבערנעהן, שמעקענדיג די ריחות פון געבראָטענע גענז, געפּרעגעלטע לעבערלעך און זי... שאַ, נישט קיין וואָרט! זי האָט שטילערהייט געליטען, נעבעך, הונגער ביז מען האָט זיך דער־מאָנט, אַרײַנצושטופּען איהר אין הענטיל אַ טרוקען שטיקעל ברויט און אַ מאָל אויך אַ אָבגעלעקט ביינדיל, אָדער עפּיס אַנדערש, וואָס איז איבערגעבליבען אויף די טעלער. אַ מאָל ווידער האָט מען אין איהר זיך גאָר פאַרגעסען און אַז זי האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטען און אַ פּיפּס געטאָן, פלעגט זיך ווייזען אין דער הויך אויפ'ן אויווען אַ קיטשערע, אַ לאָפּעטע, אָדער אַ שטעקען, אַ פּאָלאָניק אין שלאָגען אויפ'ן קאָפּ, אויף די הענטלעך, אויף די פּיסלעך, וואו נאָר עס האָט געטראָפען, און דערבײַ האָט זיך געשאָטען טויטע קללות און חרמות אויף איהר טאַטען און טאַטענס טאַטען ביז אברהם אָבינו. אַזוי האָט זי פערבראַכט אין קרענק, אין צרות איהרע יונגע יאָהרען אויף די אויווענס. פונ'ם שטענדיגען זיצען אויף איין אָרט אײַנגעבויגען, אײַנגע־הייקערט איז זי געוואָרען הארבאַטע, נעבעך.

פונ'ם אויווען אַראָבקוקענדיג פלעגט זי זעהן עפּיס אַ יונגען־מאַן. ער איז געווען אַ נײַער אַרײַנגעהער צו דער טאַטען איהרער אין קיך. די מאַמע פלעגט זיך אין איהם שמעלצען, איהם האָרעווען פונ'ם אַרבעל, אָנשטאָפּען איהם די קעשענעס מיט גוטע זאַכען און נאָך געבען איהם אַ מאָל געלד אויך, ער פלעגט קומען צאַפּט שפּעטליך אין צוועלף און בלײַבען נעכטיגען אין קיך. אַ מאָל פלעגט די מאַמע פערפאַלען ווערען אויף אַ לאַנגע צייט, זיך אויספּוצענדיג פריהער, אָנקוקענדיג זיך גוט אין דעם שפּיגעלע, און איבערלאָזען די קיך הפקר. אַ פּנים, אַז דער טאַטען איז אין זינען געלעגען התונה צו האָבען און איז אַלץ בעשעפטיגט געווען מיט דעם חתן..

איינמאָל אַקעגען אָוועגד איז געקומען עפּיס אַ מענש און פער־נומען פון דער קיך דער מאַמעס זאַכען. די מאַמע האָט געדאַנקט דער בעל־הבית'טע פאַר דעם זאַלץ און ברויט, אַראָבגענומען מיט כּוח איהר נאַקעט טעכטעריל פונ'ם אויווען און איז מיט איהר אַרויסגע־גאַנגען. זי פיהרט דאָס טעכטעריל און פיהרט, ביז זי פערפיהרט עס ערגיץ אין אַ געסיל. „זעץ זיך דאָ אַנידער און וואַרט. יודען וועלען רחמנות האָבען!"... אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

דאָס פערוואָרפענע קינד ויצט, נעבעך, אויף דער גאַס שטיל און האָט מורא אַ ריהר צו טאָן זיך אַפילו, אַזוי ווי פריהער אויפ'ן אויוועז. אַ קאַלט אָסענדיג רעגענדיל שפריינקעלט און נעצט איהר דורך די ביינער. זי איז געזעסען איינגענורעט כמעט אין איין העמד, געציטערט פאַר קעלט און אַ צאָהן אין אַ צאָהן האָט איהר געקלאַפּט. אַז איינער פון די פאַרבייגעהענדיגע האָט זי אַ פרעג געטאָן: ווער ביסט-דו, מיידעלע? איז דער ענטפער איהרער געווען: איך בין דער מאַמעס... די מאַמע מיר געהייסען דאָ זיצען שטיל... מען טאָר נישט שרייען. אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע קומען און שלאָגען... אַזוי איז זי, שלימזלדיגע, נעבעך, געזעסען העט שפּעט אין דער נאַכט, ביז עפּיס אַ יודענע האָט זי פערנאַרט מיט גוטע רעד און אַוועקגעפיהרט צו זיך אַהיים, ערגיץ אויף די פּיסקעס אין אַ קליין שטיבעלע אויף הינטערשע פּיסלעך.

בּײַ דער יודענע האָט זי זיך אויפגעהאַלטען אַ היבשע צייט און בּײַ איהר קיין האָניג נישט געלעקט. די יודענע האָט זיך איהר אויסגעגעבען פאַר אַ מוהמע און איהר געהייסען, זי אַזוי רופען, די דאָזיגע מוהמע איז געווען אַ סעדעכע, וואָס איז געשטאַנען אין מאַרק מיט קאַרטאָפּלעס, הייסע באַבקעס, כל-נדרי-באַרלעך און ארץ-ישראל עפּעלעך. גאַנץ פריה איז דער שטייגער איהרער געווען אַוועקצוגעהן אין מאַרק אַריין. דאָס האָרבאַטע מיידעלע איז איבערגעבליבען מיט אַ טעבעריל אין שטוב און געוויגט איהר קינד, אויך געהאָלפען אין דעם בעל-הבתישקייט, ווי אַשטייגער: קלייבען אויף דער גאַס דאַרע שפּענדלעך אויף אונטערצוהייצען, קריכען אונטערן פּעקלאָק נאָך אייער, וועלכע די הינער האָבען געלעגט, אויסקראָבען אַ טעפּיל פון פערטריקענטער קאַשע, פּערוואַשען אין דער פּאָמיינִיצע דעם קינדס אַ פערשמירט העמדיל, און שטעהן אַכטונג צו געבען אויף די איבערגעוואַשענע הילצערנע מילכעדיגע לעפעל, וואָס טריקענען זיך אויף דער פריזבע, אינאיינעם מיט דעם קינדס קישעלעך, אַקעגען דער זון און נאָך אַנדערע אַזעלכע מלאכות. פאַרנאַכט, אַז די סעדעכע איז אַהיים געקומען, האָט זי געשיקט איהר קליין דינסט-מיידעל אין די הייזער אַרומצוגעהן און צונויפנעהמען עטליכע שטיקלעך ברויט, דער-פון האָט זי זיך דערנעהרט אליין און נאָך געגעבען דער מוהמען איהרער

זומער פאַרנאַכט איינמאָל, בשעת אַרומגעהענדיג אין די הייזער אויף איהר שטייגער, אין איין גראָב העמדיל מיט אַ האַלב קליידיל





האָט זי זיך פערשלאָגען גאַנץ ווייט, אַזש ביים עק שטאָדט און נישט געטראָפען דעם וועג צוריק אַהיים. די זון האָט שוין לאַנג זיך געזעצט. אויף דעם הימעל האָט זיך אָנגערוקט אַ שוואַרצער וואָלקען. עס האָט ביסלעכווייז געבליצט און געדונערט. פּלוצלים קומען אונטער, פון דער שטאָדט אַרויספאָהרענדיג, עפּיס בוידען, פול אָנגעזעצט מיט מענשען. קוקט נאָר! האָבען פאַרשוינען אַרויסגעשריגען פון איין בוידיל, עפּיס דרעהט זיך דאָ אַרום אַ האָרבאַטע מיידעלע און וויינט, נעבעך. און באַלד טאַקי שפּרינגט אַראָפּ'עט איינער אַ רויטער — טאַקי אַלץ דער רויטער ממזר, אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיאַן! — גיט אַ פרעג דאָס קינד, וועמעס זי איז. — איך וויל אַהיים, אַהיים צו דער מוהמע! ענטפערט דאָס מיידעלע אויף אַ וויינענדיג קול. — שאַ, טאָכטער, וויין נישט, זאָגט צו איהר דער ממזר, איך וועל דיך אָבפיהרען אַהיים צו דער מוהמע. ער טהוט זיך באַלד טאַקי אַ חאַפּ, וואַרפט זי אין אַ בוידיל אַריין און פאָהרט מיט איהר אַוועק.

פון יענער צייט אָן-עט בלאָנקעט דאָס האָרבאַטע מיידיל, נעבעך, זיך אַרום מיט דער חאַליאַסטרע בויד-אָרמעלייט, וואָס האָבען פון איהר הייקער געמאַכט אַ פּרנסה. דער שטייגער איז זייערער געווען, קומענדיג ערגיץ אין אַ שטאָדט, אַנידערצוזעצען זי נאַקעט און באָרפיס אויף דער גאַס, וואו מענשען געהען, און זי האָט בעדאַרפט חליפען, בעטען נדבות אויף אַ וויינענדיג קול מיט אַ ניגון און אויך רייסען ביי די פּאָלעס. האָט זי אָבער אַ מאָל נישט געשפּילט די קאָמעדיע טשאַקענדיג מיט אַלע אָנשטעלען און געמאַכט וועניג געלד, פּלעגט מען איהר אָבשפּילען אַ גוטע חתונה: שלאָגען זי טויט-שלעג, אַרויסוואַרפען זי ביי דער נאַכט אין דרויסען, וואו זי פּלעגט נאַקעט, הונגעריג, נעבעך, שרייען און וויינען אויפ'ן רעכטען אמת טאַקי... זי האָט מיר דער-צעהלט, ווי איינמאָל, ווינטער אין אַ שטאַרקען פראָסט, האָט מען זי ביי-נאַכט אַזוי אַרויסגעוואָרפען אויף דער גאַס. דער פראָסט האָט זי אַ נעהם געטאָן און געמאַכט פון איהר אַ בייגעל, געצופּט, געטשיפּעט דאָס לייב ווי מיט קאַלטע שפּילקעס. עס האָט איהר זיך געריהרט דער שאַרבען אויף דעם מוח, טונקעל און ליכטיג, עפּיס ביידע מיט אַ מאָל, איז איהר געוואָרען אין די אויגען, אָט-אָט עקט זיך דאָס לעבען. זי קען שוין מעהר נישט אויסהאַלטען און הויבט זיך אָן בעטען אין שטוב אַריין מיט אַ ביטער געוויין, זי ציטערט, בעט רחמים: עפּענט, מוהמע, עפּענט, פעטער! — אַזוי האָט זי איטליכען פון דער חאַלאַסטריע

„ערופען—זי שרייט: פעטער, איך וועל שוין ווייטער דאָרט פאַר מענשען גוט שרייען! זי וויינט: מוהמעניו, איך וועל שוין דאָרט גוט וויינען! זי בעט: געוואַלד, איך וועל שוין ווייטער גוט בעטען! נאָר שריי צו דער וואַנט, נישטאָ קיין ענטפער!... זי בלייבט ליגען שטיל, פיהלט מעהר נישט קיין קעלט, קיין פיין, עס בעפאַלט זי עפּיס אַ זיסער שלאָף, עס דאַכט זיך איהר, מען האַלזט זי, גלעט זי, עפּיס גוט וואַרם מחיה — און מען האָט זי אַ טויטע אַוועקגעטראָגען פונ'ם אָרט... זי האָט אַ היבשע צייט פון יענער נאַכט געקרענקט. — ווייטער איז דער שטיינער געווען, אַראָצולאָזען זי פונ'ם וואָגען, ווי באַלד מען האָט פונדערווייטענס אויפ'ן וועג דערזעהן פאָרענדיג עפּיס אַ פּריץ, אָדער סוחרים, לייטישע מענשען. זי האָט בעדאַרפט מאַכען די גאַנצע שפּיל, אויסשטרעקען די האַנד, דרעהען זיך, לויפען פאַרביי די פערד, ביי די זייטען וואָגען, חליפען, בעטען אונטער דער נאָז מיט אַ רחמנות־פּנים און דערטאַפּען אַ נדבה, איהר טויט זאָל דאָ אַפילו זיין. אַ מאָל פלעגט זי טאַקי חאַפּען אַ שמיץ מיט דער בייטש פונ'ם שמייסער אויף דער קעלניע, נאָר זי פלעגט עס נעבעך אַראָפּשלינגען, שאַ, קיכש און געטאָן טאַקי איהרס, ווייל זי האָט זעהר גוט געוואוסט, אַז אַ בייטש איז אַ גאָרנישט אַקעגען דעם, וואָס זי וועט שפּעטער חאַפּען, אויב חלילה, זי קומט צוריק אין בויד מיט לעדיגע הענד... וואָס זי, נעבעך, איז אין די יונגע יאָהרען צרות אויסגעשטאַנען, לאָזט זיך גאָר נישט אַרויסזאָגען. אויך היינט שטעהט זי נאָך גענוג צרות אויס, אין גיהנם בעדאַרף מען אַזוי פיעל נישט אָפּקומען וויפיעל זי, נעבעך, קומט אָפּ־עט. אָה, דאָס בלוט קאָכט אין מיר, ווען איך דערמאָן מיך אין איהר! אוי וועה, מיין לעבען וואָלט איך פאַר איהר גערן אַוועקגעגעבען אַבי זי אויסצולעזען. הערט איהר, יודען, ס'איז נאָך אויף דער וועלט נאָר נישטאָ אַזאַ גוטע, שטילע טויבע, אַזאַ זיסע טייערע נשמה בי זי!...

---

## יז

פישקעס דערצעהלונג האָט אָנגעמאַכט אַ שטאַרקע מרה־שחורה אויף אַלטערין מיט מיר, אַלטער האָט מיט דער האַנד געריבען דעם





שטערען, ווי עס האָט איהם עפּיס געביסען, און אַלץ געמאַכט פאַר זיך: עט, עט!

— הערט איהר, ר' אַלטער — רוף איך מיך אָן מיט אַ שמייכעלע — פישקע, כ'לעבען, איז טאַקי פאַרליאַפּעט אין דעם האָרבאַטע מיידיל. ס'איז, כ'לעבען, עפּיס נישט גלאַט.

— למאַי זאָל איך לייקענען — האָט פישקע געזאָגט — איך האָב זי טאַקי אָנגעהויבען שטאַרק ליעב צו האָבען אין האַרצען פאַר גרויס רחמנות. עס האָט מיך עפּיס צו איהר געצויגען, מיר צוגעקומען לעבען פונ'ם זיצען אַ מאָל מיט איהר אינאיינעם — וואָס?... גאָרנישט! גלאַט אַזוי זיך — שמועסען, אָדער שווייגענדיג אָנקוקען זיך איינער דעם אַנדערען. דאָס גוטסקייט איז איהר געלעגען אויפ'ן פּנים; דאָס קוקען איהרס אויף מיר איז געווען טאַקי נאָר, ווי אַ געטרייע שוועסטער קוקט אויף איהר אומגליקליכען ברודער בשעת איהם איז, נעבעך, של'עכט, שטאַרק נישט גוט. און אַז נעהמענדיג צום האַרצען מיינע צרות האָט זיך איהר געשטעלט טרעהרען אין די אויגען, איז מיר געוואָרען עפּיס גוט, וואַרם־מחיה אין אַלע גלידער. עפּיס האָט מיר זיך געדאַכט, געדאַכט... איך ווייס אַליין נישט וואָס. עפּיס האָט מיך אינוועניג געבריהט, געגלעט ביי דער נשמה: „פישקע, דו ביסט נישט מעהר אַליין אין דער וועלט, ביסט נישט מעהר עלענד ווי אַ שטיין" — און עס בענעצען מיר זיך די אויגען פון הייסע טראָפּען טרעהרען...

מיין ווייב — אַ וואונדער, כ'לעבען! — האָט מיך שוין עפּיס נישט אַזוי געאַרט, עפּיס איז מיך שוין נישט אַזוי שטאַרק אָנגעגאַנגען, ווי זי מאַכט חן מיט דעם ממזר, געקרימט דערויף האָב איך מיך נאָך טאַקי, אָבער דאָס קרימען זיך האָט שוין נישט געהאַט דעם טעם ווי פריהער. אַז מיר פלעגט אַ מאָל אַרויפקומען אויפ'ן געדאַנק אַזוי: דו ווילסט, פישקע, דיין ווייב זאָל אַ זאָג טאָן: „אַצונד איז שוין גענוג זיך אַרומגעשלעפּט, קום לאָמיר זיך בעזעצען אין אַ שטאָדט?" — פלעג איך זוכען ווי מיך אויסצודרעהען, נישט געבען קיין גלייכען ענטפער און זיך פערטראַכטען דערביי אין אידר... וואָס וועט זיין מיט איהר, מיט דער האָרבאַטער, נעבעך?... נאָר הערט אָבער אַ מעשה! אַז איך בין געוואָרען אין האַרצען צו מיין ווייב קיהלער, שוין נישט געצאַפּעלט נאָך איהר אַזוי ווי פריהער, איז זי, דאַכט זיך, געוואָרען צו מיר הייסער. עס פלעגט אויף איהר אַ מאָל אָנקומען אַ שעה, וואָס

זי איז געווען צו מיר גוט, ווייך ווי אַ טייג, און האָט זיך געהאַנגען
מיר פשוט אויפ׳ן האַלז. נאָר דערפאַר שפּעטער פלעגט עס מיר
באַקום אויספאַלען. זי פלעגט מיר טאָן אין דער גאַל אַריין, מיך
פּלאָגען, פּייניגען נאָך טויזענט מאָל ערגער ווי פריהער, אַזוי אַז דאָס
לעבען איז מיר נישט ניחא געווען און האָב מיר געוואונשען דעם טויט.
איך האָב פון איהר געהאַט, טאַקי ווי מען זאָגט, קאַלט און וואַרם.
איך האָב גאָר נישט געקענט פאַרשטעהן, וואָס איז איהר געשעהן?
משוגע איז זי, צו חסר־דעה, וואָס איז מיט איהר אַזוינס? נאָר אין
אַ קורצער צייט שפּעטער איז זיך פערלאָפען עפּיס אַ זאַך און דער
בלאָטער איז פלוצים אויסגעשפּרונגען. איך האָב שוין פערשטאַנען,
וואָס ברענט אַזוינס מיין ווייב, וואָס די רוגזא איהרע בעטייט. ס׳איז
אַ וועהטיג, אַ בושה צו דערצעהלען.

פישקע פערטראַכט זיך אַ רגע. דערנאָך טהוט ער זיך עפּיס
אַ געשמאַקען קראַץ און הויבט אָן ווייטער צו דערצעהלען:

איינמאָל זענען מיר אָנגעקומען ערגיץ אין אַ קליין שטעדטיל
און פערפאָהרען, ווי געוועהנטליך, אויף אַכסניא גלייך אין הקדש
אַריין. איך זאָג אייך, יודען, עפּיס האָב איך דאָך שוין געזעהן הקדשים
מיך אָנגעזעהן אין מיין לעבען און וויים גאַנץ גוט, וואָס אַזעלכע בע־
טייטען, נאָר זיי אַלע זענען גאָלד אַקעגען דעם הקדש פון יענעם
שטעדטיל. אַז איך דערמאָן מיך אין איהם, הויבט אַצונד נאָך אָן מיר
דאָס גאַנצע לייב צו בייסען און איך מוז מיך קראַצען. אינגאַנצען
האָט דער הקדש אויסגעזעהן ווי אַ שטאַרק אַלטע קרעטשמע, אַ חורבה
מיט אויסגעקרימטע, נישט קיין גלייכע ווענט, מיט עפּיס אַ דעכיל,
משטיינס־געזאָגט, ווי אַ צוקנייטשט קאַפּעלישעל, פּעררוסען פון פאָרענט
און נידעריג אָנגעבויגען פון הינטען, כמעט ביז דער ערד. מען האָט
בעשיינפערליך געזעהען, אַז דער הקדש, נעבעך, חלש׳ט, וויל איינפאַלען
און לינען ווי אַ באַרג מיסט אויף דער ערד, נאָר דער עולם אין
שטעדטיל האָט איהם אָבגעשריגען, אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגלעך
און איהם איינגעבעטען, צו האַלטען זיך אַזוי אויף ווייטער ביז הונ־
דערט און צוואַנציג יאָהר. דורך קלאָמפּערשט עפּיס אַ טויער איז מען
אַריינגעפאָהרען אין אַ גרוים הויז מיט צושאָטענע, לעבערדיגע ווענט,
דורך וועלכע עס האָט זיך אַריינגע׳גנבה׳ט אַ שטיקעל שיין. די ערד
דאָרט איז געווען גריבערדיג, ערטערווייז איז געשטאַנען קאַליושעס,





פערשימעלטע, פערדומפּענע פון פאָמייניצעס און נאָך אַזעלכע זאַכען
אויך פונ׳ם רעגען, וואָס פלעגט תמיד דורך דעם פוילען שטרויענעם
דאַך, צושיטעט ווי אַ רעשעטע, אַהין אַריינקאַפּען. צוריבענע פערפוילטע
שטרוי האָבען זיך אומעטום געוואַלגערט, אויסגעמישט מיט אַלערליי
מיני שמאַטעס: צעריסענע טאָרבעס, צוהאַקטע ראָגאָזשעס, פערדאַרטע
מערכלעך פון שיך, אַלטע פאַדאָשוועס און אויסגעדרעהטע אָבזאַצען
מיט פערזשאַווערטע טשוועקעס, שערבלעך, צובראָכענע רייפען, ספּיצעס
פון רעדער, האָר,ביינער, דראַפּאַטשעס, ריטער פון בעזעמער און נאָך
אַזעלכע שמאָכטעס. דאָס דאָזיגע ביסעל סחורה אינאיינעם האָט גע־
פרייעט און געגעבען „די שמוכט״, משונה׳דיגע ריחות גאָר אַ שרעק. —
אין דער לינקער זייט הויז האָט זיך געעפענט מיט אַ בייזער אַ פער־
שמאָלצעוועטע טיר אין אַ שטוב אַריין מיט קליינע, שמאָלע, נישט גוט
צוגעשטאַנענע פענסטער און אַ טייל שויבען זענען אויסגעשלאָגען און
פאַרקלעפּט מיט צוקערפאַפּיר, אָדער פאַרשטעקט מיט אַ שמאַטע, אַ טייל
זענען שטאַרק שמוציג, אין די ווינקלעך בעדעקט דיק מיט שימעל
און ווידער אַ טייל זענען פאַר אַלטקייט איבערגעצויגען מיט געל־גרינע
משונה גלאַנצענדיגע קאָלירען און דער גלאַנץ שטעכט עפּיס די
אויגען, גלייך ווי אַ קריץ אויף גלאָז גרילצט ווילד אין די אויערען.
אַרום די אָבגעשלאָגענע ווענד און נעבען אַ גרויסען אויווען ציהען זיך
לאַנגע בייגק פון ברעטער, וואָס ליגען אויף קלעצלעך און שטיקער
האָלץ, העכער אַביסעל איבער די ביינק שטעקען אין די וועגד גרויסע
און קליינע פלעקלעך. פון דער שוואַרצער סטעליע הייגען אַראָב
שטריקלעך מיט פעטלעס, אין וועלכע עס האַלט זיך ביי די ביידע
עקען אַ לאַנגער שטאַנג. די פלעקלעך מיט דעם שטאַנג זענען פער־
האַנגען מיט פערדריפּעטע קאַפּטענס און קליידלעך, מיט אַלערליי
חפצים און טאָרבעס פון אָרמעלייט, וואָס קומען צו פאָהרען אין ביידע־
לעך, אָדער קומען זיך צושלעפּען צו־פוס און שטעהען דאָרט איין,
יונג און אַלט, מאַנסבילען און ווייבער אַלע אינאיינעם. — דער הקדש
איז אַ חוץ דעם נאָך אַ בקור־חולים אויך. דאָרט איז דאָס אָרט אויף
צו שטאַרבען פאַר קראַנקע מיאוסע קבצנים אין דעם שטעדטיל. דער
רופא טהוט אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך: שטעלט באַנקעס, פּיאַווקעס,
לאָזט צו דער אָדער און צאַפּט, אויף קהל׳שע הוצאות, קבצנים בלוט
ביז די כשר׳ע נשמה געהט זיי אוים און דער הקדש־מאַן, וואָס איז
צוגלייך דער קברות־יוד פונ׳ם שטעדטיל, איז זיי טאַקי באַלד מקבר

אומזיסט. דער הקדש=מאַן מיט זיין הויזגעזינד זיצט אויך טאַקי דאָרט אין אַ מין אַלקיריל, משטיינס=געזאָגט. חוץ וואָס ער איז אַ הקדש=מאַן, אַ קברות=יוד, אַ שמש אין דער חברה=קדישא, אַ משגיח אין זיין בקור=חולים, אַ ושתי המלכה, אָדער אַ מאָנדרוש אין פורים, אַ פערשטעלטער בער מיט אַ איבער=געקעהרטען פעלץ אין שמחת=תורה, אַ סאַרווער, אַ אָנשטעלען=מאַכער, אַ ווערטיל=זאָגער אויף אַלע חתונות און ברית'ן,— האָט ער נאָך אַ פרנסה דערצו, צו מאַכען חלב'דיגע ליכטלעך. די אַלע בעלי=הבתים און בתי=מדרשים ציהען ביי איהם ליכט אין הויז פונ'ם הקדש און עס ווערט דענסטמאל אַ געשטאַנק, אַ עיפוש ווייט אַרום און אַרום.

אַז אונזער האַליאַסטרע איז אָנגעקומען אַהין אין הקדש, איז ער געווען אָנגעזעצט געגנוג מיט אורחים. דער הקדש=מאַן האָט זיי געטריבען: גענוג געזעסען, פאַהרט אייך געזונטערהייט שוין ערגיץ אַנדערש! נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען דאָנערשטאָג, האָבען זיי געהאַט אַ אויסרייד זיך אָבצובעטען — פערבלייבען דאָ ביז נאָך שבת. די ערד, די בּיינק און דער אויווען זענען ביי=נאַכט בעלאַגערט געווען מיט מענשען. מען האָט זיך געשטופּט, געקוועטשט, געקריגט און געשאָלטען פאַר אַ שטיקעל אָרט. קאָניצע און פיעשע האָבען שטאַרק געאַרבייט, איינער דעם אַנדערען אַרויסגעוויזען די שטאַרקע שנאה און די גבורה זייערע מיט די הענד. אין דער גרויסער מהומה, נישט=דאָ=געדאַכט, האָט געקרעכצט אין אַ ווינקעלע אַ קראַנקער אַלטער יוד, וועלכען מען האָט נעכטען אויף קוראַציע אַהער געבראַכט, און אַ פּיצעל קינד, וועלכען מען האָט אין דעם שטופעניש צוגעקלעהמט אַ פיסעל, האָט געקוויטשעט, געמאַכט לעבער אין קאָפּ שרייענדיג. — ערשט שפּעטער אַז די בּייזע מהומה האָט זיך איבערגענומען, האָב איך מיר אָבגעזוכט ערגיץ אַ ווינקעל און זיך געלעגט ווי=ס'איז אויסצורוהען אַ ביסעל. נאָר קוים האָב איך מיר געלעגט, זענען מיך בעפאַלען גאַנצע חילות פרייסען, וואַנצען, פליי ווי די בערען און האָבען מיך געוואָלט לעבעדיגערהייט אויפעסען. דאָס לייב הויבט מיר נאָך אַצונד אָנ'עט צו בייסען און מוז מיך געשמאַק קראַצען, נאָר ביים דערמאָנען=זיך אין די דאָזיגע מלאכי=חבלה. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, אַז מיט פרייסען מלחמה צו האַלטען איז שווערליך, אַ פרייס איז אַ בעשעפעניש, וואָס קריכט און זיין שותף, די וואַנץ, שטינקט, האָב איך זיי מוחל געווען מיין שטיקעל פּלאַץ, לאָזען זיי מיט איהם זיך וואַרגען! און ביז אַרויס איז הויז, דאָרט ווי=





ס'איז צוברענגען די נאַכט. אין דרויסען איז געווען שרעקליך פינסטער, אַ קאַלטער, אַ שטאַרקער ווינד האָט געשטורעמט, געהיילט ווי די הונגערינע וועלף, געפייפט און געבלאָזען דורך די שפּאַלטען אין די ווענד. שטיקלעך שטרוי זענען פונ'ם דאַך געפלויגען און האָבען מיט נאָך אַנדערע מיני שמאַכטעס ווי די רוחות אין הויז אַרומגעטאַנצט. צוויילען האָבען אַהין דורך די לעכער אויך אַריינגעכאַפּט גרויסע טראָפּען רעגען. איך האָב פעררוקט מיך דאָרט אין אַ ווינקעל און געלעגען מיט אַ ביטער געמיטה, געציטערט פאַר קעלט. אַי, די באָד, די באָד! האָב איך געאַייקעט און געאָכט, וואו נעהמט מען מיין באָד! דאָרט איז דאָך פשוט אַ גן=עדן, וואַרם, אַ דערקוויקעניש. ווי גליקליך בין איך אין דעם דאָזיגען גן=עדן דאָרט אַ מאָל געווען. וואָס האָט מיר געפעהלט, וואָס איז מיר דאָרט אָבגעגאַנגען? מיר איז געווען אַזוי גוט, אַזוי תאויל,— האָט דער רוח בעדאַרפט אָנטראָגען מיין ווייב, איך זאָל דורך איהר פערטריבען ווערען פונ'ם גן=עדן און אַרומוואָגלען זיך אין דער וועלט. אויף צרות נאָר זענען די ווייבער דאָ, טאַקי נאָר אויף צרות. וואָס טויגען זיי? וואָס האָט מען פון זיי? קיין גוטס, כ'לעבען, קומט פון זיי נישט אַרויס... באַלד אָבער דערמאָן איך מיך אין דעם האָרבאַטע מיידיל און פאַר מיר אַליין מיך געשעהמט. ס'טייטש, זי איז דאָך אַ גוטע, אַ כשר'ע נשמה, מיט איהר אינאייניעם איז דאָך עפּים אַ תענוג. ס'איז עפּים גלאַט גוט, גרינג, פרעהליך אויפ'ן האַרצען צו זיצען און שמועסען מיט איהר. אַ כפּרה טויזענד באָדען פאַר איהר מינדסטען נאָגעל. פון איהרם אַ קוק ווערט עפּים געשמאַק וואַרם אין אַלע גלידער. — שעהם דיך, פישקע! שייגעץ איך מיך אַליין אויס, זינדיג נישט מיט דיינע רעד, ווייבער גיבען עפּים צו אַ שטיק געזונד און לעבען. ווייבער קענען גליקליך מאַכען און פונ'ם גיהנם אפילו מאַכען אַ גן=עדן... פון אַזעלכע זיסע געדאַנקען האָב איך פאַרגעסען אין אַלע מיינע צרות. דאָס ווינקעלע, וואו איך האָב מיך צוגעשפּאַרט, איז עפּים גאָר גוט מחיה. מיר איז שוין מעהר נישט קאַלט. איך הויב אָנ=עט לייענען קריאת=שמע מיט געפיהל, די אויגען קלעפּען מיר זיך און ווער באַלד אַנדרעמעלט. פּלוצלים אָבער האָט מיך אויפגעוועקט עפּים אַ שרעקליך געשריי.

— קוקט נאָר אָן דאָס נפש! — האָט עמיצער געשריגען נעבען דער טיר פונ'ם שטוב, און דערלאַנגט פון דאָרט אַ וואָרף מיט דעם

נאַנצען כּח אין הויז אַריין עפּיס אַ שווערע זאַך, וואָס איז ווי אַ שטיין געפאַלען אויף דער ערד מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ — קוקט נאָר אָן די מצאָצע, אויך מיר אַ מענש! אַ קאַטאָוועס די גראַפינע פּאָטאָצקע!... און אין הויז בּיסט־דו קראַנק צו ליגען, פאַרפּאַטשקעטע גראַפינע? —

איך האָבּ בּאַלד אין דעם קול דערקענט דעם ממזר, אַ קיינק איהם אין די בּיינע איאַן! ער האָט נאָך אַבּיסעל געשריגען, געזידעלט, אויסגעוואָרפען מיט דער גראַפינע פּאָטאָצקע, דערבּיי אויסגעשפּיגען און פערמאַכט דערנאָך די טיר מיט אַ שטאַרקען קלאַפּ.

אַ שטיקעל לבנה איז אַרויסגעקראָכען פון צווישען די צעריסענע שטיקער וואָלקען, האָט אַריינגעקוקט דורך דעם צובּראָכענעם דאַך אין הויז אַריין און בּעלויכטען דאָרט עפּיס אַ מענשליך געשטאַלט, וואָס איז געלעגען ווי אַ קלימעק, שטיל, קיין ריהר זיך נישט צו טאָן. איך האָבּ מיר אַ לאָז געטאָן זעהען, ווער איז עס די מצאָצע אָדער די גראַפינע פּאָטאָצקע, וואָס ליגט דאָרט אַזוי. איך טהו אַ בּליק און אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען! פינסטער איז מיר אין די אויגען און דער קאָפּ דרעהט זיך מיר, אַזוי ווי פון דער ערשטער פאַרע אויף דער אויבּערשטער בּאַנק. מיין האָרבּאַטע מיידיל, זי, נעבּעך, ליגט עס אויפ'ן רוקען טויט אויסגעשטרעקט פונ'ם שטאַרקען שליידער, וואָס דער ממזר האָט מיט איהר געטאָן! איך נעהם מינטערן מיט אַלע כּוחות די האָרבּאַטע, נעבּעך, און אַז גאָט האָט געהאָלפען, זי האָט זיך אָנגעהויבּען צו ריהרען, האָבּ איך זי אַ חאַפּ געטאָן אויף די הענד עפּיס נישט מיט קיין מענשליכען כּוח, ווי בּשעת מען ראַטעוועט אין אַ גלופּסקער גרויסער שריפה, און בּין מיט איהר גיך אַוועק אַהין אין מיין ווינקעלע. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז דענסטמאָל בּין איך געגאַנגען נאָר גלייך, ווי אַלע מענשען, און האָבּ אפילו קיין הינק נישט געטאָן. זי האָט פּאַמעליך, פּאַמעליך אויפגעעפענט איין אויג נאָך דער אַנדערער און אַ שטילען זיפץ געטאָן. איך האָבּ פאַר שמחה געמיינט, אַז די וועלט איז מיינע. ס'איז כּיר געווען צו מוטה טאַקי גאָר ווי דעם בּעטלער אין די געשריבּענע מעשיות, וואָס ווערט פּלוצלים פון דער העלער הויט מגולגל אין אַ טייערען פּאַלאַץ, זיצט זיך דאָרט אָנגעלעהנט אויף דער גוטער עסעבּעט אינאיינעם מיט אַ בּת־מלכּה און טהוט זיך וואויל. איך האָבּ געשווינד אַראָבּגעוואָרפען פון מיר מיין





קאַפּאָטע און איינגעוויקעלט דערמיט מיין בּת־מלכּה, וואָס האָט געציטערט פאַר קעלט.

— אוי! — האָט מיין האָרבּאַטע, נעבּעך, אַ זיפץ געטאָן, אויסגעריבּען די אויגען און געקוקט, עפּיס גלייך ווי זי האָט זיך אַרומגעקוקט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז.

— וואָס קוקסט־דו עפּיס אַזוי? — טהו איך זי אַ פרעג — איך בּין פישקע. געדאַנקט און געלויבּט איז גאָט, וואָס דו לעבּסט.

— אָך און וועה איז מיר — זאָגט זי מיט אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען — וואָס טויג מיר, וואָס איך לעבּ! איידער אַזאַ לעבּען איז שוין בּעסער דער טויט. גאָט איז דאָך אַ גוטער, אַ בּאַרמהאַרצעדיגער, היינט צו־וואָס האָט ער אַזעלכע ווי איך גאָר בּעשאַפען, נאָר אויף צו ליידען און צו פּלאָגען זיך אין דער וועלט?

נאַרעלע! — מאַך איך צו איהר — מסתּמא ווייסט גאָט, וואָס ער טהוט, מסתּמא איז דאָך איהם ניחא, אַז אַזעלכע ווי מיר זאָלען אויך זיין אויף דער וועלט. גאָט איז אַ טאַטע, ער זעהט, הערט און ווייסט אַלצדינג. דו מיינסט, נאַרעלע, ער ווייסט נישט אונזערע בּיידענס צרות? גאָט ווייסט, נישקשה! די לבנה זיינע, זעה נאָר, זעה, קוקט פונ'ם הימעל אַהער אפילו, אין הויז, אויך אַריין. זינדיג נישט, נאַרעלע, מיט די רעד.

זי האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פייערדיגע אויגען, אין וועלכע עס זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּען טרעהרען און זיך געפונקעלט אַקעגען דעם שיין פון דער לבנה ווי בּריליאַנטען. איהרע אויגען און איהר קוק דענסטמאָל אויף מיך, וועל איך אייבּיג נישט פאַרגעסען.

אַז איך בּין אויפגעשטאַנען אויף מאָרגען גאַנץ פריה, האָבּ איך געזעהען, מיין האָרבּאַטע ליגט אין ווינקעלע, איינגענורעט אין מיין קאַפּאָטע און שלאָפט ווי אַ פייגעלע, דאָס פּנים איהרס איז געווען בּלייך און אויסגעזעהען עפּיס אַזוי גוט, אַזוי רחמנות'דיג גוט... די ליפּען האָבּען צו־ווײַלען געציטערט און זיך אויסגעצויגען עפּיס ווי מיט אַ געבּעט. עפּיס בּעט זי, נעבּעך, רחמים: פּייניגט מיך נישט! וואָס האָבּ איך אייך געטאָן? וואָס האָט איהר צו מיר? פע־ווייסט מיר נישט דאָס לעבּען, וואָס האָבּ איך אייך געטאָן, וואָס האָבּ איך אייך געטאָן?...

און דאָס בעטען איהרס רייסט אויס אַ שטיק האַרץ. עס האָט מיר זיך
נעשטעלט טרעהרען אין די אויגען — און איך האָב געוויינט...

דער ערשטער, וואָס איז אין דער פּריה אין הויז אַריינגעגאַנגען,
איז געוועזן דער ממזר, אַ קיינק איהם אין די בייניע אַיאַן! — ער האָט
מיט זיינע גנב׳שע אייגעלעך אַ קוק געטאָן אויף מיך, אויף דער
האָרבאַטע און אין מיט אַ שטעכענדיג געלעכטעריל אַוועק צוריק אין
שטוב אַריין.

---

# יח

פּישקע איז פלוצלים געבליבען שטיל און אויסגעקעהרט דאָס
פּנים, גלייך ווי ער האָט זיך געשעהמט. וואָס מיין אַלטער האָט איהם
נישט געבעטען, ווייטער צו דערצעהלען, האָט אַלץ נישט געהאָלפען. —
עס... כ׳לעבען! האָט פּישקע געמאַכט, איז רויט געוואָרען, זיך געמינעט
און נישט געעפענט קיין מויל. פּישקע, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָט
לכאורה זיך אַליין פאַרשעהמט פון זיינע אייגענע רעד. פריהער אַז ער
האָט איהם דער ערשטער בּריה געטאָן, האָט ער זיך צופלאַקערט,
צורעצט ווי איינער פון דער היץ. ער האָט גערעדט מיט פייער און
אויסגעגאָסען זיין גאַנץ האַרץ אין אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען גאָר
נישט געווען פאַר פּישקעס מוח. די דאָזיגע ווערטער האָבען זיך אירם
געגאָסען אַליין, עס האָט אין איהם זיך צורעדט די נשמה, ער האָט
בשעת־מעשה פאַרגעסען אַלצדינג, וואָס אַרום איהם טהוט זיך, גערעדט,
גערעדט, נישט צו הערען כמעט אַליין, וואָס ער רעדט ביז ער האָט
פלוצלים זיך אַחאַפּ געטאָן, עפּיס ווי אַליין זיך צוגעהערט צו זיינע רעד.
זיך עפּיס געוואונדערט, ווי קומט אַזוינס צו איהם... און איז שטאַרק
פאַרשעהמט געוואָרען. ביי וועלכען פון אונז מאַכט זיך נישט חאָטש
איין מאָל אין לעבען אַזאַ ליכטיגע, גוטע שעה, וואָס דענסטמאָל עפענט
זיך אַ מויל און ריינע, אמת׳ע מענשליכע געפיהלען גיסען זיך איהם
אַרויס, ווי אַ שטראָם הייסע זודיגע גאַזען פון אַ פייערשפייענדיגען באַרג?
אויף בּלעס׳ס אייזעל אַפילו איז אויך אנגעקומען אַ שעה, אין וועלכער





ער האָט פון דער העלער הויט איהם זיך געעפענט דאָס מויל און
האָט געהאַלטען אַ שענע רעדע. ווער שמועסט ביי בעלי־דרשנס,
להבדיל, מאַכט זיך פיעל מאָל, אַז אַזעלכער, וואָס מעלה־גרה׳ט גע־
וועהנליך, פלוידערט תמיד אַוועק נאַרישקייטען, אַ שרעק צו הערען,
פלוצלים פאַלט אויף איהם אָן אַמאָל עפּיס אַ בעגייסטערונג און ער
זאָגט נישט־ווילענדיג אַרויס אַ גלייך וואָרט, וואָס דער גאַנצער עולם
און ער אַליין מיט זיין כבוד אויך בלייבען דערנאָך פאַרגאַפט. ביים
ערגסטען חזן, אַ קאַטשאַן, וועמ׳ס גלוסט זיך ברעכען, הערנדיג זיין
טערעליקען מיט משוגענע העוויות, טרעפט זיך אַמאָל, אַז פלוצלים טהוט
עס מיט איהם אַ טראָג, ער צוואָגט זיך אין דעם מוסף מיט אַ ברען
און וואַרפט אַרויס אַ „יקום־פורקן׳דיל״, אַ „תכנת־שבת׳ל״ מיט׳ן קנאַק.
טרעט די גוטע שעה אָב, בלייבט דער אייזעל ווייטער טאַקי אַ אייזעל,
דער בעל־דרשה, להבדיל, ווייטער אַ פלוידערזאַק און דער חזן, כשטיינס־
געזאָגט, ווייטער אַ קאַטשאַן ... נישט דאָס בין איך אויסען. צוויי יודען
דרעהער האָב איך געקענט אין אַ יודישער דרוק, וואָס די גאַנצע
אַרבייט זייערע איז בעשטאַנען דרינען, טאָג ווי נאַכט, צו דרעהען די
ראָד פון דער מאַשינע, שטעהענדיג ביי איהר אין דער זייט, איינער
נעבען דעם אַנדערען, נאָר אַזוי ווי די אָנגעמאָלטע גולמ׳ס. דרעה און
דרעה שטענדיג, אָהן איין עק, אַלץ אויף איין אָרט, אויף איין שטייגער.
פלוצלים האָט עס זיי עפּיס ווי אונטערגעטראָגען און האָבען זיך
אַ נעהם געטאָן דרעהען די ראָד געשמאַק מיט געפיהל, שטאַרק בע־
גייסטערט. די אויגען ברענען, פלאַקערען און זיי דרעהען, מיט אַזאַ
תענוג, ווי זיי וואָלטען געווען אויפ׳ן זיבעטען הימעל, ווי זיי וואָלטען
געדרעהט וועלטען און האָבען מיט איטליכען דרעה אויסגעדרוקט
עפּיס אַ געדאַנק, עפּיס אַ געפיהל, וואָס דרעהט זיי אינווייניג. שפּעטער
אַ ווייל, אַז דער ברען האָט נאָכגעלאָזט, האָבען זיי פערוואונדערט
איינער דעם אַנדערען מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגען אָנגעקוקט,
אויסגעשפּיגען פאַרדרעהט די קעפּ, איטליכער אין זיין זייט,
געדרעהט ווי געוועהנליך און ווייטער אַ פּנים געהאַט ווי די לייטענע
גולמ׳ס.

איך קוק אויף פּישקען, וואָס איז געבליבען אָהן לשון און זוך ביי
מיר מיטעל, ווי איהם בערעדעוודיג צו מאַכען. פלוצלים פאַלט מיר איין ר׳
לייב־שרה׳ס גולם, ווי ער טהוט זיך אַ שטעל־אויף, נאָכדעם אַז ר׳ לייב
רוקט איהם אַריין הינטען דעם שם־המפורש, חאַפּט זיך און טהוט

אַלצדינג, וואָס מען הייסט. זעהר שען, טראַכט איך מיר, ברוך=הבא! נאָר אָנשטאָט דעם, וואָס ביי יענעם גולם, עליו השלום, האָט געווירקט אין זיינע צייטען, וועט היינט ביי מיין גולם, איהם צו לאַנגע יאָהר, ווירקען פשוט דאָס מיידיל...

איך הויב אָן פישקען אונטערצוגעבען פאַרע, צו דערוואַרעמען איהם מיט אַ שמועס וועגען זיין האַרבאַטע מיידיל. און דערביי האָב איך טאַקע מיך אַליין אויך צוהיצט, גערעדט פונ׳ם האַרצען מיט פייער און אויסגעלאָזט דעם שמועס אַזוי:

—וויפיעל אומשולדיגע קינדער, נעבעך, קומען עס אויף דער העלט אַזוי אָב פאַר די זינד פון זייערע עלטערן, וואָס גלוסט זיך זיי נאַרישקייטען, דרעהען זיך, גט׳ן זיך און לאָזען איבער די קינדער, זייער פלייש און בלוט, הפקר ווי אויפ׳ן וואַסער! וואָס געהט זיי אָן קינדער! זיי האָבען אין זינען נאָר דאָס נפש׳ל, זייער אייגען נפש׳ל אימליכער פון די שענע עלטערן האָט ווייטער חתונה...

איך בין געבליבען ווי דערוואָרגען אין דער מיט פונ׳ם שמועס. אַלטער מיינער, זעה איך, איז צוקאָכט, אוים מענש. עס טהוט מיר באַלד טאַקי אַ קלאַפּ אין האַרצען: אַי, האָב איך עס בעגאַנגען אַ מיאוסען פעהלער, זיך אַרויסצוהאַפּען פאַר אַלטער׳ן מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זענען צוגעפאַסט צו איהם און האָבען איהם געשטאָכען אין דער זיבעטער ריפּ! עס טהוט מיר שרעקליך באַנק, איך שטראָף מיך אין האַרצען און זאָג מיר אַליין מוסר: געוואַלד, מענדיל, שוין צייט קומען צום שכל, נישט אַרויסצוזאָגען יענעם דעם אמת ווי אַ יונגעל! ביסט דאָך, ברוך=השם, שוין אַ יוד מיט אַ גרויסער באָרד. שוין צייט זיין אַ מענש, פאַרשטעהן וואָס זיך איז נוצליך און גוט. אַי, דיין צונג, דיין צונג!...

איך האָב מיר אין האַרצען אַ נדר געגעבען, ווייטער מיך צו היטען מיט אַ וואָרט, הערען, זעהן און שווייגען — די גוטע מדה פון אַלע קלוגע, פיינע לייט, וואָס איז נויטיג אין לעבען. אימליכען וועל איך נאָר לויבען, בעליבט צו מאַכען זיך דערמיט ביים עולם. עס האָט מיר זיך פאָרגעשטעלט גאַנצע מחנות אונזערע גוטע מענשעלעך, פעטערם מיט שיינענדיגע פנים׳לעך. זיי דרעהען זיך אַהין און אַהער, חבר מיט דעם, מיט יענעם, טאַנצען אויף אַלע חתונות, האָבען שטענדיג נאָר הנאה, קושען זיך מיט אימליכען, וואָס ער איז פון אויבען, צוגעהען פשוט פאַר פרייד, רעדענדיג מיט יענעם פון זיין גליק, ווינשעווען





איהם צו מיט טרערען אין די אויגען און מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די ליפּעלעך, צולעגען אויף טעלערלעך יענעמס גוטסקייט און גיבען איהם עולם=הבא מיט דער פולער האַנד; לויפען אָנזאָגען בשורות, געפינען זיך אומעטום, וואו נאָר ערגיץ אַ קערמישיל, אַ שמחה. תמיד שיינען זיי די אייגעלעך, דער שטערען גלאַנצט, די בעקעלעך פערפאַרבט, די נאָז פייכט מיט ווימפּערלעך. זיי זענען צופרידען, פרעהליך און קוועלען נאָר אָן... אַז וואויל איז אַייך, פעטערס! פון היינט אָן בין איך אויך אַ פעטער. עפּיס האָט מיר דער נאָמען פעטער אָנגעהויבען צו געפעלען, אַזוי אַז עטליכע מאָל האָב איך עס פאַר מיר איבערגעחזרט מיט גרויס פערגעניגען: פעטער! פעטער מענדעלי! פעטער ר׳ מענדעלי!...

בכדי צו פאַרגלעטען מיין פעהלער אַקעגען אַלטער׳ן, הויב איך אָן אויף איהם רחמנות צו האָבען און איינגעהמען איהם מיט גוטע ריידעלעך: ר׳ אַלטער, אַייך איז, נעבעך, נישט גוט צו זיצען, איהר שפּאַרט שוין, נעבעך, אָן ביים עק וואָגען; עס מוז אַייך, נעבעך, וועה טאָן דיביינער פונ׳ם צופיעל זיצען אויף איין אָרט: קומט, איך בעט אַייך, צו מיר אויפ׳ן וואָגען, דאָרט מאַך איך אַייך אַ גוט געלעגער; מיר וועלען נעהמען צו ביסלעך בראַנפען, זיך אַביסעל דערקוויקען.

—מיין אַלטער לאָזט זיך נישט לאַנג בעטען. מיר קריכען אַלע אַראָב פונ׳ם וואָגען. בין מכבד מיין פערדיל צו שלעפען זיך פאַראויס, אַלטער׳ס שקאַפּע איהם פון הינטען. מיר צוגעהען זיך אַביסעל די פיס, קריכען אַרויף דערנאָך צו מיר, דערענדיגען דעם אַשר=יצר, מאַכען לחיים. איך בין זיס ווי לאַקריצע, ווינשעווע אַלטער׳ן אָהן אייז עק, מיט טרערען אין די אייגען פאַר גרוים פרייד, גלאַט אַזוי זיך. זיי אַ פעטער. דערוואַרם אויך פישקען, גיב איהם אונטער היץ, רייץ איהם דעם יצר=הרע. עס צושפּילען איהם זיך די געבליטען און די מעשה הויבט זיך צונד אָן.

## ביי מענדעלי מוכר ספרים אויפ׳ן וואָגען.

פישקע הויבט ווידער אָן אויף זיין שטייגער איך העלף איהם אונטער, בעסער אוים אויף מיין שטייגער, אַלטער האָט קיין צייט נישט, טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער, און ד מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

אויפ׳ן אַנדערען טאָג, פרייטאָג, איז אין בית=מדרש דאָרט אין

שטערטיל געווען שרעקליך ענג פון די אָרמעלייט, וואָס האָבען זיך געשטופּט, צונויפגעשטיקט אַרום דעם שמש. איטליכער בעזונדער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, בעקומען דעם בעסטען פלעט אויף שבת צו אַ נגיד, אָדער צו אַ יוסטען בעל-הבית, וואָס מאַכט אַ פעטען קוגעל. העכער פון אַלע איז געשטאַנען דער פלעט צו דעם בעל-טאַקסע. נידריגער פון אַלע שטעהען געווענטליך די פלעטען צו כלי-קודש און קהלים-לייט, ווייל זיי האָבען ליעב אַליין גוט צו פרעסען און יענעם גיבען זיי מכות. די גבאים פון חברות קרעכצען, זיפצען אויף יודישע אָרמעלייט, נעבעך, און עסען גיבען זיי אויף אַ שפּיץ מעסער, נאָר אויף צו בעשמירען די ליפּען. אָרמעלייט האַלטען פאַר אַ אומגליק צו זיי אַריינפאַלען און וויכען זיי ווי אַ עיפּוש. בעקומט איינער צו זיי אַ פלעט, לאַכען די איבריגע ווי פון איינעם, וואָס בעקומט אַ בערדע... דער שמש פונ'ם בית-מדרש איז געווען זעהר בייז, ער האָט געשריגען, אַז היינט זענען דאָ אָרמעלייט עפּיס מעהר ווי תמיד.—קבצנים! האָט ער געשריגען, וואָס זענט איהר ווי די היישרעקען בעפאַלען אונזער שטאָדט, נעבעך! נישט אויסצוהאַלטען, נישטאָ, וואו איך אַהינצוטאָן! נאָר אַ שטראָף פון גאָט, אַ אָנשיקעניש! — ער שרייט, בייזערט זיך און די אָרמעלייט טהוען זייערס, שטופען זיך און הערען נישט קיין וועלט. איין קול: מיר! גיט מיר, מיר! איטליכער רוקט דעם שמש אין האַנד אַריין עטליכע גראָשען. דער שמש, וואָס זאָל ער, נעבעך, טאָן, נעהמט צו, בייזערט זיך און גיט פלעטען. איך מיט דער האָרבאַטע זענען מיר געשטאַנען אין דער זייט פונדערווייטענס. ערשטענס, האָבען מיר נישט געקענט און, צווייטענס, טאַקי נישט געהאַט די העזה זיך צו שטופען צווישען אונזערע בערען, מיוחסים, פיינע בריות. אומעטום זענען דאָ בערען, אַריסטאָקראַטצען, אַפילו צווישען קבצנים. די אָרעמע אַריסטאָקראַטצען זענען נאָך טויזענט מאָל ערגער פון די נגידישע... דער ממזר איז געווען, עס פאַרשטעהט זיך, איינער פון די ערשטע. ער האָט באַלד בעקומען צוויי גוטע פלעטען פאַר זיך און פאַר מיין ווייב. זי האָט אַפילו פערשפּאָרט זיך צו שטופען. ער האָט דעם שמש אָנגעוויזען אויף איהר פונדערווייטענס: קוקט נאָר, זייט מוחל, אָט דאָרט שטעהט זי, מיין בלינדע, נעבעך!... אַז דער עולם איז אַוועק, זיך צולאָזט איבער דער שטאָדט, איטליכער מיט זיין פלעט צו זיין בעל-הבית, בין איך מיט מיין האָרבאַטע צוגעגאַנגען, אויף גאָטס בעראָטה, צום שמש און געבעטען פאַר אונז פלעטען.





ער האָט עפּיס מיט אַ זיס-זויער שמייכעלע אויף אונז אַ קוק געגעבען און נישט געענטפערט קיין וואָרט.—דערבאַרעמט זיך, זאָג איך צו איהם, אויף צוויי נפשות, קאַלעקעס, נעבעך. אַ גאַנצע וואָך קומט אין אונזער מויל קיין לעפעל געקעכטס נישט אַריין.

— נישטאָ מעהר קיין פלעטען, ענטפערט דער שמש, איהר האָט דאָך געזעהען, וואָס דאָ האָט זיך ערשט געטאָן, נישטאָ צוין וואָהין צו שיקען.

— נאַט אַ"ך, זאָג איך, און שטופּ דעם שמש אין דער האַנד אַ זעקסער, נעהמט, זייט מוחל, און דערבאַרעמט זיך אויף אונז, זייט אונז מחיה, איהר וועט האָבען אַ גרויסע מצוה.

—העער נאָר דו, רופט זיך אָן דער שמש שוין אַביסעל ווייכער. דיין געלד בעדאַרף איך נישט, איין פלעט געפינט זיך נאָך ביי מיר און קען איהם איינעם פון אייך געבען, אויב איהר ווילט, וואַרפט צווישען אייך גורל.

—גיט איהר, איהר גיט!—בעט איך און וויז אָן אויף דער האָרבאַטע.

—איהם גיט, איהם!—בעט די האָרבאַטע און וויזט אָן אויף מיר—ניין, ניין, איך וועל דעם פלעט אָסור-חזיר נישט נעהמען!

אַ היבשע צייט איז אַוועקגעגאַנגען מיט בעטען און דינגען זיך. איינער דעם אַנדערען האָבען מיר איינגערעדט צו נעהמען דעם פלעט און איטליכער פון אונז האָט זיך אָבגעזאָגט, געשוואוירען, ער וועט עס בשום-אופן נישט נעהמען. דעם שמש האָט די זאַך עפּיס הנאה געטאָן. ער האָט געגלעט דאָס בערדיל און געקוקט אויף אונז זעהר פריינדליך.

— ווייסט איהר וואָס? רופט ער זיך אָן, נאָך מעריב זאָלט בײדע שטעהן אין פאָלעש נעבען דער טיר. אַז דער עולם וועט געהן פונ'ם דאַווענען, וועלען זיך מסתמא געפינען יודען, אייך צו נעהמען אויף שבת. איך וועל פאַר אייך אויך בעטען.

אַזוי איז טאַקי געווען. נאָכ'ן דאַווענען פרייטאָג צו נאַכט, אַז דער עולם איז געגאַנגען פון דער שול, האָט דער שמש זיך געווענדעט צו צוויי בעלי-הבתים אין פאָלעש און זיי געבעטען, וויזענדיג אויף אונז, צו נעהמען אורחים אויף שבת.—איך האָב, כ'לעבען, שוין קיין האַרץ נישט געהאַט, האָט ער זיך פאַרענטפערט, צו שיקען אייך היינט פלע-

טען, איך לאָז אײַך נישט אויס בּמעט אַלע וואָך. נאָר אויב אײַער גוטער ווילען איז, נעהמט אָט די דאָזיגע אָרמעלייט.

— אָך! — האָבּען בּיידע זיך אָנגערופען — וועלכער יוד זאָגט זיך עס אָבּ פון אײַן אורח אויף שבּת? אײַן טאָג אין דער וואָך איז דאָ, וואָס אַ יוד קען חאָטש אַבּיסעל עטהמען, פאַר וואָס זאָל ער אין דעם הייליגען טאָג אויך נישט מחיה זײַן נויטבּעדערפטיגע, נעבּעך, און טיילען זיך דערמיט, וואָס גאָט האָט געגעבּען? מיר בּעטען אײַך, שמש, אַלע וואָך, אַלע וואָך טאַקי זאָלט איהר אין אונז נישט פאַרגעסען.

די בּיידע בּעלי־הבּתּים זענען געגאַנגען פאָראויס, אַרום זיי קינ־דערלעך—יונגלעך, בּחורים, אויסגעצוואָגענע און אָנגעטאָן שבּת'דיג. אַלע האָבּען געשײַנט און געשמועסט צווישען זיך פרעהליך. מען האָט געזעהען בּעשײַנפערליך, אַז אין זיי איז דאָ די נשמה־יתירה, דעם יודענס צווייטע שבּת'דיגע נשמה. איך מיט מײַן האָרבּאַטע זענען נאָכ־געגאַנגען שטיל פון הינטען און בּיידע געווען עפּיס צופרידען.

—גוט שבּת!—האָט מײַן בּעל־הבּית, אַרײַנקומענדיג אין שטוב, געזאָגט פרעהליך דעם ווייבּ, וואָס איז געזעסען אויף אַ בּײַנקעל רײַן, קלאָר אָנגעטאָן און געלויכטען ווי אַ פּרינצעסין. אויפ'ן שוים בּײַ איהר האָט זיך געשפּילט אַ קליין קינד נאָר אַ ליאַלקע און בּײַ די זײַטען זענען געשפרונגען צוויי שענע אויסגעפּוצטע מיידעלעך.—גאָט האָט מיר בּעשעהרט אַ אורח אויף שבּת. זיסט, מײַן ווייבּ, וואָלסט־דו דאָך מיך אין שטוב נישט אַרײַנגעלאָזט—לאָזט ער אויס מיט אַ שמייכעלע און נעהמט זיך זאָגען הויך אויף אַ קול „שלום עליכם!" געהענדיג איבּער דער שטוב אַהין און אַהער. בּײַ „אשת חיל" האָט ער זיך געשטעלט, זינגענדיג מיט אַ ניגון, אַקעגען דעם ווייבּ, גענומען דאָס קליינע קינד צו זיך אויף די הענד און עס געקושט, געהאַלזט, בּשעת די איבּעריגע קליינע קינדער האָבּען זיך איהם געהאַנגען פון אַלע זײַטען לעבּעדיג־פרעהליך. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין שטוב זענען טאַקי געקומען די גוטע הייליגע מלאכים פונ'ם „שלום עליכם".—איך דערצעהל עס אײַך דאָ אַזוי, ווייל דענסטמאָל האָט מיר דאָס האַרץ עפּיס שטאַרק געצויגען און געצויגען צו מײַן האָרבּאַטע מיידעל.....

מײַן בּעל־הבּית, ווי עס האָט אויסגעזעהען, איז געווען פון מיטלען שטאַנד. די בּענשליכט האָבּען געבּרענט אין רײַן אויסגעפּוצטע לייכטער, איך ווייס נישט—פון אמת'ן אָדער פון וואַרשאַווער זילבּער. דער טיש איז געווען געגרייט מיט פאַרצעלייענע טעלער און די





קוליטשען איבּערגעדעקט מיט אַ געשטיקט טישטיכעל. אַ פלעשעל ווײַן האָט געפינקעלט אויפ'ן טיש, פון וועלכען איטליכער האָט קידוש געמאַכט. בּײַם עסען האָט די בּעל־הבּית'טע מיר געגעבּען אַלצדינג גענוג און זיך אַלץ געבּעטען, אונטערגעטריבּען, זיך נישט צו שעהמען און עסען. ס'איז געווען גאַנץ גוט. נאָר מיר איז אַבּיסעל נישט אײַנגעגאַנגען, אַז איך האָבּ בּײַ איטליכס שטיקעל פיש, בּײַ איטליכען זופּ לאָקשען, בּײַ איטליכען בּיסען פלייש און צימעס, מיך דערמאָנט אין איהר. ווער ווייסט, אויב זי, נעבּעך, האָט דאָרט אַזאַ וואוילטיג ווי איך. נאָך דעם עסען האָט מען מיך געבּעטען אויף נאַכטלעגער.—לאָז ער בּלייבּען דאָ נעכטיג'ען, האָט די בּעל־הבּית'טע שטילערהייט געזאָגט צו דעם מאַן. וואוהין וועט ער געהן אַהין, אין דעם שענעם הקדש, אין דעם שטאַל, לאָז ער חאָטש אַ נאַכט אַבּיסעל זיך אויסרוהען,—נאָך נעכטיגער נאַכט, נישט היינט־געדאַכט, איז מיר טאַקי שטאַרק נייטיג געווען אויס־צורוהען זיך, אפשר נאָך נייטיגער פון עסען, עס וואָלט געווען גאָר אַדערקוויקעניש, צו ליגען דאָ אין אַ וואַרמער שטוב אויף אַ קישען און אויסגלייכען זיך אַבּיסעל די בּיינער. נאָר איך האָבּ מיך אָבּער דער־מאָנט אין איהר און מיט אַ שענעם דאַנק זיך אָבּגעזאָגט פון נאַכטלעגער. זי האָט נעגעסען שבּת אויף דעם אײַנגענעם הויף טאַקי אין אַ שטוב. איך בּין אַרײַן אַהין נאָך איהר, האָבּ זי גענומען און מיט איהר בּאַלד אַוועקגעגאַנגען.

אין דרויסען איז געווען ליכטיג, שען. די לבנה האָט געשײַנט און ס'איז געווען מחיה גוט צו געהן.

— קום! האָבּ איך צו איהר געזאָגט, קום, לאָמיר אַבּיסעל שפּאַצירען, אין הקדש אַרײַן איז עפּיס נישטאָ אַזוי וואָס זיך צו אײַלען.

דערמאָנענדיג זיך אין דעם הקדש, איז מיר אַ פראָסט איבּער דעם לייבּ איבּערגעגאַנגען. יענער אַלטער יוד, דער קראַנקער, וואָס האָט געלעגען דאָרט בּײַ נאַכט אַזוי געקרעכצט, האָט פון מאָרגען פריה געהאַט די גסיסה, געפּאַכט מיט דער נשמה—און איז נאָך ליכטבּענ־שען געשטאָרבּען. מען האָט איהם געלעגט איבּער שבּת אין הויז, דאָרט וואו איך האָבּ בּעדאַרפט נעכטיגען.

מיר זענען געגאַנגען און פאַרגאַנגען ערגיץ אין אַ געסיל מיט גערטנער און בּוימער, וואָס האָבּען אַרויסגעגעבּען געשמאַקע ריחות. אומעטום איז געווען שטיל, מען האָט נישט געהערט קיין שאָרך, אַלע אין שטעדטיל האָבּען, ווי דער שטייגער פון יודען פרייטאָג צו נאַכט

נאָך דער וועטשערע, שוין לאַנג געשלאָפען, מיר האָבען זיך געזעצט אויפ'ן גראָז ערגיץ אין אַ ווינקעל, געבען אַ פלייט.

מיר זיצען ביידע, קוקען אַ היבשע צייט און שווייגען. איטליכער פון אונז איז פערטראַכט. מיין האָרבאַטע טהוט דערנאָך אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען און ברומט שטילערהייט פאַר זיך זעהר טרויעריג דאָס בעקאַנטע לידעל:

דער טאַטע האָט מיך געקוילעט,
די מאַמע האָט מיך געגעסען...

איך גיב אַ בליק, טרעהרען גיסען איהר זיך פון די אויגען. עס פלאַמט איהר דאָס פנים, זי קוקט אויף מיר און שמייכעלט זעהר בעטריבט. די כוחות האָט זי מיר אַרויסגענומען מיט איהר קוק דענסטמאָל אויף מיר. עס האָט מיר פאַרקלעהמט דאָס האַרץ, געקלאַפט ווי מיט האַמערס אין די שלייפען. איך ווייס נישט, וואָס טהוט זיך אַזוינס מיט מיר און... צום ערשטען מאָל חאַפּט זיך מיר עפּיס אַליין פונ'ם מויל אַרויס: „נשמה מיינע!"...—אַי, פישקע, זאָגט זי שטיל און וואַרגט זיך מיט טרעהרען, איך וועל עס נישט אויסהאַלטען. אַי, שטעה איך עס אַביסעל פון איהם אויס! —

—פון וועמען? — רוף איך מיך אָנ'עט אָנגעצונדען — פון איהם? פון דעם ממזר? אַ קיינק איהם אין די ביינער אַיאַן!

— אַי דו זאָלסט וויסען, פישקע, דו זאָלסט וויסען!...

איך נעהם זי אָנ'עט ביי דער האַנד, ביים קאָפּ און בעט זי מיט טרעהרען אין די אויגען, מיר אויסצוגיסען איהר שווער, ביטער האַרץ. זי לעגט אַרויף ביידע הענד אויפ'ן פנים, בייגט זיך אָנ'עט נאָהענט צו מיר און גיט מיר איבער אויף אַ ציטערדיג קול, מעהר אויף דעם וואונק, עפּיס אַזוינס, אַז דער רוח מעג טאַקי חאַפּען דעם ממזר, ער זאָל קיין תחית-המתים נישט אויפשטעהן! —

***

# יט

פישקע איז ווייטער געבליבען שטיל, עפּיס שטאַרק צוקאָכט און פערטומערט, און כדי איהם בערייגעוודיג צו מאַכען, אַרויסצודער-טאַפּען ביי איהם אַלצדינג, וואָס מיר האָט זיך געגלוסט צו-וויסען, הויב איך איהם אָן אונטערצוהידען, אַביסעל צו רייצען און טהו אַ זאָג אַזוי:

— דו האָסט נאָך גאָר נישט געזאָגט, פישקע, אויב דיין האָר-באַטע איז אַ שען מיידיל. ווי'ס קען, דאַכט זיך, אַ האָרבאַטע מיידיל אַזוי געפעלען!

— וואָס הייסט! — מאַכט פישקע שטאַרק אויפגעבראַכט — ווער רעדט ביי אַ יודישער טאָכטער פון שענקייט! אַז זי איז שען, איז זי פאַר זיך שען, וועמען געהט עס אָנ'עט? די האָרבאַטע איז אמת טאַקי גאָר ניט קיין מיאוסע, אַ פנים, אַ קאָפּ מיט האָר מלא חן, אויגען אַ פּאָר האָט זי, נאָר בריליאַנטען. נאָר וואָס וואָלט מיך דען אַלצדינג אָנגעגאַנגען?... עפּיס אַ שאָלטיק בין איך, אין זינען צו האָבען אַזעלכע זאַכען, נאַכצולויפען שענע נקבות?... נאַרישקייטען!... מיך האָט גע-נומען איהר גוטסקייט, איהר גוטסקייט, דאָס רחמנות האָבען איהרס אויף מיר, ווי אַ שוועסטער, און ווידער צוריק, דאָס רחמנות האָבען מיינס אויף איהר, ווי אַ ברודער אין דער נויט, — אָט וואָס!...

— מילא, וואָס מאַכט עס אויס? — רופט זיך אַלטער אָן — ווי זאָגט מען עפּיס: לאָז זיך זיין פון טייוועל, אַבי עס זאָל הייסען פייבעל... בקיצור, האָט זי דיר איבערגענעבען עפּיס אַזוינס. נו פישקע, וואָס-זשע איז דאָס עפּיס אַזוינס, נו, נו, נו!

אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער פישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך העלף איהם אונטער, בעסער-אויס אויף מיין שטייגער און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

— קנייפען האָב איך שוין לאַנג בעמערקט, ווי דער ממזר,

אַ קיינק איהם אין ד' פייניע איאן! פלעגט קנייפען אַ מאָל די האָרבאַטע, נעבעך. איך האָב געמיינט, דאָס זענען זיך גלאַט אַזוי קניפּ פון אַ רשע, וואָס שלאָגט, פייניגט אַ מענשען, נעבעך. נאָר ווי עס האָט זיך פון איהר קלאָגען־זיך דענסטמאָל פאַר מיר דערוויזען, זענען דאָס געווען גאָר אַנדערע מיני קניפּ. עס האָט געהאַט עפּיס גאָר איין אַנדער טעם... פע! יצר־הרע־קניפּ... דער ממזר פלעגט זיך צו איהר שטאַרק טשעפּען. ער פלעגט זי ניט לאָזען צורוה. האָט ער זי דערטאַפּט אַ מאָל ערגיץ אַליין, איז ער צו איהר צוגעשטאַנען מיט זיסע ריידעלעך, אַזוי און אַזוי, געריידט פאַר פייער, פאַר וואַסער, צוגעזאָגט גילדערנע בערג. און אַז איהם האָט נישט געהאָלפען מיט גוטען, האָט ער אָנגעהויבען מיט בייזען, געמאַכט אַ מורא, ער וועט איהר פערביטערן דאָס לעבען, אַרויסלאָזען אויף איהר אַ שלעכטען רוף און איהר טאָן צום טויט, און דערביי טאַקי זיך געפּריפט אַ חאַפּ טאָן זי מיט געוואַלד. נעענדיגט האָט זיך עס געוועהנטליך דערמיט, וואָס זי פלעגט זיך אויסרייסען פון זיינע הענד, איהם דערלאַנגען אַ מאָל נאָך אַ זעץ אין בויך, אַז דער רוח האָט איהם גענומען. ער פלעגט עס איהר בעצאָהלען דערנאָך מיט פּראָצענט, זי פייניגען מיט אַרבייט און אויסרייסען איהר שטיקער פליישׁ. שפּעטער אַ ביסעל האָט דאָס איינענע טאַקי זיך אָנגעהויבען ווידער אויף דאָס ניי, ווייטער מיט גוטען, ווייטער מיט בייזען. וואָס מעהר זי האָט איהם געוויזען, איז ער אַלץ מעהר צו איהר צוגעשטאַנען, און פאַרביינעהענדיג אַ מאָל פלעגט ער זי פאַר מענשען אַ טאָרקע טאָן, קלאַמפּערשט אומגערן, אויך דערלאַנגען אַ קניפּ, גלאַט אַזוי זיך.

אַזעלכע מיאוסע מעשׂיות מיט איהר האָבען זיך געמאַכט זעהר אָפט, וואָס איך וויל זיי פאַר דעם מויל נישט ברענגען, נאָר די נעבטינע איז געווען פע, פע, אַ שרעק! נעכטען ביי נאַכט נאָך דער בייזער מהומה אין הקדש, אַז דער גאַנצער עולם דאָרט האָט שוין געשלאָפען און זי, די האָרבאַטע, נעבעך, האָט איינגעהייקערט אין צעהנטען נישט ווייט פון דער טיר, אין אַ ווינקעלע אויך געדרעמעלט, וועקט זי פלוצלים אויף עפּיס אַ שושקען איהר אין אויער אַריין. דאָס איז געווען דער ממזר. — דיר, נעבעך, איז שלעכט דאָ צו ליגען, רעדט ער צו איהר מיט רחמנות, קום, איך האָב פאַר דיר זעהר אַ גוט אָרט, וואו דו וועסט קענען זיך אַביסעל אויסרוהען, נעבעך. זי דאַנקט איהם זעהר שוין פאַר זיין גוט האַרץ און בעט איהם, צו געהן אין זיין רוה אַריין. ער הויבט אָנ'עט זיינע אָנשטעלען אַזוי און אַזוי. ער גיט איהר אויך אָנצוהערעניש פון מיר, אַז ער ווייסט, נישקשה, איהר מחותנה'שאַפט מיט מיר... ער שרעקט זי, אַז קייען וועט זי פון איהם די ערד און מיר וועט ער דערגעהן דעם עק, דער רוח נעהמט איהם, דעם ממזר, און מאַכט אויס איהם אַ חיה־רעה און אַ לעמעלע צוגלייך אין איין צייט. ער איז גוט, ער איז שלעכט, ער ווערט אַ שייגעץ און... האַפּט אַ טראַך אין באַק, אַז די צייהן פאַלען איהם שיער נישט אַרויס. עס צושפּילט זיך אין איהם די רציחה, ער טהוט זי אַ נעהם ווי אַ גזלן און גיט זי אַ שליידער אין הויז אַריין. וואָס ווייטער איז געווען, ווייסט איהר דאָך שוין.





נאָך דעם וואָס די האָרבאַטע, נעבעך, האָט מיר איבערגעגעבען דענסטמאָל, זיצענדיג מיט מיר אויפ'ן גראָז, בין איך אַ היבשע צייט געבליבען ווי דערשלאָגען, אָהן לשון. נאָר אינווענינג האָט עס מיך געצופּט, געגעסען ווי אַ וואָרעם. עס האָט מיך געגעסען אַ ברענענדיג געפיהל פון כעס אויף דעם ממזר, אַ היים זודיג געפיהל פון רחמנות אויף איהר, נעבעך, און נאָך עפּיס אַזעלכס גאָר אָהן אַ נאָמען, וואָס האָט מיך געצויגען, געצויגען... און אָנגעהאַפּט ביים האַרצען. פלוצלים האָט עס מיר געגעבען אַ שטאַרקען ציה, אַזוי, אַז דאָס האַרץ איז מיר שיער נישט אַרויסגעפאַלען. איך נעהם זי אָן ביי דער האַנד, וואָס איז נאָך געלעגען אויף איהר פּנים און טהו אַ זאָג עפּיס נישט מיט מיין קול:

— נשמה מיינע! דאָס לעבען וועל איך פאַר דיר אַוועקגעבען.

— אָך, פישקע! — זאָגט זי מיט אַ זיפץ, טהוט זיך אַ רוק נעהענטער צו מיר און שפּאַרט אָן דעם שטערען מיר אויפ'ן אַקסעל.

עס ווערט מיר עפּיס ליכטיג אין די אויגען, וואַרם מחיה אין אַלע מיינע גלידער. איך רעד און נעהם זי איין ווי אַ געטרייע שוועסטער מיט גוטע ווערטער. טרייסט זי: נישקשה, גאָט וועט העלפען! און שווער איהר, אַז אייביג וועל איך איהר זיין אַ געטרייער ברודער. זי קוקט מיר אַריין אין די אויגען, טהוט דערנאָך אַ זיס שמייכעלע און זאָגט, אַראָפּלאָזענדיג דעם קאָפּ:

— איך ווייס נישט, פאַר וואָס, פישקע! מיר איז אַצונד עפּיס גוט אויפ'ן האַרצען. עס גלוסט זיך מיר לעבען...

אַ היבשע צייט האָבען מיר אַוועקגעשמועסט מיט אַ גרינג האַרץ און זיך געמאַכט האָפנונגען. ווי גאָט קען העלפען, מיר זאָלען נאָך

אַ מאָל אויפגעריכט ווערען אַזוי ווי מיר ביידע ווינשען. פלוצלים הערט זיך נישט ווייט פון אונז אַביסעל אין דער זייט עפּיס אַ קלאַפּען. איך קוק מיך אַרום, לאָז מיר געהן פאַמעליך עטליכע טריט הארט נעבען דעם פלייט אין שאָטען און דערזעה אויף יענער זייט געסיל אַקעגען עפּיס אַגעשטאַלט פון אַ מענשען, וואָס באַרבעט זיך איבער אַ קעלער. עפּיס האָט עס מיר אינוועניג געטראָגען, געשטופּט ווייטער אויף אַ פּאָר טריט, גוט צוקוקענדיג זיך און... אַ קיינק איהם אין די בייניע אַיאַן! דאָס איז געווען דער ממזר, ער דרעהט אָב דאָס שלעסעל און ווערט באַלד פערשוואונדען אין קעלער אַריין, אַרויסצו'גנבה'נען אַלצדינג, וואָס מען שטעלט געוועהנטליך אַראָב אַהין אויף שבת. ווי אַ בליץ לויפט אין מיר דורך אַ געדאַנק: פּישקע! אַ צונד זיי זיך אין איהם נוקם פאַר דיר און פאַר דער האָרבאַטע, נעבעך. אַ צונד האָסט דו צייט, גיכער מאַך צו די טיר פונ'ם קעלער און לאָז ער ליגען דאָרט געפאַנגען ווי אַ בער אין דער נעץ, ביז מען וועט איהם מאָרגען דערטאַפּען, איהם ברעכען אַ ביין און געבען זיין פּסק. ערשט דענסטמאָל האָב איך געפיהלט דעם טעם פון נוקם זיך זיין, ווי גוט, ווי געשמאַק דאָס איז; עס האָט אין מיר געקאָכט דאָס בלוט און איך בין געווען דול ווי אַ שכור. צו-לויפען צום קעלער, אַ נעהם טאָן די טיר און צומאַכען זי מיט אַ קלאַפּ — דאָס האָט נישט געדויערט קיין סך צייט. אַצונד ליג דאָ בעגראָבען ווי אַ הונט! זאָג איך אַליין צו מיר מיט אַ לעכעלע. טהו אַ נעהם די קליאַמקע און וויל פאַרשטעקען, דער סקאָבעל אָבער איז אָבגעבויגען אין דער זייט. איך ציה, שלעפּ, אומזיסט! עס שטעהט נישט צו. איך טהו מיר אָן אַ כּוח, דערלאַנג אַ ציה מיט ביידע הענד און אָט-אָט האַלט עס שוין אויף אַ שטייגער — פלוצלים טהוט זיך אַ עפען מיט אימפּעט די טיר פון אַ געזונטען שלעפּ אינווענינ און איך פליה אַריין אין קעלער, אָנשלאָגענדיג זיך מיט דעם ממזר דאָרט אויפ'ן טרעפּיל. — אַזוי, ר' פּישעל! מאַכט דער ממזר נאָכדעם ווי מיר זענען געשטאַנען אַ ווייל איינער אַ קעגען דעם אַנדערען שטיל, — דאָס האָסט-דו מיט דיין כּבוד אַליין זיך דאָ געפּאָרעט מיט דער טיר און געוואָלט צוליב מיר מחלל שבת זיין! זעהר אָנגעלעגט, כ'לעבען, קום, קעצעלע אַ ביסעל אַראָב אונטען און לאָמיר דיך חאָטש אַ ביסעל מכבד זיין... ער טהוט מיך אַ שטופּ פון די טרעפּ אַראָפּ, איך ברעך שיער נישט האַלז און געניק און ציה מיך אויס אויף דער ערד. „אַ צונד, מקבל מיינער, נאַ דיר דערווייל אַ אויפגאָב". דערלאַנגט ער מיר אַגוטען





זעץ אין רוקען! — וועסט שוין נישט קראַנק זיין צו וואַרטען אַביסעל ביז איך וועל פאַרנעהמען צו מיר אין טאָרבעלע דאָס געבראָטענע היהנדעל, דעם פאַלומעשיק פיש מיט דעם שיסעל פעטשע, וואָס איך האָב אין פיילעניש איבער דיר דאָ איבערגעלאָזט. עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, גיט ער מיר ווייטער אַ זעץ.

— צעהל, פּישקע! זאָגט ער, נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, פיער, פינף... דאָס האָסט-דו דיר פאַר מיר. אַצונד לעג איך דיר אַ קנייטיל פאַר דער האָרבאַטער. צעהל פּישקע! נישט נײַן, נישט צעהן... וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג אַרומשלעפּען זיך מיט אַ מיידיל ביי-נאַכט אין פערבאָרגענע ערטער! — נישט צוועלף, נישט דרייצעהן... איך האָב דיך, נישקשה, געזעהען פריהער, אַרומשפּאַצירענדיג מיט איהר אין הינטערגעסלעך... נישט זעכצעהן, דאַכט זיך, נישט דבעצעהן. — עס האָט אין מיר זיך אָנגעצונדען דאָס בלוט פון זיינע לעצטע ווערטער.

— ממזר! טהו איך אַ געשריי, דו ביסט נישט ווערטה צו דער-מאָנען איהר נאָמען, — שפּרינג דערביי טאַקי געשווינד אויף און עס-זיך אין איהם איין מיט די צייהן, ס'איז אַ מלחמה! איך מיט די צייהן, ער מיט די הענד. ביידע האָבען זיך שרעקליך פיינד און איינער דעם אַנדערען וויל מאַכען דעם טויט. ער רייסט מיך מיט כּוח פון זיך אַוועק, האַלט מיך שטייף אין די הענד, קוועטשט מיך, אַ שרעק, און טהוט מיט מיר דערנאָך אַוואָרף ווייט פון זיך, ווי מיט אַ קיילכעל.

— בענש גומל, זאָגט ער, וואָס מיט חסד. ווּאָס מיר קומט עפּיס נישט אויס, דיך דאָ צו בעל-דבר'ן, בלייב דאָ, פּישעלע, זיך אויסרוהען ביז מאָרגען. אַנשטאָט די געפילטע פיש וועלען זיי מאָרגען האָבען אַ לעבעדיג פּישעלע... אַ גוטע נאַכט! וואָס זאָגסט דו אָן עפּיס צום ווייב? זי וועט נאָך היינט בעקומען דעם גרוס.

מיט די דאָזיגע ווערטער געהט ער אַוועק און פערמאַכט די טיר.

די ערשטע זאַך מיינע, אַז איך בין צו-זיך געקומען, איז געווען צו געהן צו דער טיר. איך רייס זי און רייס, אומזיסט די מיה, זי איז גוט פאַרשטעקט פון דרויסען. איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן. קלאַפּען שטאַרק האָב איך מורא, מען זאָל נישט דערהערען און אַזוי בלייבען איז אויך שלעכט. איך שטעה און דער קאָפּ דרעהט זיך מיר

פאַר שרעק, פאַר כעס, פאַר חלשות און יסורים פון די פרישע קלעפּ. איך נעה אַראָב פון די טרעפּ, טהו מיך אַ וואָרף אויף דער ערד און ליג אין אײנע צרות. נאָר דער געדאַנק וואָס מאַרגען וועט דאָ מיט מיר זיין, ווי מען וועט מיר מאַכען דעם גוטען „ברוך־הבא“ און זיך צונויפלויפען אָנקוקען דעם גנב; עס וועט הייסען, מען האָט מיך געחאַפּט, מיט טויזענט אויסגעטראַכטע מעשׂיות דערצו, ווער אין גאָט גלויבט וועט מיך שלאָגען און עס וועט נישט העלפען פון מיין זייט קיין שום תירוץ — אָט דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר געעגבערט אין קאָפּ, ווי מיט איין ענגבער, און מיך נישט געלאָזט אײַנליגען. נאָר אין מיטען־דרינען דאַכט זיך מיר, ווי עס דראַפּעט זיך עפּיס אויף מיר. איך שטרעק אויס די האַנד און חאַפּ־אָנ׳עט אַ שטשער, וואָס גלימשט מיר זיך פלינק אַרויס פון צווישען די פינגער מיט אַ פּישטש. איך שפּרינג־אויף פאַר שרעק, עס ווערט מיר נישט גוט און עס בעשלאָגט מיך אַ קאַלטער שוויס. האַלטענדיג זיך קוים אויף די פיס, טאַפּ איך אָנ׳עט אין דער פינסטער אַ קאַלטע, פייכטע וואַנד, צו וועלבער איך רוק מיך צו. איך שטעה אַזוי אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנד און טראַכט מיט אַביטער הארץ: רבונו של עולם, וואָס איז דאָס פאַר אַ לעבען? פאַר וואָס שטראָפסט־דו מיך אַזוי? וואָלט דען נישט בעסער געווען פאַר מיר, פאַר דער וועלט, אַז איך זאָל גאָר נישט געווען געבוירען ווערען? פאַר וואָס קומט מיר עס אַזוי... אַזוי מיך צו בעליידיגען? — ביי דעם דאָזיגען געדאַנק ברעכט מיר דאָס הארץ און איך בעוואַש מיך מיט טרעהרען. עס וויינט זיך מיר און עס טראַכט זיך: רבונו של עולם, וואו ביסט־דו?! איך בלייב דערנאָך שטעהן דערשלאָגען, נישט צו־וויסען, וואָס מיט מיר טהוט זיך, עפּיס ווי אַ גולם. פּלוצלים גיט אַ סקריפּ די טיר, אַ שמאָלער ליכטיגער פּאַס שיינט אַריין מיר פאַר די אויגען און עס הערט זיך טריט, ווי עמיצער געהט שטיל אויף די טרעפּלעך. די האָר שטעלען זיך מיר קאַפּויר פאַר שרעק, אָט, אָט טהוט מען מיר אַ חאַפּ און מען רעכענט זיך מיט מיר אָב ווי מיט אַ גנב. און ווי איך שטעה אַזוי אין שרעק און ציטערניש, האַלטענדיג צראָבגעלאָזען דעם קאָפּ — הער איך ווי מען רופט שטילערהייט מיך ביים נאָמען: פישקע, פישקע, — און טאַקי באַלד דערזעה איך נעבען מיר זי, די האָרבאַטע. איך ווער לעבעדיג און טהו אַ געשריי פאַר גרויס פרייד.

— שאַ! מאַכט זי אָננעהמענדיג מיך ביי דער האַנד, קום גיכער אוועק פון דאַנען.



— נשמה, דו האָסט מיך דערהאַלטען ביים לעבען! שריי איך שטאַרק צומישט פאַר שמחה און — איך בין זיך מודה, צום ערשטען מאָל, אונטען אין קעלער — טהו איך איהר אַ קוש...

איך פרעג זי, ווי אַרום זי האָט זיך אַהער גענומען? זי אָבער בעט מיך שווייגען, דערמאָנט מיר, אַז מיר געפינען זיך ביי נאַכט אין אַ פרעמדען קעלער.

— קום גיכער, וועסט וויסען אַלצדינג אַביסעל שפּעטער — אַזוי זאָגט זי און פיהרט מיך ביי דער האַנד אַרויס אויף דער גאַס.

געהענדיג אויפ׳ן וועג, האָט זי מיר עס ערקלערט גאָר פּשוט אַזוי: אין עטליכע רגע אַרום נאָך מיין אַוועקגאַנג האָט איהר עפּיס דאָס הארץ געזאָגט, ס׳איז נישט גלאַט, מען בעדאַרף געהן זעהן, וואו איך בין. זי קומט צו ביז צום עק פונ׳ם פּלייט, קוקט אין אַלע זייטען און דערזעהט אויף יענער זייט גאַס אַקעגען שטעהט עמיצער אײַנגעבויגען נעבען אַ דעכיל און בּאַכרעט זיך עפּיס. טראַכטענדיג, אַז דאָס בין איך, לאָזט זי זיך געהן ווייטער און צוקומענדיג נאָהענט האָרכט זי עפּיס ווערטער: „אַצונד, ר׳ פישעל, ליג דאָ אין קרענק ווי אַ הונד, ס׳איז שוין גוט פאַרשטעקט, נישט־קשה“. עס הערט איהר טונקעל אין די אויגען און זי בלייבט שטעהן פערדולט. פּלוצלים וואַקסט פאַר איהר אויף דער ממזר, טהוט זי אַ קניפּ און מאַכט דערביי מיט אַ שמייכעלע: „גוט שבת, סקאָציל קומט, רביצין! אַ שען מיידעלע, נישט־קשה! שלעפּט זיך ביי נאַכט אַרום איבער די גאַסען און נאָך קלאָמפּערשט פרום... אַ היים נעה, חצופה, הולטייקע אײנע!“ ער טהוט זי אַ שטופּ מיט דער קניע אין רוקען און זי מוז מיט איהם געהן, נישט צו רעדען קיין וואָרט. אויפ׳ן וועג קוקט ער זיך אַלץ אַרום, איבערלייגענדיג די פול אָנגעשטאָפּטע טאָרבע פון איין אַקסעל אויפ׳ן אַנדערען, פאַרגעסט נישט דערביי אויך צו שפּעטען און צו מאַכען מיט איהר זיינע אָנשטעלען. זי געהט, נעבעך, שטאַרק פאַראומערט, פאַרזאָרגט. זי ווייסט, אַז איך געפין מיך אין אַ שלעכטער לאַגע, אוממעגליך מיר צו העלפען, אַז דער ממזר האַלט זי נעבען זיך און לאָזט פון איהר קיין אויג נישט אָב. פּלוצלים גיבען זיך אַ וויז אַ קומפּאַניע יודען, וואָס געהען פון אַ בן־זכר לעבעדיג־פרעהליך און רעדען, לאַכען הויך אויף אַ קול, ווי דער שטייגער פון יודישע קינדער. מען לאַכט עפּיס פון אײנעם, וואָס האָט זיך פאַרגעסען און געטראָגען דאָס פּאַטשיילכען אום שבת. דער ממזר געהמט זיך געשווינד אין דער זייט, דרעהט זיך אין אײלעניש

א לייט?! דו מיינסט, כלב שבכלבים. דאס וועט דיר געשענקט ווערן! ניין! איך וועל דיר ווייזען, יונגאטש איינער, אין דיין טאטען אריין, מיט דיין דראבקע, אין איהר טאטענס מאמען און מאמענס טאטען אריין! מיט איהר אינאיינעם וועל איך דיר ווייזען, ווער עלטער איז — נא, נא! הויבט זי אן מיך צו שלאגען — נא דיר פאר היינט, פאר נעכטען און פאר פריהער, נא, נא, נא, די כפרה זאלסט דו ווערען! —

איך רייס מיך קוים א לעבעדיגער פון איהרע הענד ארויס און לויף אפ׳עט עטליכע טריט ווייט אויף דער גאס. זי שטעהט נאך א היבשע ווילע אין דרויסען און שרייט, דערנאך געהט זי אריין אין הויז און שרייענדיג: ליג ווי א הונד אין דרויסען, פערשפארט זי פאר מיר דעם טויער מיט א שטארקען קלאפ.

איך שטעה מיט דער הארבאטער, נעבעך, אין דרויסען און קיקען אונז אן. ביידע זענען מיר שטארק בעטריבט, אונז ביידע איז געוועהנליך אויפ׳ן הארצען דערפון, וואס דא איז ערשט געשעהען. די צרות לאזען אונז ביידע נישט איינשטעהן אויף איין ארט און מיר לאזען זיך געהן, וואוהין די אויגען קוקען, איינער מיט דעם אנדערען נישט צו רעדען קיין ווארט, ביידע פערטראכט. אז איך בין צו זיך געקומען, זעה איך, מיר געפינען זיך אויפ׳ן שוהלהויף. דאס הארץ האט מיר געריסען קוקענדיג אויף דער הארבאטע, נעבעך, ווי זי ווערט עס פערשווארצט. די אנדערע נאכט, אז זי האט נישט קיין רוה. איך טראכט ביי מיר, וואס טהוט מען, וואו ערגיץ געפינט מען איהר א נאכטלעגער? און עס פאלט מיר איין זעהר א גוט ארט — די ווייבערשע שוהל!

אז נאכט האט געהאלפען, מיר זענען בשלום ארויף, נאך גרויס מיה, אויף א צעבראכען טרעפיל, וואס האט זיך געוויגט, געשאקעלט אונטער אונזערע פיס און אין דער פינסטער אנגעטאפט א אפענע טיר. פאלען מיר פלוצלים אויף עפיס ווייכס. עס ווערט א גערודער, א שפרינגעניש ארום אונז, אויף אונז און איבער אונז. מיר האפען קלעם, הינטען, אין די זייטען, נישט צו וויסען, פון וואנען דאס איז אונז געקומען. איך ווארף מיך אהין-אהער, צאפעל מיט הענד און מיט פיס און האפ אן א בארד. פון וועמען מיינט איהר? א בארד פון א ציג!... דאס זענען געווען ציגען, וואס האבען, ווי געוועהנטליך,



און האפט זיך אריין אין א שמאל געסיל. מיין הארבאטע האפט דער-ווייל אויך, אנטלויפט אין דער אנדערער זייט און ווערט אנטרונען.

עס פארשטעהט זיך, זי לויפט געשווינד מיך ארויסצונעהמען פון דער קלעהם. נאר שטעלט אייך פאר איהר הארצוועהטאג, אז זי פער-דרעהט זיך לויפענדיג אין געסלעך, און קען נישט טרעפען צום ארט, וואו מיר זענען פריהער געזעסען? זי ווייסט, אז איך בין אין א גרוי-סער סכנה, מען בעדארף מיך גיכער בעפרייען, איין רגע איז א צונד טייער און דא דרעהט זי זיך און ווייסט נישט צו מיר דעם וועג!... א היבשע צייט האט אזוי געדויערט, ביז גאט האט געהאלפען, זי האט געפונען דעם קעלער און מיך בעפרייט.

מיר געהען אזוי ביידע און רעדען מיט א פרעהליך געמיטה. איך איהר: נשמה מיינע! דו ביסט מיר היינט בייגעשטאנען אין די נויטען. און זי מיר: פישקע! דו האסט מיר געדינט ווי א ברודער נעכטען, געדיינקסט-דו, דארט אין הויז, ביי נאכט. נעכטען... נאר נישט ווייט שוין פון הקדש בעפאלט אונז א מרה-שחורה און עס נעהמט אונז אב דאס לשון. דאס הארץ האט אונז געזאגט, אז מיר געהען נישט אויף קיין גוטס, עפיס גלאט וועט שוין די היינטיגע נאכט אזוי נישט אבלויפען.

איין הענפט טויער פונ׳ם הקדש איז געווען צוגעמאכט, די אנדערע הענפט אביסעל אפען, אזוי, אז אין דעם הויז האט פון דער גאס ארייגעשיינט א ליכט. צוקומענדיק צום טויער שטעלען מיר זיך א ווילע אנידער מיט א פערקלעהמט הערץ, דערנאך נעהם איך מיך צום ערשטען אריינצוגעהן שטיל. קוים שטעק איך אריין דעם קאפ אין הויז, דערזעה איך, כמעט טאקי אין דעם טויער, דעם ממזר, ווי ער זיצט זיך אנגעלעהנט מיט מיין ווייב, פרעסען פון דער טארבע און טהוען זיך וואויל. דער ממזר שושקעט איהר עפיס אין אויער אריין און ווע־ט באלד ווי אויסגעטריקנט. זי שטעהט אויף אין איין כעס און האפט זיך אויף מיר ארויף מיט א מויל: דו אזוינער און אזוינער, אין דיין טאטענס טאטען אריין! דו וועסט עס ביי מיר די גאנצע נעכט מיט אזא הולטייקע, אזא דראבקע ארומשארלאטאנעווען? דו מיינסט אפשר, איך ווייס נישט דיינע מיאוס׳ע גענג? איך ווייס, נישקשה, אלצדינג שוין לאנג און שטיק, נעבעך, אין זיך, האב א פערפוילטע גאל. אזוי דאנקסט דו עס מיר אב פאר מיין גוטסקייט, וואס איך האב דיך ארויסגעפיהרט אין דער וועלט, געמאכט פון דיר

אַ חזקה צו נעכטיגען אינאייינעם מיט'ן קהל'שען צאַפּ אין דער ווייבערשער שוהל.

— וואו ביסט־דו ערגיץ? — רוף איך מיין האָרבאַטע, — שרעק זיך נישט, דאָ זענען, אָהן עין־הרע, זעהר פיעל ציגען! נישט קיין אָרים שטעדטיל. אַ פּנים. איך זוך אויף, טרייב אַרויס די ציגען, זיי זאָלען היינטיגע נאַכט מוחל זיין נעכטיגען אין דרויסען. אַליין געה איך טאַקי באַלד אויך אַרויס, זאָגענדיג איהר אַ גוטע נאַכט, און מאַך גוט צו די טיר.

ביים אַראָבגעהן פונ'ם טרעפּיל שטעלט מיר זיך אַקעגען דער צאַפּ, אָנגעבויגען דעם קאָפּ מיט די לאַנגע הערנער, שטאַרק אָנגע־דרודעלט דערפאַר, וואָס איך האָב אַזוי מיאוס בעליידיגט זיינע ווייבער. איך ראַנגעל מיך מיט איהם אַוועק א צייט, ער לאָזט מיך נישט אָב און געהט מיר נאָך פוס־טריט. ביז מיר איז געראָטען, אַריינצוחאַפּען זיך אונטען אין קלייזעל אַריין.

אין קלייזעל ליגען אויף טיש און אויף ביינק אויסגעצויגען מקבלים און שלאָפען ווי די פּריצים, איבערפייפענדיג זיך מיט נעז צווישען זיך אויף אַלערליי קולות. אַ מחיה געווען צו זעהען, ווי געשמאַק, אָהן עין־הרע, זיי זענען געשלאָפען. מקבלים איז טאַקי אויף דער וועלט גוט, האָב איך מיר געטראַכט און זיי אין הארצען מקנא געווען. דאָס זענען עפּיס גאָר אַנדערע מיני קבצנים, נגידישע... איך זוך מיך אויס אַ אָרט אונטער'ן אויוועץ, טהו מיך אַ וואָרף דאָרט אויף אַ באַנק און ווער באַלד אַנשלאָפען. נאָר מיר איז אָבער נישט בעשעהרט קיין גוטס אויף דער וועלט. עס דויערט נישט לאַנג, וועקט מען מיך אין רעכטען מיטען שלאָף: יונגער מאַן, שטעהט, זייט מוחל, אויף! איך רייב אויס די אויגען און דערזעה פאַר מיר היבש יודען מיט ערנסטע פּנים'ער. דאָס זענען געווען פון דער חברה־תהלים מענשען, וואָס קומען אַלע שבת גאַנץ פריה זאָגען תהלים און האָבען זייער אָרט דאָ אונטער'ן אויוועץ. אין ברירה, מען מוז אויפשטעהן. איך גיס אָב נעגעלוואַסער, זעץ מיך אַנידער, קוים וואָס איך האַלט דעם קאָפּ. ציה מיך, געניץ און זאָג תהלים.



נאָך דעם פּסק, ווען־ען איך האָב יענעם פרייטאָג צונאַכטס פון מיין ווייב געחאַפּט, איז שוין פאַרענטפערט געוואָרען אַלצדינג, וואָס איהר משוגענע אויפפיהרונג אַקעגען מיר אין דער לעצטער צייט בעטייט. עס האָט זי געבּרענט מיין חבר־זיין מיט דעם האָרבאַטע מיידיל, וואָס דער ממזר האָט עס איהר איבערגעגעבען מיט טויזענט אָבגעטאָקטע ליגען. ער האָט ביי זיך געקלערט, אַז דורכדעם וועט מיין ווייב מיך נישט וועלען מעהר קענען, אַ שפּיי טאָן אויף מיר און אַנ'עק. ס'איז אָבער געהען אַ פאַלשע רעכנונג. אַנשטאָט דעם, זי זאָל מיט אַ קאַלטער לעבער מיך לאָזען לויפען מיין וועג און אויף אייביג מיט מיר זיך צוגעהן, האָט גאָר אין איהר געבּרענט אַ העליש פייער. סטייטש, איהר מאַן זאָל אַזוינס טאָן! עפּיס אַ האָרבאַטע מיידעל זאָל פישקען בעסער געפעלען פון איהר! דאָס איז דאָך אַזאַ בעליי־דיגונג, וואָס שווער אַראָבצושלינגען. ניין, מען קען אַזוינס נישט דערלאָזען.

— אַי, די קשיא איז דאָך, פאַר וואָס זי... דיינע, מיין איך, מיט דעם ממזר? — קען זיך אַלטער נישט איינהאַלטען און טהוט אַ פרעג מיט אַ גמרא־ניגון.

— זייט איהר, דאַכט זיך, גאַנץ גערעכט — ענטפערט פישקע — נאָר אויף אַזוי פיעל האָב איך אין דער גלופּסקער באָד מיך אויסגעלערענט שכל צו פאַרשטעהן, אַז דאָס איז קיין קשיא נישט. וואו נאָך ערגעץ ריכט מען פון איטליכען אָב מעהר ווי אין דער באָד? און ווער? דוקא אַזעלכע, וואָס האָבען געמעגט, כ'לעבען, טאַקי שטומען. איינער, וואָס האָט קיין וואָהר וואָרט נישט, שפּעט אוים יענעם, אַז ער איז אַ ליגנער; אַ זעלכער, וואָס מען טהאָר איהם קיין גראָשען נישט געטרויען, רעדט אויף יענעם, ער איז אַ גנב, אַ קאַרגער, וואָס וועט פאַר אַ פּעניג זיך די אויגען אַרויסנעהמען, לאַכט: יענער איז אַ חזירן אַ שלעכטער מענש, וואָס האָט אַ שטיינערן האַרץ,

דינען יענעם רשע, און אזוינער וואס פאר א פיצעל כבוד איז ער פארטיג אויף אלצדינג, בערעדט יענעם, אז ער לעכצט נאך כבוד. בעריל דער שמייסער פלעגט א מאל צווישען זיך אין א שמועס, זיך אנחאפען ביים קאפ: אי, אי! איך פארשטעה נישט, ווי לעגט זיך עס די צונג אבצוזויכטען פון יענעם, ווייסענדיג זעהר גוט ביי זיך, אז מען איז אליין א גנב, א ליגנער, א חזיר, א שלעכטער, אלצדינג וואס אין דער קארט!

—הערסט־דו, חכם מיינער! פלעגט איהם אבענטפערן איציק דער היטער, דאס איז טאקי די גאנצע צרה, וואס מען ווייסט נישט, זיינע פליי אין דער נאז זעהט נישט קיינער און יענעמס א שפריינקעלע איז דעם אנדערן גרויס אין די אויגען.

שמעריל, איינער פון יענע בטלנים, וואס האלטען זיך אויף אין באר, פלעגט מאכען מיט א שמייכעלע אנגעהמענדיג זיך ביים בערדיל: לאזט זיך דינען, ר׳ בעריל! לאזט זיך דינען, ר׳ איציק! איהר האט ביידע א טעות. דער אמת דערפון איז, ווי איך האב דערקלערט, פשוט אזוי: איטליכער ביי זיך מיינט, ער מעג, דער אנדערער טהאר נישט.

גערעכט, שמעריל!—לאז איך ארויס אויף א קול, אונטער־שפרינגענדיג פון מיין ארט און פערטראכט מיך טאקי, באלד. שמעריל׳ס ווערטער האבען אונטערגעגעבען ווירויך דעם טייפעל, וואס ליגט אינווענינ ביי איטליכען פון אונז, זינדיגע מענשען. ער חאפט זיך אויף אין מיר מיט א שטעכענדיג געלעכטעריל, גראבעלט מיך ביים הארצען, צוטראגט מיר דעם מוח, אויפריהרענדיג דארט מיינע אלע געדאנקען און קראצט אויך אוים עפיס אלטע מעשיות, פארלעגערטע אין דעם זכרון. עס ווערט אין מיר א קאכעניש, א יריד פון אלערליי מיני געשטאלטען, וואס זענען פלוצלים ווי פון דער ערד אויסגעוואקסען, און אנווייזענדיג אויף זיי רעדט אוים מיר דער רוח ארויס שטארק פערקרימענדיג זיך:

—אט האסט־דו דיר די אלע שענע נפשות! זיי אלע מעגען, מעגען, מעגען.....

די דאזיגע שענע נפשות דרעהען זיך אין דעם האנדעל, אין שמעדטישע זאכען, אין חברות, אין דעם יודישקייט און אין דער גאנצער פיהרונג. ווייבער און ווייבלעך אלע סארטען, פון דער אלטער און היינטיגער וועלט זענען אויך דא צוזאמען יריד. שלום עליכם!





פארשווינען! מאך איך אליין צו מיר. נאט ווייסט דעם אמת, אז איך בין גערן אייער פנים נישט אנצוקוקען און דעם נאמען אייערן מעהר פאר דעם מויל נישט צו ברענגען. אזוי נמאס־ומאוס זייט איהר מיר געווארען. נאר וואס קען מען טאן? אז דער שווארץ־יאהר האט אייך אצונד געבראכט צו טראגען, קען מען אייך אזוי נישט אבלאזען: מען מוז איהם צוליעב טאן און פון איטליכען חאטש עפיס דערצעהלען.

— ווארט אביסעל, פישקע! האט קיין פאראיבעל נישט, ר׳ אלטער! רוף איך מיך אן—איך האב אייך עפיס צו דערצעהלען, נאר לאמיך אביסעל מיך בעטראכטען. און טראכטענדיג דא אזוי גיב איך א נעהם איינעם פון דער גוטער כנופיא, קום צום סמיך! ער ווארפט זיך מיט העגד און מיט פיס, קרעכצט, שרייט, ווי דער געפענטעטער האהן בשעת כפרות שלאגען. די איבריגע לייט קוקען מיך אן קרום און מאכען א בייזע מינע, איך זאל שווייגען. נאראנים! טראכט איך ביי מיר, איך הער אייך ווי דאס מילכיגע קלינגעל. מיך וועט איהר מיט „בו״ אין א איבערגעקעהרטען פעלץ נישט איבערשרעקען. מאלפעס זייט איהר, נישט קיין בערן... דער טייפעל צוהיצט זיך אין מיר און ניט מיר אונטער חשק: „אזוי אזוי! נעהם זיי, נעהם זיי צום סמיך, די אלע שענע נפשות!״—הערט, זייט מוחל, ר׳ אלטער, א שענע מעשה אין א יודישער שטאדט ערגיץ זענען די פיינע לייט, וואס דער שטייגער זייערער איז... הויב איך אן אזוי צו דערצעהלען און בלייב אין דער מיט רעד ווי דערוואורגען. די ווייבער ווינקען צו מיר מיט א געבעט. גוטער זיסער ר׳ מענדעלי, האט רחמנות, זאגט נישט אוים!... זיי מאכען חן, קוקען און בעטען מיך מיט ברענענדיגע אייגעלעך, דער ווייבערשער חן מאכט מיך ווייך ווי א טייג, פון זייערס אבליק ווער איך צושמאלצען. דערביי דערמאן איך מיך אין מיין נדר, איינצוקויפען זיך אין דער חברה פעטערס. חאפט אייך דער וואטעל־מאכער! כאך איך מיט א שמייכעלע און ווענדענדיג זיך צו אלטער׳ן, זעץ איך צו: זיי מיין איך, יענע פיינע לייט אין דער שטאדט דארט. עפיס גלוכט מיר זיך היינט נישט דערצעהלען מיין מעשה. לאזען זיי געהן צו אלדי שווארצע יאהר!... האט קיין פאריבעל נישט, ר׳ אלטער.

— פארקעהרט... מהיכא־תיתי, פון טיינעט־וועגען מעגען זיי אויך, חאטש באלד, די כפרה ווערען. נאר וואס איז דאס פאר א גאנג יענעם איבערשלאגען, אריינפאלען איהם אין די רעד מיט מעשיות, אייערע מעשיות!... אזוי רופט זיך אן אלטער און קוקט מיך צוו׳

אַ ווײַלע אָן, מאַכענדיג מיט די אַקסלען, עפּיס אַזוי, גליק וויי געזאָגט: אַ לעכערדיגער זאַק, משטיינס-געזאָגט, עס שיט זיך פון איהם ניין מאָס רעד אָהן אַ אויפהער, שטאַרק נייטיג, כ׳לעבען, זיינע מעשיות! אַ מער ווייסט איהר צו וואָס?... און אַ מאָך געבענדיג דערנאָך אין דער זייט אַ פּאָר מאָל: פּע, פּע! טהוט ער אַ טאָרקע פּישקען: נו, וואָס? מילא בקיצור דער שפּיץ?

פּישקע הויבט אָן אויף זיין שטייגער, איך נאָך איהם אַרבייט אויף מיין שטייגער, אַלטער טרייבט אונטער אויף זיין שטייגער – און די מעשה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

— די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען און איך מיט מיין ווייב זענען מיר אַלץ וואָס ווייטער זיך מעהר פאַנאַנדערגעגאַנגען, זי האָט נאָך שטאַרקער זיך איינגעוואוינט מיט דעם ממזר, זענען געוואָרען חבר-לאַפּ, גאַנץ נאָהענטע שמעלקעס און פלעגען שוין ביידע, ווי אַ פּריץ מיט אַ פּריצה, אין די הייזער אַרומגעהן. מיר האָט עס שוין מעהר נישט אַזוי אויסגעמאַכט, דער קאָפּ איז מיר געווען שטענדיג פאַרדרעהט מיט דער האָרבאַטער, געבעך, זי איז מיר קיין רגע פּונ׳ם זינען נישט אַרויס. געדענקט אייך האָב איך געטראַכט, פון מיינעטוועגען חאָטש אין דער ערד, וואַרגט זיך ביידע מיט די הייזער! ביים בעגעגענען זיך אַ מאָל מיט די פּאָר לייט, פלעגט דער ממזר מיך אָנקוקען מיט געשפּעט, עפּיס ווי געזאָגט: איך האָב דיר אָנגעפּייפט גוט, נישקשה... איך האָב געוועהנטליך אויסגעשפּיגען און בין מיר געגאַנגען מיין וועג, טראַכטענדיג ביי זיך: און אַז דו שלעפּסט זיך מיט איהר אַרום, וואָס העלפט עס דיר? אַז זי איז אַ אשת-איש. הע-הע, גוט פאַרטשוואָקעוועט, נישקשה! אָבער איך האָב דיר אויך אָנגעפּייפט, דו ממזר איינער! פּוקע זיך, ווער צוזעצט...

מיט מיר האָט אָנגעהויבען אין די הייזער אַרומצוגעהן איין אַלטעטשקער, פּונ׳ם ממזר׳ס פּעקיל, אַ רשע-מרושע, אַ נאָטקע גנב אַזוי ווי ער. און ער האָט עס געמאַכט מיט מיר גאַנץ גוט. איטליכער האָט איהם געמוזט געבען, אַזאַ רחמנות-פּנים׳ל פלעגט ער קענען מאַכען, אָנווייזענדיג אַלץ מיט אַ קרעכץ טיעף פּונ׳ם האַרצען אויף מיר, ביטערע קאַלעקע. געהייסען האָט עס עפּיס, אַ ווייסטער טאַטע מיט אַ אומגליקליך קינד, געבעך. — הינק, פּישקע, הינק גוט. תכשיט מיינער! פלעגט ער מאַכען, אונטערשטופּענדיג מיך פון אונטען, ביים אַריינקומען אין אַ שטוב. פערקרים דאָס פּניצעל און זיפץ, זיפץ, דו





הונט איינער. זיי וועלען מיר, נישקשה, פאַר דיינס אַ זיפץ בעצאָהלען, אויפ׳ן וועג געהענדיג פלעגט ער מיך אַלץ לעהרנען מאַכען די שפּיל. אָבשפּעטען פון די בעלי-הבתים, אַ קניפּ, אַצופּ טאָן און שילטען מיך דערביי: פאַרחאַפּט זאָלסט-דו ווערען! גאָר אין גוטען מיתה. איינמאָל האָט ער מיר, אין שפּאַס קלאָמפּערשט, נעגעבען אַ באָכענצע אין׳ האַרצען, דאָ אין לעפּעלע, אַזוי אַז איך האָב שיער די ניכפּא נישט בעקומען. די נדבות פלעגט ער געוועהנטליך צו זיך צו-נעהמען און ס׳איז מיר שווער געווען אַ גראָשען ביי איהם אויסצורייסען. וואָס טויג דיר, פּישקע, געלד? פלעגט ער שפּאַסען, אַז דו ביסט אַליין געלד, דו זאָלסט מיר דערלעבען הינקען מיט די פיסעלעך און קרענקען אויף אַלע גלידערלעך ביז דו וועסט מיט׳ן קעפּעלע אָנלעגען, תכשיט מיינער. איינמאָל בין איך צו איהם שטאַרק צוגעשטאַנען, עס האָט מיך געצוואונגען די נויט, און האָב געבעטען חלק מיט׳ן האָרבען חאָרט. אַ קוק געבענדיג, אַז איך מאָן איהם דאָ אַזוי, האָט ער גע-עפּענט אויף מיר אַ מויל: שטום, קרומער הונט! אומזיסט חעסט-דו דאָס פאָדערען ביי מיר אין כויד: אומזיסט וועל איך דיך, אַזאַ נבלה, אַרומפיהרען דאָ? תרבות, שייגעץ! איך וועל דערצעהלען דיין ווייב. איך קען דיך נישט און האָב מיט דיר נישט וואָס צו טענה׳ן, קענען קען איך נאָר דיין ווייב, זי האָט דיך מיר איבערגעגעבען, פון איהר האָב איך אַזאַ סחורה בעקומען און מיט איהר וועל איך שוין מסתמא זיך אָברעכענען...

שלעכט! אַצונד האָב איך גאַנץ קלאָר אַרויסגעזעהן, אַז איך בין ביי דער דאַליאַסטרע אַזוי ווי אַ בער ביי די ציגיינער. מען פיהרט מיך אַרום צו מאַכען מיט מיר די קאָפּעקע. מען האָט ביי מיר צוגענומען מיין ווייב, זי אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין און זי העלפט נאָך זיי אויך אונטער אַקעגען מיר, זי גיט מיך איבער ווי סחורה הולטייעס, גנבים אין די הענד!... שלעכט, ביטער, ס׳איז שוין גאָר אוים וועלט.

איך האָב שוין אַרויסגעזעהן, ס׳איז פערפאַלען, צווישען מיר מיט מיין ווייב וועט שוין קיין לעבען מעהר נישט זיין היינט צו וואָס, האָב איך געטראַכט, זאָל איך מיך דאָ האַלטען? מען בעדאַרף אַנט-לויפען, ווי צום גיכסטען אַנטלויפען. אַ טאָג אַ איבעריגער צווישען אַזעלכע גנבים איז אַ זינד פאַר גאָט, דאָס זענען דאָך מענשען, וואָס האָבען נישט קיין גאָט אין האַרצען, וואָס טהוען נישט קיין האַנד אין

קאַלטע וואַסער אַריין, אַראָבגעוואָרפען פון זיך אינגאַנצען דעם יאָך. װילען נישט וויסען פון קיין אַרבייט, פון דאגת הפרנסה און זיך אויף אַנדערע אָנגעוואָרר . נאָגען, זויגען יודיש בלוט און זענען נאָך זיי דם-שונאים. איך אַ... בין בײ מיר אויך מיאוס אַראָבגעפאַלען, בעטראַכטענדיג מיינע אַלע געננ אין דער גאַנצער צייט צווישען דעם דאָזיגען פעקעל שלעכטע מענשען. גאָר ניט דער אייגענער וואָס פריהער עס האָט צו מיר זיך צוגעקלעפּט פיעל נישט קיין שענע זאַכען פון זיי. איין מיטעל פטור צו ווערען פון אַזוי פיעל צרות און בייז — איז אַרויסצורייסען זיך פונ׳ם מיאוסען פעקיל און וויכען זיי ווי אַ עפּוש. נאָר וואָס טהוט מען אָבער מיט איהר? ווי לאָזט מען איבער זי, די האָרבאַטע מיינע? מיר איז פירגעקומען, חי איך שטעה אין אַ פערדאָרבען אָרט, אַ שרעקליכע גרוב, נאָר אַ גהינם. און איין אויער אַריין שרייט מיר עפּיס אַ קול: פערשפּיל נישט דיין נשמה, פישקע, חי נאָט איז דיר ליעב, אַנטלויף! און אין דעם אַנדערן אויער קלינגט מיר פון דער האָרבאַטער מיינער אַ קול: פישקע, פישקע!... מען בעדאַרף אויסקלייבען איינס פון ביידע: אָדער אַהין אין דער ליכטיגער וועלט, ריין פון זינד, פון צרות און בייז, אָדער דאָ אין דעם גיהנם נאָר אינאיינעם מיט איהר. איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט און... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען פאַר די זינד — איך בין געבליבען ווייטער בײ דער חאַליאַבטרע

שפּעטער ערשט אין אַ צייט אַרום איז מיר אין קאָפּ אַריין אַ געדאַנק מיט דער האָרבאַטער אינאיינעם אַנטרונען צו ווערען פונ׳ם נוטען פעקיל. נאָר דאָס אָבער האָט דאָך אַנדערש נישט געקענט זיין סיידען אויפגעבונדען צו ווערען פריהער פון מיין ווייב. וואָס וועט דער תכלית זיין פון מיין אַרומפיהרען זיך מיט אַ מיידיל גלאַט אַזוי? די וועלט וועט מומלען און טראַכטען גאָט ווייסט וואָס... איין רפואה איז דאָ — גט, נאָר וועט מיין ווייב אָבער, טראַכט איך בײ מיר, וועלען נעהמען גט? זי איז דאָך אַ שלאַק, אַ אָנשיקעניש פון זיין ליבען נאָמען. אַז איך וועל זאָגען גט, וועט זי, מיר אויף צושפּריגעניש, זאָגען: ניין! די גרעסטע הנאה, אין דער לעצטער צייט, איז בײ איהר געווען, מיך צו פייניגען און צו טאָן מיר אין דער גאַל אַריין. פונדעסטוועגען האָט עס מיך נישט אָבגעשראָקען און האָב מיר פירגענומען אַרום דער זאַך צו אַרבייטען מיט גוטען אָדער מיט בייזען, אפשר וועט גאָט





רחמנות האָבען. דערווייל האָב איך די זאַך געהאַלטען בײ מיר בסוד, קיינער זאָל דערפון נישט וויסען.

זינט דער מעשה מיט דעם אַלטעטשקען האָב איך פאַר גרויס פערדרוס מיט קיינעם פון דער חאַליאַבטרע מעהר נישט געוואָלט אין די הייזער אַרומגעהן. דאָס האָט מיך געננוג צרות געקאָסט, נאָר איך האָב מיך איינגעשפּאַרט, מיין טויט זאָל דאָ זיין, וויל איך מעהר קיין בעטלער נישט זיין בײ די דאָזיגע ציגיינער. דער ממזר מיט זיין פעקיל לייט זענען דערמיט שטאַרק נישט צופרידען געווען און האָבען מיר מיט די הענד געוויזען, ווער עלטער איז. שלאָגענדיג מיך איינמאָל, רופען זיי זיך אָנ׳עט: פאַר וואָס-זשע זאָלען מיר דיך אומזיסט פיהרען, שענע סחורה, אַז דו ווילסט נישט אַרבייטען, ווילסט נישט פערדינען? געה דיר אַוועק צו אַלדי שוואַרצע יאָהר! — אַפילו די רגע, ענטפער איך זיי, גיט מיר אָב מיין ווייב, מיין ווייב! — זיי האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געלעכטער. עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס וואָס איך האָב געזאָגט, גיט מיר אָב מיין ווייב, איז נאָר געווען אַ אויסרעד. אין האַרצען האָב איך גאָר געמיינט: האַלט זיך מיט איהר, מיט אייער שטיק סחורה און לאָז זי נעהמען בײ מיר גט. אמת טאַקי, פון די קלעפּ, וועלכע איך האָב געכאַפּט פאַר מיין עקשנות, האָט מיר גוט וועה געטאָן, נאָר דערבײ האָט מיר הנאה געטאָן, טראַכטענדיג בײ זיך: נישקשה! דאָס וועט מיר ניצען צום עסק. אַז זיי וועלען זעהן, איך בין איינגעשפּאַרט און טויג זיי מעהר נישט, וועלען זיי גערן זיין מיינער פטור צו ווערען און דאָס וועט מיר ...ערנאָך העלפען צום גט.

---

# כא

— בתיה! — גיב איך אַ זאָג צו מיין ווייב, צושאַרענדיג זיך צו איהר מיט גוטען איינמאָל, אַז מיר זענען געווען אַליין און געוואָלט אין אַ שמועס מיט איהר אַ טאָפּ טאָן וועגען גט — וואָס האָסט-דו, בתיה, צו מיר?

—ווער די כפרה, פישקע!—בעקום איך פון איהר א קורצע תשובה.

—אט האסט־דו דיר!—מאך איך ווי אנגעפרוגז׳ט זיך—איך מיט איהר אלץ אדרבה ואדרבה און זי אלץ קידער־ווידער: ווער די כפרה, פישקע! פאר וואס!

—בעקום־זשע די ניכפא!—זאגט זי מיט א קרום פנים, אוועקרוקענדיג זיך פון מיר.

— זאלסט מיר געזונט זיין, בתיה!—רוף איך מיך אנ׳עט מיט גומען — ווארף, כ׳לעבען, אוועק דיינע נארישקייטען און לאמיר לעבען ווי גאט האט געבאטען.

— ווער די כפרה, פישקעניו, מיט דער הולטייקע דיינער אינאיינעם!

א־א, ווער די כפרה דו בעסער מיט דעם ממזר דיינעם! טראכט זיך ביי מיר און ארויס מיט דער שפראכע גאנץ ריין: הער־אויס, בתיה! זי זאגט מען עפיס, א בת־ישראל נייט מען נישט. ווילסט נישט קיין לעבען, איז דאך דא דערויף ביי יודען עפיס א גט. רויט אדער טויט!

—אהא, די הולטייקע גלוסט זיך איהם! זיכער פטר׳ן דאס ווייב און האצעניו מיט דער דראבקע! א, נישט דערלעבען זאלט איהר עס. זיכער וועט איהר ביידע מיט׳ן קאפ אנלעגען. נישקשה, עס וועט אידר נישט געשענקט ווערען, דער חצופה דיינער, קייען וועט זי פון מיר די ערד. הערסט־דו, פישקעלע! אין טאטענס טאטענס טאטענס...

מיין ווייב האט זיך צושריגען אזוי, אז איך האב געחאפט די פיס אויף די פלייצעס און אוועק.

מיט מיר איז געשטאנען שמאל. שלעכט ארום און ארום! איך אליין האב קיין האניג נישט געלעקט, בין פערשווארצט געווארען און די הארבאטע, נעבעך, האט אויך געהאט איהר עהרליך אויסקומעניש. זי האט גענאסען אין מיין זכות, מיין ווייב האט זיך פערהאלטען צו איהר, ווי א בעל־הבית׳טע, געהאט איבער איהר צו שאפען. נאר עפיס נישט נאך איהר וואונש, האט זי מיט איהר זיך גוט אבגערעכענט, און דער ממזר פון זיין זייט האט איהר געמאכט א פינסטערן פסק בעזונדער. אז אך און וועה איז אונז ביידע געחען. אונזער גאנצע טרייסט איז געווען, וואס שפעט ביי־נאכט, ווען אלע האבען געשלאפען, פלעגען מיר זיך ארויס׳גנבה׳נען אין דרויסען, צו שמועסען האטש אביסעל און איינער דעם אנדערן אויסצוגיסען דאס שווערע ביטערע הארץ.





איינמאל זיצען מיר זיך אזוי ביידע ביי נאכט נעבען דער גרויסער שודל, דער הימעל איז אויסגעשטערנט און ארום אונז איז שטיל. נישטא קיין לעבעדיג בעשעפעניש. זי זיצט נעבען מיר אויף א שטיין, איינגענורעט, איינגעהייקערט, טרעהרען גיסען איהר זיך פון די אויגען און ברומבעלט פאר זיך שטארק אומעטיג איהר בעקאנט לידעל

דער טאטע האט מיך געקוילעט,
די מאמע האט מיך גענעסען....

איטליכס ווארט איהרס שניידט מיר דאס הארץ ווי מיט א מעסער. איך טרייסט זי, נעהם זי איין מיט גוטע־רעד. אט נאך אביסעל וועלען מיר, אם־ירצה־השם, אויפגעריכט ווערען. איך מאך איהר א גאנצען צעטעל פון אונזער לעבען שפעטער, אז מיר וועלען מיט דעם אויבערשטענס הילף ביידע פון צרות אויסגעלייזט ווערען. איך שטעל איהר אנידער פאר די אויגען אלצדינג לעבעדיג, מאל איהר אוים די גלופסקער געמויערטע באד מיט איטליכס פיצעלע דארט. ווי איך וועל מיך אהין ווייטער אריינדרעהען, און אז גאט וועט דערהויכען דאס מזל, קען איה מיט דער צייט בעקומען דארט א שטעלע פון א היטער. זי אליין קען אפשר אויך מיט דער צייט האבען דארט א טהועכטס: זיין א טוקערין אדער עפיס אנדערש אזוינס. און ווען נישט, קען מען אין גלופסק אויסזוכען אנדערע מיני פרנסות. פאר ארמעלייט איז גלופסק ארץ־ישראל, זו איז אהן עין־הרע גרויס, הייזער זענען דא ווי מיסט. די מענשען זענען אהן הכמות, ווייסען נית פון קיין צערעמאניעס, איטליכער טהוט זיך וואס ער וויל און ס׳איז רעכט. דארט קענען, א שטייגער, גאנץ שענע בעלי־בתים זיך געהן אבגעריסען, אבגעשליסען, פערדריפעט ביז דעם האלז און גארנישט; אדער אין מיטען העלען טאג זיך שפאצירען אויף דער גאס אין עפיס א פארשמאלצעוועט חאלאטיל, צוחראשטעט און גארנישט, אדער פארקעהרט, ארמעלייט קענען גאר אמאל ארויסגעהן אנגעטאן אין זייד, אין סאמעט און אויך גארנישט, דארט איז שווער אונטערצושיידען צווישען קבצנים און נגידים נישט אין דער הלבשה, נישט אין דעם גאנצען פיהרונג. זעהר אפט מאכט זיך, אז גבאים אין אלערליי חברות דארט זענען אליין פאר זיך גאר קבצנים, ציהען זיך דערפון דאס שטיקעל פרנסה אינאיינעם מיט די רייכע, איינער העלפט דעם אנדערען און ס׳איז זיך א גוט לעבען. ארים איז נישט קיין שאנד. מען מעדארף נאר האבען מזל, ווערט מען אויפגעריכט באלד, וויפיעל זענען דא אזוינע, וואס ערשט

נישט לאַנג זענען זיי געווען קליין, נידעריג, משרתים, קבצנים, נעבעך, און פלוצלים געוואָרען לייט, גאַנצע פיהרער, כל-ולך אין דער שטאָדט! מעגליך גאָר, אַז איך אַליין, ווי דו קוקסט מיך אָן, קען מיט דער צייט אויך ווערען אַ טהוער, אַ מאַכער און עם ווערט, אם-ירצה-השם, זיין גוט. מיר וועלען לעבען אין עושר און כבוד און נחת. לאַך נישט, נשמה מיינע, איך בין גאָר ניט צו וויט פערקראָכען. אין גלופסק איז אַזעלכעס גאָר פון די געוועהנטליכע זאַכען, מען בעדאַרף נאָר גלויבען אין גאָט. ביי זיך נישט זיין אַראָבגעפאַלען און זיין אַ יוד... מיט בטחון. אַך, גלופסק, גלופסק! ווי דערלעבט מען שוין זיך אויסרייסען פון דעם מיאוסען פעקיל און גיכער, מאַמע, צו דיר!

—אַך פישקע! איך האָב שוין קיין כוח נישט מעהר אויסהאַלטען—זאָגט די האָרבאַטע מיט אַ זיפץ טיעף פונ׳ם האַרצען, אָנשפאַרענדיג זיך מיט׳ן קאָפ מיר אויפ׳ן אַקסעל און אויף דעם פנים איז איהר געלעגען עפיס ווי אַ געבעט. איך גלעט זי, טרייסט זי און שטאַרק זי מיט גוטע האָפנונגען. זי ווערט אַביסעל פרעהליכער, קוקט מיר גלייך אין די אויגען אַריין און לאַכט.—פישקע! זאָגט זי שטיל, דו בינסט מיין איינציגער אויף דער גאַנצער וועלט, ביסט מיין טאַטע, מיין ברודער, מיין פריינד, מיין אַלצדינג. זעה, פישקע, זיי מיר געטריי און פאַרגעס מיך נישט. שווער מיר דאָ ביי דער שוהל, וואו עס דאַווענען אַצונד די מתים און צווישען וועלכע עס געפינט זיך אפשר אויך מיין טאַטע, וועלכען איך האָב וועניג געקענט, און איז אַ עדות. שווער מיר, אַז תמיד וועסט-דו מיר בלייבען געטריי...

איך האָב מיך אַ נעהם געטאָן שטאַרק קנעלען מיט מיין ווייב וועגען גט, געאַרבייט, גערעדט אַהין-אַהער. ביז צווישען אונז איז אָבגעמאַכט געוואָרען אַזוי: דאָס ביסעל געלד, וועלכס ביי מיר האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין דער גאַנצער צייט, וואָס איך האָב געאַרבייט פאַר מיר אַליין, האָב איך בעדאַרפט איהר אין האַנד אָבגעבען טאַקי באַלד, נישט אַיינצולעגען עם פריהער, ווי דער שטייגער איז, און חוץ דעם האָב איך נאָך זיך מתחייב געווען, דעם גאַנצען ווינטער, וועלכען מיר וועלען דערלעבען, מיך צו לאָזען, נאָר אָהן שום טענות, חברה זאָל מיט מיר מאַכען די שפיל. דאָס הייסט, מיך לאָזען פיהרען אין די הייזער און די נדבות, וועלכע מען וועט מיט מיר מאַכען, געהערען צו מיין ווייב פאַר איהר כתובה. דער ממזר האָט מיט אַ שמייכעלע מיר געבראָכען די ביינער והבל שריר וקים און געזאָגט מזל-טוב. איך





בין ווידער געוואָרען אַ בער, אַ גוט שטיקעל סחורה, דער אַלטעטשקער איז ווייטער טאַקי מיט מיר אין די הייזער אַרומגעגאַנגען און איך האָב אַלץ געמוזט הינקען גוט, זיפצען, קרימען זיך, מאַכען אָנשטעלען, ווי ער האָט מיר געהייסען.

נאָך פסח זענען מיר געקומען ערגיץ אין אַ שטעדטיל, אין חערסאָנער גובערניע, וואו איך האָב די ערשטע צייט געאַרבייט לויט מיין התחייבות, נאָר דערנאָך האָב איך געזאָגט: גענוג! לאָז שוין זיין דאָ טאַקי איין עק. מיין ווייב האָט תחלת זיך געקווייקעלט, געבעטען אַ כאָר טעג זיך מישב צו זיין, צום סוף האָט זי געענטפערט: גוט, מאָרגען נעהמט זי גט. ס׳איז מיר ליכטיג געוואָרען אין די אויגען, אַזוי שטאַרק האָב איך מיך דערפרעהט. פאַר שימחה האָב איך נישט געקענט איינזיצען אויף אַ אָרט. עס האָט מיך עפיס געצויגען אין דרויסען. איך האָב אַ היבשע צייט מיר אַרומגעשפאַצירט אין די גאַסען און איין וועג טאַקי מיט חשק געגאַנגען אויך אין די הייזער, טראַכטענדיג ביי זיך: וואָס קען עס שאַדטען? אויף דער הייסער שעה, ביים אַראָבגעהן פון קעסט, וועט מען בעדאַרפען האָבען עטליכע גראָשען. דער עסק מיינער איז געגאַנגען גוט. אַזאַ „אין די הייזער אַרומגעהן", ווי דענסטמאָל, געדענק איך נישט שוין פון אַ צייט. עס טרעפט זיך אַזוינס איין מאָל אין הונדערט יאָהר. אַז גאָט וויל העלפען אַ מענשען, העלפט ער איהם מיט אַלעמען. אין וועלכער שטוב איך בין אַריין, בין איך לעדיג פון דאָרט נישט אַרויס. דאָס מזל האָט מיר דענסטמאָל געשפילט און האָב בעדאַרפט גראָד טרעפען אין אַ שטוב, וואָס דאָרט איז געווען אַ ברית. דער עולם איז געווען שטאַרק פאַרלעקט, לעבעדיג, פרעהליך, מען האָט מיר געגעבען אַ גוטען טרונק בראַנפען, אַ גאַנץ קידוש-גלעזעל, אויך אַ גרויסען שטיק לעקעך, אַ מלכות-ברויטעל און דערצו נאָך עפיס געלד מיט אַ רויזענבולקעלע. איך האָב מיך איינגעהאַלטען, נישט צו פערזוכען אַפילו קיין ברעקיל און בעהאַלטען די אַלע גוטע זאַכען וויט אין דעם בוזעם, צו ברענגען עס אַ מתנה מיין האָרבאַטע מיידיל. מען האָט בעדאַרפט זעהן, מיט וואָס פאַר אַ פרייד איך בין עס געגאַנגען דעם גאַנצען וועג. אַלץ געטראַכט ביי מיר: היינט ביי נאַכט, אַז דער עולם וועט שלאָפען, וועל איך איהר דאָס געבען. לאָז זי, נעבעך, אויך הנאה האָבען. זי איז נעבאַך פערוויסט, פערוואָגעלט, האָט אַ האַרץ פול מיט מכות. זי האָט נעבעך נישט געהאַט אין איהר לעבען קיין זיסע מינוט. נאַ, לאָז זי וויסען אַז פישקע איז אַ גוטער ברודער, ער זאָרגט זיך פאַר איהר און הי-

די אָפּ׳עט ווי דאָס שוואַרצאַפּעלע אין אויג. ער וועט באַדי אַליין נישט עסען און איהר דאָס לעצטע, דעם בעסטען ביסען אַוועקגעבען. עס האָט מיר זיך געדאַכט, ווי מיר ביידע זיצען נעבען דער גרויסער שוהל און האָבען שטאַרק הנאה. זי עסט, קוויקט זיך מיט דעם לעקעך און איך איהר: נשמה מיינע, לאָז דיר וואויל בעקומען! טראַכטענדיג דערביי ביי זיך: אַ גוטער סימן! הלואי אין גיכען לאָמיר עסען לעקעך ביי אונז... איך זאָג איהר אָנ׳עט די בשורה: מאָרגען ווער איך אויסגעלייזט, מיין ווייב נעהמט גט, און זי שיינט קוועלט נאָר אָן. מיר קלערען, ווי אַזוי שטילערהייט אַרויסצוחאַפּען זיך פון דער האַליאַסטרע און מאַכען אַ פּליטה. ביי אונז ווערט פאַרטיג וועגען דעם אַ גאַנצער פּלאַן און ס׳איז דאָ אַ האָפנונג, אַז עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין גוט... אָט מיט אַזעלכע געדאַנקען בין איך מיר געגאַנגען דעם גאַנצען וועג און מיר פירגעשטעלט גליקען אויפ׳ן וועג האָב איך נאָך בעגעגענט אַ וואַסער־טרעגער מיט פולע עמער, דאָס איז דאָך געוויס אַ גוטער סימן. נאָר וואָס אָבער לאָזט זיך אויס?

עס לאָזט זיך אויס, וועה איז מיר, אַ טייך. איז אַ מענשען בעשעהרט אומגליק, העלפען איהם נישט קיין גוטע סימנים אויך, צעהען גויות אַפילו זאָלען איהם מיט פולען איבערגעהן דעם וועג. אַז איך בין פאַרנאַכט געקומען צוריק אין הקדש, האָב איך שוין דאָרט נישט געטראָפען די חאַליאַסטרע!... אין דער צייט, וואָס איך האָב מיר לוסטיג אַרומגעשפּאַצירט אין דער שטאָדט, זענען די שענע לייט דערווייל אַוועקגעפאָהרען און מיין ווייב, אויך מיין האָרבאַטע, נעבעך, מיט זיי... דאָס איז שוין געוועזען דעם ממזר׳ס מלאכה, זיינס אַ שפּיצעל.—זאָל ער אַזוי וויסען פון זיין לעבען צו זאָגען, ווי איך האָב דענסטמאָל געוואוסט. אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. זאָל איהם, רבונו של עולם! אַזוי דרעהען אינווייניג אין בויך, ווי מיר האָט זיך געדרעהט דער קאָפּ. חושך און פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען, פינסטער איז מיין וועלט. דאָס איינציגע שטערענדל, וואָס האָט מיר געשיינט, איז פלוצלים פערשוואונדען געוואָרען. נישטאָ, וועה איז מיר, נישטאָ מיין טרייסט! נישטאָ מיין האָרבאַטע, נעבעך!... איך בין ווייטער עלענד ווי אַ שטיין, איינער אַליין אין דער גאַנצער וועלט. און זי? וואו איז זי, וואָס טהוט, נעבעך, זי, זי?... פאַר וועמען וועט זי קענען, כאָטש אַ מאָל אויסוויינען, אויסגיסען איהר שווער ביטער האַרץ. אוי, יודען! אַ וועהטאָג. ס׳איז מיר אַ וועהטאָג טאַקי אין צוויען!





אַרויסנעהמענדיג שפּעטער פונ׳ם בוזעם דאָס שטיקעל לעקעך, וואָס איך האָב איהר עס אָנגעגרייט, איז מיר געוואָרען אַ לאַך אין האַרץ. איך האָב עס געהאַלטען שטייף, אָבגעגאָסען עס מיט טרעהרען, ווי עפּיס אַ זאַך, אַ זכר, וואָס בלייבט איבער נאָכ׳ן טויט פון אַ געליבט קינד, פון אַ איינציג קינד. נישט בעשעהרט דיר צו פערזוכען עס, צו דערקוויקען זיך איין מאָל אין דיין לעבען, אומגליקליכע, בידנע נשמה מיינע! איך קוק, קוק אויפ׳ן שטיקעל לעקעך, קוש עס, וויקעל עס דערנאָך איין ווי איין אבן־טוב און בעהאַלט עס ווידער אין בוזעם, טאַפּענדיג עס אָפט און צו־קוועטשענדיג עס צום האַרצען... ווייס איך, וואָס מיר איז געשעהן?!...

## כב

פישקע האָט ביי זיינע לעצטע ווערטער אַרויפגעלעגט ביידע הענד אויפ׳ן פּנים, זיך אַוועקגעקעהרט אין דער זייט און געחליפּעט. מיר האָבען געפיהלט זיין האַרץ און איהם געלאָזט צורוה. אויף אונז אַליין איז אויך אָנגעפאַלען אַ מרה־שחורה, מיר זענען געבליבען זיצען שטיל, איטליכער פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען. אַלטער מיינער האָט זיך אַלץ געקראַצט אין דער פּאָה, געפיהרט די האַנד איבער׳ן פּנים, אָנהויבענדיג פונ׳ם שטערען און אויסלאָזענדיג מיט דער באָרד, וועלכע ער האָט אַרומגעחאַפּט מיט אַלע פינף פינגער און געמאַכט דערביי: עט, עט!... מען האָט געזעהן, ער איז צוטראָגען, מיט איהם איז עפּיס נישט גלאַט. איך אַליין בין עפּיס געוועזען אויך צודרעהט, פישקעס געשיכטע האָט מיך געקאָטערט. נאָך גאַנץ לאַנג האָב איך פיעל מאָל ביי מיר געטראַכט: רבונו של עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס, זיין פערליאַפּעט? עפּיס האָב איך געהערט, עס טרעפט זיך אַמאָל אַזעלכס, נאָר וואָס דאָס איז, האָט מיין מוח נישט גענומען. ביי אונז פלעגט מען אויף אַזעלכע זאַכען געוועהנטליך זאָגען: ס׳איז אַ אָבגעטאָנענע זאַך, אַ כישוף, עפּיס אַזאַ מין פלעשעלע איז דאָ דערצו, עפּיס אַ מין קרייטעכץ

פון אַ אַלטער גויה, אַ מכשפה׳טע. און דאָס וואָס אַלטע מכשפה׳טעס
זענען פאַרטיג אָבצוטאָן אַזעלכע שפּיצלעך, אויך אַראָבצוברייגנען רייטעני-
דיג אויף אַ בעזעם דעם מאַן, וואָס האָט אָוועקגעוואָרפן דאָס ווייב, די
געמאַכט פאַר אַ עגונה—דאָס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, דערויף
זענען דאָך דאָ אַ סך עדות: כשר׳ע יודען מיט בערד... פערליאַפּעס
זיין האָט בײַ אונז געהייסען עפּיס אַזאַ מין שלאַפקייט, ווי קדחת,
אַ שטייגער, אַ דבוק, אַ מאַנקאָליע, די ניכפּה, די שלעכטע זאַך, וואָס
דערצו איז טאַקי נאָר אַ בעל-שם אָדער, להבדיל, דער טאָטער. בײַ
אַ שמועס דערפון פלעגט מען זיבען מאָל אויסשפּייען, אָנגעהמענדיג
זיך בײַ די בערמען, און מאַכען דערבײַ מיט אַ פערקרימט פרום פּנים׳יל,
נישט-דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין יודישע קינדער געדאַכט!... אויך
איז אַ מצוה געווען צו לאַכען אויס יענע פערליאַפּעטע ווי דער שטייגער
איז צו לאַכען אויס אַ משוגענעם. אַזאַ שלאַפקייט אָבער, געדענק איך,
ווען עס האָט זיך געמאַכט, האָט זיך עס געמאַכט סיידען נאָר בײַ
די גרויסע נגידים, אָדער בײַ די גרויסע קבצנים. אין בעל-הבית׳ישען
גראַד אַקעגען האָט מען נישט געוואוסט אַפילו מיט וואָס מען עסט
עס.—דאָס איז דאָך האָב איך אָפט בײַ מיר געטראַכט אַוואונדער פאַר
וואָס איז דאָס אַזוי? און וואָס איז דאָס אַזוינס? עס מוז דאָך האָבען
אַ טעם. פון דער אַלטער גויה איז נאַרישקייטען, ווי דאָס פלעשעלע דער טעם
איך בין קיינמאָל דערמיט נישט צופרידען געווען, הגם יודען האָבען
עס געהאַלטען פון מיר פאַר אַ שטיקעל אַפּיקורסות—סטייטש, ווי גלויבט
מען עס נישט אין כישוף, אין דעם טאָטער, אין שדים! איך האָב
געזוכט בײַ מיר, געזוכט אַ טעם און, דאַכט זיך, געפונען. גרויסע נגידים
איז אויף דער וועלט צו גוט, האָבען אַלצדינג, עסען, טרינקען דאָס
טייערסטע, דאָס בעסטע אָהן זאָרג, אָהן קאָפּדרעהעניש, עס נעהט זיי
אָב נאָר קדחת—דעריבער ליגט זיי אין זינען צו מאַכען קוצעניו-מוצעניו-
ערנסט, אָדער גלאַט אַזוי אַ שפּילכען? דאָס איז שוין זייער סוד-
חידער-זשע די גרויסע קבצנים פון דער אַנדערער זייט, זיי איז אויך-
אויף זייער שטייגער, גוט. האָבען גאָרנישט, קדחת וואָס אַיינצושטעלען-
עסען קעסט בײַ דער וועלט אָהן קאָפּדאַרעניש און קומען אויפ׳ן גריי-
טען. בושה אין דער זייט! דעריבער גלוסט זיך זיי אויך אַזעלכע מעשיות-
שטענדיגע עסקים פון דרעהען זיך און מיני חתונות איז געוועהנטליך
נאָר אין דעם הויכען און אין דעם נידעריגען שטאַנד. דער איבעריגער
עולם אונזערער, פונ׳ם מיטעלען סאָרט מענשען, איז תמיד פערטראָגט





אין דייזשע באָרשטש. איהם דאַרט דער קאָפּ פאַר דעם שטיקעל ברויט,
זוכט פרנסה. בײַ איהם איז ראשית חכמה געשעפט. אַלצדינג—געשעפט,
חתונה האָבען איז אויך אַ געשעפט. ער האַנדעלט איין אַ ווייב,
דינגט זיך פריהער גוט אויס וועגען דעם מקח, וועגען נדן, וועגען
איטליכס פּיצעלע בעזונדער, אַלצדינג פּינקטליך אויסגערעבענט. אַפילו
אַ שטריימעל און די שבת׳דיגע קאַפּאָטע מוז אויך שטעהן בפירוש אין
די תנאים. זענען די תנאים דערפילט געוואָרען, כפי דעם מדובר, קוס-
זשע, כלה-לעב, אונטער דער חופה מיט דעם שדכן, מיט דעם בדחן,
מיט דעם גאַנצען פעקיל כלי-קודש, וואָס לעקען פונ׳ם געשעפט אָב
אַ ביינדעל. זיי אַ ווייב, האָב קינדער, רייס קריעה און ווער פערשוואַרצט
מיט מיר אינאיינעם ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אויב דיר גלוסט
זיך לעבען, נישט שטאַרבען פאַר דער צייט. אויב דו ביסט שען
אָדער מיאוס, קלוג אָדער אַ נאַר, דאָס איז שוין דיין עסק, פון מיינעט-
וועגען איז אַלץ איינס, אַ פלונית׳טע איז אַ פלונית׳טע. מיר זענען נישט
קיין פריצים, האָבען נישט קיין צייט צו-קוקען צו זיך אַזעלכע זאַכען, יודען
זענען מיר, סוחרים, מעקלער, קרעמער, טרוד אין דער פרנסה! —
זעהר פיעל זענען דאָ פון מיין גראַד יודען, וואָס רעדען כמעט נישט,
עסען נישט בײַ איין טיש מיט די ווייבער, קוקען זיי ווייניג אָן, און
ס׳איז גאַנץ רעכט. ביידע צדדים זענען צופרידען און ווינשען, ווען עס
קומט אויס אַ מאָל, הלואי אַזאַ לעבען אויף אַלע גוטע לייט און אויף
זייערע קינדער געזאָגט געוואָרען! שטאַרבט בײַ איינעם דאָס ווייב,
בעגראָבט ער זי, זיצט נאָך איהר שבעה גאַנץ יודישליך און האַנדעלט
באַלד טאַקי און אַ צווייטע פריהער, נאָך, אַ מאָל, פאַר שלשים. און אויף
אַזאַ שטייגער אויך די דריטע, פירטע, די פינפטע... ביז דער אַלטער
יודענע, וועלכע ער נעהמט צום לעצט אין די אַלטע געשיינקטע
יאָהרען, אונטער דעם אויסרעד געוועהנטליך, מיט איהר אין ארץ-
ישראל אַריין צו פאָהרען. הייסען הייסט עס בײַ יודען די גאַנצע חתונה,
מקיים זיין אַ מצוה, ווי גאָט האָט געבאָטען... ווי,
אַ שטייגער, דעם יודענס עסען שבת איז נישט גלאַט גראָב פרעסען
וועגען דער אכילה, ווייל אַ זינדיגער מענש בעדאַרף עסען, נאָר וואָס
דען עס הייסט מקיים זיין שלש-ם עודות; דעסגלייכען אויך דאָס
גלעזעלע וויין פּסט בײַם סדר, טרינקט עס דען אַ יוד גלאַט משונה
גראָב, ווייל אַביסעל וויין איז מחיה און נאָך די קניידלעך טאַקי גאָר
אַ דערקוויקעניש? חלילה! ער מאַכט דערבײַ מיט אַ פערפרומט פּנים׳ל:

הריני מוכן ומזומן—איך בּין מיר גרייט, איך בּין מיר בּרייט מקיים זיין די מצוה כּוס׳ען: דעם ערשטען, צווייטען, דריטען, פערטען כּוס... אונזער איינער עסט, טרינקט, האָט חתונה אַלץ מיט אַ לשם־יחוד, צוליב קודשא־בּריך־הוא און דער שכינה.—נאָר דאָס אַלצדינג איז אָבער נישט געזאָגט געוואָרען אויף פּישקען. אין זיין שלעכטער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז דאָס האָרבּאַטע מיידיל פאַר איהם געווען אַ גליק, זיין טרייסט, זיין לעבען, זיין אַלץ מיט־איינאַנדער. אַז מען טריינקט זיך, האַפּט מען זיך אָן פאַר אַ שטרוי. הײנט וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, ווי פּישקע האָט זיך אָנגעחאַפּט אין דער האָרבּאַטער מיט זיין גאַנץ לײב און לעבען און איז צו איהר צוגעוואַקסען געוואָרען? אַז עס ריהרט אָן בּיי דער נשמה, דענסטמאָל שרייט דאָס האַרץ, שרייט. רעדט אײנע ווערטער בּיי אַלע מענשען גלייך. דאָס לשון פונ׳ם האַרץ איז איין לשון פאַר גרויס און קליין, פאַר דעם געלעהרענטען און פאַר דעם גראָבען מענשען—וואָס־זשע איז פאַר אַ וואונדער, אַז פּישקעס האַרץ האָט זיך דאָ אויסגעגאָסען אין אַזעלכע הייסע געפיהלען, רײנע מענשליכע ווערטער? דעריבּער טאַקי האָבען זײנע ווערטער געריהרט מיך צונומען ווי אַ פידעלע, וואָס רעדט, שפּילט אומעטיגע שטייגער. אַלע בּעלי־דרשנ׳ים און מוסר־ספרים אינאײנעם האָבען קיינמאָל מיך אַזוי נישט געריהרט, געמאַכט ווייך, גוט און פרום, ווי אַ קרעכץ פון אַ צובּראָכען האַרץ, ווי דעם כּלי־זמר׳ס אַ שפּיל אויפ׳ן פידעלע...

מילא גאַנץ רעכט, איך בּין שטאַרק געריהרט פון פּישקעס דערצעהלונג, בּין איך מיר דעריבּער פערטראַכט, אָבער דו, פערדיל מיינס, פאַר וואָס בּיסט־דו פערטראַכט? אַ גאַנג אַבּיסעל, משטיינס־געזאָגט, קיים וואָס ער ריהרט זיך, עס זאָל איהם דאָס אָנהויבען אַרען, וואָס אַט בּאַלד איז תשעה־בּאב און מען בּעדאַרף זיך אײלען מיט קינות אין אַ סך שטעדטלעך. ער געהט גאָר נישט מיט דעם גלייכען וועג, פערקריכט אין דער זייט נעבען דער תבואה, שטעלט זיך צו־ווײלען אָב און שטשיפּעט גראָז. די שענע שקאַפּע איז ניט בּעסער פון איהם, טהוט איהם נאָך און חאַפּט אויך אַ קיי. דאָס אייגענע טאַקי וואָס אין חדר, אַז דער רבּי פערקוקט זיך אַמאָל אין דער זייט, פערוויגט דאָס קינד, אָדער האַמפּערט זיך מיט דער רביצין, פערקוקען זיך אויך די תלמידים און פאַלשעווען אין דעם לערנען. איך טהו די רפואה, וואָס דער מלמד, נעהם די בּייטש און טהו אַ וויז דעם שלימזול מיינעם, זאָגענדיג איהם דערבּיי מוסר. ער שטעלט אויף די





אויערען, שטרעקט אויס דעם האַלז, שמעקט אַרויס אַ שפּיץ ציגנעל, דריגעט מיט אַ הינטערסטען פוס און שמייסט נעגען מיר מיט דעם וויידיל.—אַי, דו בּיסט אַיין עזות־פּנים! רוף איך מיך אָן און בּין איהם שוין טאַקי גוט מכבּד מיט דער בּייטש. ער האָט אַפילו נישט געחאָלט ליידען, מאַכט אַ פערדישען קוממיות, אַ הייב מיט דעם הינטען און נעהאַט בּדעה אויסצושטרעקען זיך אויף דער ערד. נאָר ער האָט זיך בּאַלד מישב געווען, אַ ציה געטאָן מיט אומפּעט דעם וואָגען און אָנגעהויבען זיך ווייטער צו שלעפּען.

מיר אַלע זענען דערווייל צו זיך געקומען. אַלטער האָט אונטערגעטריבען אויף זיין שטייגער, פּישקע הויבּט אָן אויף זיין שטייגער, איך נאָך איהם טאַקי אַרבּייט, פערטייטש אויף מיין שטייגער און די מעשׂה דערצעהלט זיך ווייטער אַזוי:

—איך וועל אייך דאָ נישט קיין ים בּרייען. איינער אַליין האָב איך מיך דערנאָך אויף אַדעסער טראַקט געלאָזט, געטראַכט, טאָמער וועל איך מיינע לייט דאָ בּעגעגענען, אָדער הערען עפּיס וועגען זיי. נאָר אומזיסט די מיה, זיי זענען ווי אין וואַסער אַריין. דאָס לעבען איז מיר נמאס געוואָרען פון שטענדיגען אַרומשלעפּען זיך. איך האָב גע׳חלש׳ט אויסצורוהען זיך אַבּיסעל, זיצען אויף איין אָרט, ווי איך בּין געוועהנט געווען פריהער. גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב מיך לסוף פאַרשלעפּט קיין אַדעס.

די ערשטע פאָר טעג איז אַדעס פאַר מיר געווען אַ טויט. איך האָב מיך דאָרט אַרומגעדרעהט עלענד, פרעמד, אַליין נישט צו־וויסען, וואו מיך אַהינצוטאָן. אַלצדינג איז פאַר מיר געווען ניי, עפּיס ווילד משונה. קיין הקדש, ווי אין אַנדערע יודישע שטעדט, האָב איך דאָרט נישט געפונען, הייזער אויף אַרומצוגעהן אויך נישטאָ. בּיי אונז אין די יודישע שטעדט זענען דאָ הייזער, טאַקי וואָס הייזער הייסען, גירעריגע, אָהן חכמות, אָהן קונצען, מיט די טירען צו דער גאַס. איין קליין שטופּעלע די טיר, קומסט־דו גלייך אין שטוב אַריין, בּרויכסט נישט מאַכען קיין גרויסע צערעמאָניעס, אָט איז דאָס גאַנצע בּעל־הבּתישקייט, אַלצדינג וואָס נייטיג איז צו עסען, צום שלאָפען. בּעדאַרפסט אַבּיסעל וואַסער, האָסט־דו עס, בּעדאַרפסט די פאָמיניצע, איז זי דאָ, וואַש די הענד און זאָג דיר אַשר־יצר, וויפיעל דיין האַרץ גלוסט. אָט איז דער בּעל־הבּית, די בּעל־הבּית׳טע, דאָס הויזגעזינד, זאָג: גאָט העלף! שטרעק אויס די האַנט, בּעקומסט־דו דיר דיין נדבה.

אַ קוש די מזוזה און געה דיר געזונטערהייט ווייטער.—היינט איז טאַקי נאָר פון דרויסען גרינג צו דערקענען אַ יודענס הויז. דאָס בערגעלע מיסט, דאָס רינשטאָקיל, די פענסטער, די ווענד, דער דאַך שרייען: דאָס איז אַ יודיש הויז. אין דעם ריח אַליין דערקענט איהר, אַז דאָ זיצט אַ יוד... אַקעגען־ושע דאָרט אין אַדעם זענען די הייזער, משטיינס־געזאָגט, עפּיס ווילד, הויך אומגעלומפּערט. דער גאַנג איז געוועהנטליך דורך אַ טויער אין אַ הויף. דאָרט קריך אויף טרעפּ, זוך אַ טיר. האָסט־דו שוין געפונען אַ טיר, איז זי גאָר פערשלאָסען, עפּיס איז זי מיט אַ גלעקיל, מיט גאַנצע צאַצקעס. דו בלייבסט ביי דיר עפּיס אַראָבגעפאַלען, פיהלסט, אַז דו ביסט אָרים, נידעריג, האָסט קיין פּנים נישט, שטעהסט אַ רגע דערשלאָגען, מאַכסט דיר דערנאָך הארץ, נעהמסט זיך מיט גרויס דרך־ארץ פאַר'ן גלעקיל, עס ציטערט דיר אָבער די האַנד. טהוסט אַ קליין ציהעלע, כמעט ווי גאָרנישט, שרעקסט זיך עפּיס אַליין פון דיין ציהעלע, גלייך ווי דו וואָלסט אַרויס אַקעגען יענעם מיט אַ גראָב וואָרט, איהם געשאָלטען אין טאַטען אַריין, און טראָגסט זיך באַלד טאַקע אָב... טאַפּסט דו אַ מאָל אָן ערגיץ עפּיס אַ אַנדער גאַנג, פאַלט אויף דיר אָנ'עט אַ קעכנע, אַ בע־דינטער, אָדער עס לאָזט זיך גאָר אויס, דאָ זיצט נישט קיין יוד. וואָס הייסט עס! וואונדערסט דו זיך שטאַרק, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָדט? וואָס זענען עס פאַר הייזער? וואו זענען עס אונזערע אָרמעלייט מיט די טאָרבעס? איך האָב מיך אַרומגעבלאָנקעט אין די גאַסען, זיך גוט צוגעקוקט צו אַלצדינג דאָרט, טאָמער וועל איך זעהן עמיצען מיט אַ טאָרבע, אויסצופרעגען איהם מכח דעם עסק, ווי אַזוי מען געהט דאָ אין די הייזער אַרום. נאָר ווי אויף צו־להכעיס האָב איך נישט בעגעגענט קיינעם. און ווי איך דרעה מיך דאָ אַזוי אַרום, בעמערק איך פונדער־ווייטענס עפּיס אַ יונגען־מאַן, געקליידעט דייטש, געהט ווי איינער, וואָס ווייסט נישט דעם וועג, קוקט אויף די הייזער און וואַרפט זיך אין אַלע זייטען גאַס. דער דאָזיגער פאַרשוין, טראַכט איך ביי מיר, מוז נישט זיין קיין היגער, מען בעדאַרף איהם נאָכגעהן, זעהן, וואָס ער טהוט. ער געהט אַריין אין אַ הויף, איך נאָך איהם. ער זוכט און לאָזט זיך דערנאָך אַרויפגעהן אויף אַ טרעפּ, מיינער—אויך אַרויף. ער געהט אַריין אינוועניג אין אַ פאָדער־חדר, מיינער שטעלט זיך אויף יענער זייט נעבען דער טיר. עס דויערט נישט לאַנג קומט אַרויס איינער, אַ געגאָלטער, עפּיס גאָר אַ פריץ, אַ פּנים. דאָס איז דער בעל־הבית.





דער יונגער־מאַן גיט איהם עפּיס אַ ביכעל, אַרויסנעהמענדיג עס פריהער פון אַ קעשענע, בּרייט און לאַנג ווי אַ טאָרבע. דער געגאָלטער טהוט אַ בליק אויף דעם שער־בלעטיל און וואַרפט עס באַלד טאַקי דעם יונגען־מאַן צוריק, פערקרימענדיג זיך מ״ה אַ בייזער: לאָזט מיך צורוה מיט אייערע שמאָכטעס! מיר טויג עס כלל נישט. דער יונגער מאַן טענה'ט, לויבט זיך אין טאָג אַריין, ער האָט געמאַכט עפּיס אַזוינס גאָר אַנטיק. עס העלפט איהם אָבער נישט און ער געהט, נעבעך, בבושה וחרפה אַרויס, מיינער אַריין און בעט פשוט אַ נדבה. איך בעקום באַלד עטליכע גראָשען און רוק מיך געשווינד אַרויס מיט אַ פרעהליך הארץ. אַצונד, טראַכט איך מיר, בין איך אויף דעם אמת'ן וועג. גאָט שיקט צו דעם שפינער זיין פלאַקס, דעם שיינקער זיין ביער און דעם אָריממאַן דעם גר זיין וועגווייזער. מען בעדאַרף איהם פונ'ם אויג נישט אָבלאָזען. איך געה דעם פאַרשוין נאָך שטילערהייט, ווי אַ קוה אַ קעלביל, וואו ער, דאָרט בין איך. איהם געהט עס שלים־שלימזל, אומעטום חאַפּט ער, נעבעך, זיין פסק, דאָ אַזוי: נישט אויסצוהאַלטען, ווי זיי האָבען זיך היינט צולאָזט! און דאָרט אַזוי: געהט אייך געזונטערהייט, מיר בעדאַרפען אַזעלכעס נית האָבען! דער שפּיץ איז, ער געהט אַוועק צוקאָכט מיט לעדיגע הענד און מיר געהט עס, אָהן עין־הרע, גאָר נישט שלעכט. איך נעהם אַ גראָשען, אַ צווייער, אַ דרייער, וויפיעל מען גיט.

— וואָס איז דאָס, וואונדער איך מיך, פאַר אַ מין אָריממאַן אַזוינער?! אין מיין לעבען האָט מיר אַזעלכס זיך קיינמאָל נישט געחלומט. אַ פּנים, דאָ איז אַזאַ מנהג—אָרימעלייט מיט ביכלעך. ניי־מאָדישע קבצנים און נאָך אָנגעטאָן דייטש! נאַראָנים, צו־וואָס בעטלען מיט ביכלעך און האָבען אַ פייג, אַז מען קען בעטען נדבות פשוט אַזוי! איך בין זיך נוהג ווי אונזערע זיידעס—געה מיר אין די הייזער פשוט אָהן חכמות און מאַך עס בעסער ווי אַנדערע מיט די ביכלעך. נאָר ווי די מעשה איז, אויב זיי זענען נאַראָנים אָדער נישט, דערווייל האַלט איך מיך פעסט אין מיין קבצן מיט די ביכלעך, געה איהם נאָך שטילערהייט פוס־טריט און היט מיך ווי ווייט נאָר מעגליך, ער זאָל מיך נישט זעהן. תחלת איז דאָס געגאַנגען גאַנץ גוט, נאָר שפּעטער האָט ער, אַ פּנים, בעמערקט ווי איך שלעפּ זיך איהם נאָך און דאָס איז איהם שטאַרק נישט געפעלען. ער האָט אָנגעהויבען זיך אָפּט אַרומצוקוקען, אָבצושטעלען, און געזוכט ווי מיינער פטור צו ווערען. איך האָב מיך געמאַכט תם, געקוקט אין דער זייט קלאָמפּערשט, ווי

נישט איהם מיין איך, און נעה מיר מיין וועג. נאר אין הארצען האב איך געטראכט: ניין, דו וועסט זיך ביי מיר נישט אויסדרעהען, ברודערל וועו דו טויגסט נישט קיינעם און דיר אליין אויך נישט, טויגסט־דו אבער מיר. א רבי ווי אין די הייזער ארומצוגעהן ביסט־דו זעהר א גוטער, חכם מיינער!.. צום לעצט האט זיך מיט אונז געמאכט אין איין שטוב אזא מעשה: דער בעל־הבית האט זיך געקליבען עסען מיטאג און פלוצלים קומט אן מיין קבצן מיט די ביכלעך. עס הויבט דעם זיך אן א טענה'ן פון ביידע צדדים: איינער וויל אריינדרעהען, אנדערען, א ווארט פאר א ווארט, דער בעל־הבית ווערט שוין גוט אין כ׳ס. בעליים מיינעם צו דער טיר אביסעל גראבליך, דערזעהט דארט מיך און שיקט אונז ביידע אב צו אלדי־שווארצע־יאהר. דער בשותפות'ער פסק אונזערער האט שוין ממילא געפיהרט דערצו, מיר זאלען איינער מיט דעם אנדערען זיך בעסער דערקענען. ביים אראבגעהן פון די טרעפ קוקט מיך אן מיין חבר עפיס שטארק אנגעברוגזט. איך פערדרעה דעם קאפ אין דער זייט און גיים נישט וואס צו טאן. איך ווארט, ער זאל געהן פריהער. מיר שטעהען אזוי אוועק עטליכע מינוט און ביידען איז נישט גוט. מיין שותף טהוט מיר דערנאך א פרעג:

—וואס ווילט איהר, ר׳ יודל?

—גארנישט!—ענטפער איך—דאס אייגענע וואס איהר.

—דאס אייגענע וואס איך!—מאכט מיין שותף, אויסמעסטענדיג מיך מיט א קוק פון קאפ ביז די פיס זעהר פערוואונדערט—איהר זייט אויך א מחבר?

איך האב געמיינט, מחבר איז עפיס א דייטשעס ווארט און עס הייסט וואס ביי אונז אויף פּראסט יודיש קבצן, זיינער א חבר אין דער פרנסה. דעריבער ענטפער איך איהם אפ'עט באלד טאקי אויף טייטש:

—יא, א מחבר.

—וואס האט איהר עפיס געמאכט?—טהוט ער ווידער א פרעג.

—איך האב געמאכט גאר נישקשהדיג—ענטפער איך, טראכטענדיג ביי מיר: אויף אייך געזאגט געווארען!— א פערציג גראשען האב איך געמאכט.

—ווי הייסט איהר חבור?—גיט ער מיר נאך אמאל א פרעג.

ווייטער טייטש, טראכט איך מיר. ער פרעגט זיכער: ווי הייסט איהר קבצן, חבר מיינער





—פישקע!... טו איך א זאג קורץ און שארף.

—קען איך האבען דעם כבוד מיט פישקען בעקאנט צו ווערען?—מאכט ער עפיס מיט א זיס חנ'דעלע.

—אך, מיט אלע כבוד'ן, זעהר אנגעלייגט, כ'לעבעו, זאג איך, אנקוקענדיג איהם גאר פריינטליך.

—נו, וואו איז ער, דער חבור?

— אט בין איך דאך טאקי אליין דא פאר אייערע איוגען, זאלט איר מיר געזונט זיין! —

—געהט צו אלדי שווארצע יאהר!—טהוט ער אויף מיר א געשריי און פליהט אוועק געשווינד און אין כעס.

אז איך בין ארויס פונ'ם הויף, זעה איך, מיין שותף לויפט ווי א משוגענער, ער איז שוין גאנץ ווייט, טהוט זיך פלוצלים א נעהם אין א געסעלע און איז פערשוואונדען געווארען. איך בין געבליבען שטעהן עפיס ווי אויסגעפאטשט און וואונדער מיך, וואס איז דאס פאר א מין נפש. גאר א משוגענער טאקי. אט איז ער גוט, פלוצלים קומט איהם אן דער שגעון און ווערט אנגעצונדען! דאכט זיך, איך האב איהם גארנישט געזאגט אזוינס. איך האב איהם געענטפערט טייטש מיט זיין לשון. נאט אייך נייעס, מחאבאר, חיבארים! ביי אונז אויף יודיש הייסט עס פראסט קבצן טארבע, איבעריגענס חאפט איהם דער האטעל־מאכער!.

---

## כג

אין א קורצער צייט ארום האב איך מיט אדעם מיך שוין בעסער בעקענט, בין קלאר געווען אין די אלע ווינקעלעך און הינטער־געסלעך, געחאפט דעם סטריה און געוואוסט, וואו עס עפענט זיך א טיר. אדעם איז ווי א טאבעקערקעלע מיט א סעקרעט, מען ברויכט א וויסען די שפרונזשינקעלע, וואו צו געבען א קוועטש דענסטמאל

עפֿענט עס זיך גרינג אויף, מען שטעקט אַריין די פֿינגער און נעהמט אַ גוטען שמעק טאַבאַקע. עס האָט זיך פֿאַר מיר געעפֿענט אַ קוואַל פֿון הייזער, אַזעלכע וואָס פּאַסען צום עסק, מיט אַלע גוטע מעלות חוץ בײַ אונז. אָרמעלייט האָב איך שוין געפֿונען וויפֿיעל דאָס האַרץ גלוסט, גאַנצע מחנות פֿון אַלערלײַ סאָרטען: אָרמעלייט מיט טאָרבעס, אָרמעלייט אָהן טאָרבעס, אַזעלכע וואָס ערגיץ נישטאָ נאָר אין אַדעס. ירושלמי׳ס, פֿריינקען, טערקישע און פּערסישע יודען, וואָס פּלאַפּלען לשון־קודש; אַלטע יודען, קבצנים מיט ווייבער, אויך אָהן ווייבער, וואָס פֿאָהרען אויף דער עלטער שטאַרבען אין ארץ־ישראל און עסען דער־וויל דאָרט קעסט, קינדלען, לעבען אויף דער וועלטס רעכענונג; עגונות, יודינעס מיט ספּאַזמעס, יודען געבראָכענע מיט מיחוש׳ן וואָס קומען זיך היילען אין דעם לימאַן. מקבלים אַלט־פֿעטערישע, וואָס רייבען זיך אַרום פּראָסטע יודען אין די בתי־מדרשים, און מקבלים פֿון היינטיגער וועלט מיט געגאָלטע בערד, וואָס רייבען זיך אַרום די בראָדער, פּראַנצויזען אין די קאָפֿיינעס און טראַקטירען. אביונים אָב־געפֿיינטע, אויסגעפּוצטע ווי די נגידים, אַזעלכע טאַקי, וואָס האָבען להלוטין גאָר נישט און אַזעלכע וואָס האָבען, דאַכט זיך, הייזער און דאָך גרויסע דלפֿנים, מיאוסע קבצנים... וויפֿיעל אָרמעלייט איך האָב בעגעגענט פֿון אונזער ווינקעל, האָבען נישט געקענט נענוג אָבלויבען אַדעס, הגם איך ווייס נישט די גליקען זייערע דאָרט. איינער האָט מיר געגעבען צו פֿאַרשטעהן, וואָס דער גאַנצער חילוק איז צווישען אַ אָרימאַן בײַ אונז און די שטעדטלעך און אַזעלכע דאָ. דאָרט עסט דער אָרימאַן דאָס טרוקען שטיקעל ברויט פֿערפֿינסטערט, פֿערזאָרגט און דאָ עסט ער טאַקי אויך דאָס אייגען שטיקעל ברויט, נאָר אַ קאַ־טערינקע שפּילט איהם דערבײַ צו. אין אַדעס שפּילט די קאַטערינקע אַ גרויסע ראָליע. אויף דער גאַס אַ קאַטערינקע, אין די הייזער אַ קאַ־טערינקע, אין די טראַקטירען אַ קאַטערינקע, אין די קאָמעדיעס אַ קאַ־טערינקע, אין שוהל להבדיל—פֿע! — אויך אַ קאַטערינקע. שטענדיג איז אין אַדעס נאָר אַ קאָכעניש, הו־האַ! עס קאַטערינקעט זיך, עס שפּילט, עס זינגט און עס פֿייפֿט. דאָרט אין אַ טראַקטיר זעהסט־דו אָפֿט, זיצט אַ שכּור און קרעכצעט, זינגט „קראַסנאַיאַ דיעוושקאַ“, זייערס אַ מין לידעל, אַקעגען זיצען פֿערבּוס׳עטע יודען, זינגען אַ שטיקעל פֿון זמירות, אָדער „אָדם יסודו מעפֿר“ מיט אַ שניידערשען מאַרש, לעבעדיג־פֿרעהליך





געהענדיג איין מאָל בײַ דער זייט גאַס, פֿיהל איך הינטען אין דעם רוקען אַ געשמאַקען זעץ. איך נעהם עס אָנ׳עט פֿאַר ליעב, זיך דערוים גאָר נישט צו מאַכען, טראַכטענדיג, איינער פֿונ׳ם עולם האָט אין אַיילעניש אומגערן מיך אַ שטופּ געטאָן, באַלד אָבער פֿיהל איך נאָך אַ זעץ, ווי מיט אַ שטיק האָלץ, איך קוק מיך אום און דערזעה יאָנטעל דער חאָלערע־חתן זיצט אויף דער גאַס! מיט איין בּיינקעלע אין דער האַנד אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד און דאָס אַנדערע בּיינקעלע האַלט ער אויפֿגעהייבען און קוועלט, שמאָכט פֿאַר פֿרייד, וואָס ער האָט מיך בעגעגענט. איך האָב מיך אויך דערפֿרעהט שטאַרק מיט יאָנטלען, מיט וועלכען איך האָב אין גלופּסק זעהר גוט געלעבט און געווען בײַ איהם אויף דער חתונה אויפֿ׳ן הייליגען אָרט, אין דער חאָלערע, נישט היינט געדאַכט.

— אַזוי, פּישקע!—זאָגט ער אָבגעבענדיג מיר אַ שלום־עליכם— דו ביסט אויך דאָ אין אונזער אַדעס? אַ יאָ, אַ שען שטעדטיל מײַן אַדעס! — און אַ קוק געבענדיג, אַז איך קנייטש מיך, מאַך פֿון זיין אַדעס עפּיס נישט אַזאַ פֿרוש, מאַכט ער אַביסעל מיט פֿערדראָס, גלייך ווי איך וואָלט איהם צושטעכערט די געראָלדיע און איהם געטראָפֿען אין קנעפּיל.

— האַ, דיין גלופּסק אפֿשר איז אַ שטאָדט?! אַ וואָרעם, וואָס זיצט אין חריין מיינט, קיין זיסערס פֿון דעם איז גאָר נישט. וואָרט, איך וועל דיר ווייזען אַביסעל מיין אַדעס, וועלען מיר דערנאָך הערען, וואָס דו וועסט דענסטמאָל זאָגען.

יאָנטעל דערצעהלט מיר פֿון זיין גרויסקייט אין אַדעס. אַלע קוקען און האָבען הנאָה, ווי ער רוקט זיך אויפֿ׳ן געזעס. ער איז אַ שטיקעל חשוב אין פֿיעל קלייטען, מען ניט איהם אָב זיין נדבה גאַנץ פֿיין, נישט פֿערזוינדיגען. עס געהט איהם, אָהן עין־הרע, גאַנץ גוט. אַז איך האָב איהם אַ פֿרעג געטאָן וועגען זיין ווייב, האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכעלע:

— אַ שען ווייב, משטיינס־געזאָגט, האָט מיר גלופּסק נעגעבען! וואָס פֿאַר אַ גוטס קען זיין פֿון אַ חאָלערע־ווייב? די חאָלערע האָט איהר פֿריהער געמעגט נעהמען איידער זי איז צו מיר אָנגעקומען. דאַכט זיך, עס פֿעהלט איהר די אונטערסטע ליפּ, פֿונדעסטוועגען אַרבייט אין איהר דאָס מויל, שרייעט, פּילדערט, פּלוידערט, מאָהלט ווי אַ מיהל, פֿיעל בעסער נאָך פֿון אַ אַנדערען מיט צוויי געזונטע ליפּען.

אַקעגען אַ ווייב, טראַכט איך ביי מיר, העלפט נישט קיין מיטעל, איז זי אַ שלאַק, שרייט זי אַפילו אָהן ביידע, אַפילו אויך אָהן איין ליפּ, אַפילו אָהן אַ נאָז דערצו, און פאַלט אויף דיר אָן אַפילו בלינדער־הייט אָהן אויגען... איך דערצעהל יאָנטלען אין קורצען אויך די געשיכטע מיט מיין בלינדער ווייב אַלצדינג וואָס איך בין פון איהר אין דער לעצטער צייט אויסגעשטאַנען.

— נאַרעלע! — זאָגט יאָנטעל — טהו דאָס אייגענע וואָס איך, אַ שפּיי אויף איהר און איין עק. לאָז זי געהן צום רוח.

— וואָס הייסט, יאָנטעל, אַ שפּיי. גלאַט געה צום רוח אָהן אַ גט? איך בין דאָך עפּיס אַ יוד און בעדאַרף חתונה האָבען.

— אַזוי, חתונה האָבען—מאַכט יאָנטעל קוקענדיג אויף מיר מיט אַ געלעכטער — טאַקי אַ אמת'ער גלופּסקער, כ'לעבען! בלייב נאָר, פּישקע, אַביסעל דאָ, אין אַדעס, וועלען מיר דענסטמאָל זעהן...

פון יענער צייט אָן, זינט מיין בעגעגעניש מיט יאָנטלען, פלעגען מיר זיך אָפט צונויפקומען און רוקען זיך ביידע איבער אַדעס, ער אויפ'ן געזעס און איך מיט מיינע קראַנקע פיס. יאָנטלען איז נאָר געגאַנגען דרינגען, מיר אַלץ אַרויסצושטעלען זיין אַדעס און בעריהמען זיך פאַר מיר מיט די שענע גאַסען, שענע הייזער און נאָך אַנדערע זאַכען, גלייך ווי זיי וואָלטען געהערט איהם און איהם דערפון אַ סך אַרויסגעקומען. ביי איטליכס מאָל ווייזענדיג מיר עפּיס, פלעגט ער קוקען אויף מיר מיט אַ שיינענדיג פּנים, שמאָכען פאַר גרויס פערגעניגען. עפּיס אַזוי ווי דורך יענעמס שען הויז, יענער שענער גאַס, בעקומט ער אַ גרעסערען ווערטה אין מיינע אויגען, און אַלץ מאַכען, טאָרקענדיג מיך: נו, פּישקע! אַ שענע שטאָדט אַדעס? אפשר, הא, אין דיין גלופּסק האָסט-דו אויך אַזוינס? —

— הער אויס, יאָנטעל! — זאָג איך צו איהם איינמאָל, אַז ער האָט מיר אָנגעטאָרקעט די זייטען, ווייזענדיג מיר פונדערווייטענס דעם בולוואַר, וואו עס האָבען געשפּאַצירט אַ גרויסער עולם מענשען און צו וועלכען, ווי איך האָב בעמערקט, ער האָט זיך עפּיס געשייעט, נישט געהאַט קיין מוטה צו־געהן נאָהענט — וואָס זאָל איך דיר זאָגען, יאָנטעל, אַדעס איז אוודאי אַ שענע שטאָדט נאָר אַ שאָד כלעבען, וואָס נישטאָ דאָ קיין מענשען!... אדרבה זאָג, קען מען די היגע לייט אָנרופען מענשען? געהען אַזוי אָנגעטאָן, לעבען אַזוי מענשען? קוק אדרבה, ווי דאָרט אויף דיין בולוואַר פיהרען זיך מאַנסבילען אונטער





די הענט מיט נקבות, ס'איז דאָך נאָר אַ בושה! יודען געגאָלטע, נקבות מיט האָר, הינטען שלעפּט זיך זיי נאָך אַ שטיק קלייד און קעהרען דערמיט די גאַסען, פאַרענט איינגעשניטען מיט דער גאַנצער ברוסט אין דרויסען. פע, חלשות, כ'לעבען!... ווי נעהמט מען אָהער אונזערע יודען, גלופּסקער יודען דענסטמאָל, זעהסט־דו, וואָלט עס טאַקי געהייסען אַ שטאָדט, געהאַט אַ פּנים, יודישליך, מיט שענע איינפיהרען, ווי עס געהער צו זיין.

יאָנטעל האָט שווייגענדיג זיך גערוקט מיט מיר ווייטער, נישט געהאַט, אַ פּנים, וואָס מיר צו ענטפערן. אויפ'ן וועג קומען אונז אַקעגען אַ פּאָר פיינע לייט, פראַנצויזען. יאָנטעל שטרעקט אויס די האַנד. איינער פון די לייט שטעלט זיך אָפּ'עט רעדען מיט איהם עטליכע ווערטער און גיט איהם אַ נדבה.

— ווייסט־דו, פּישקע, ווער די דאָזיגע זענען? — מאַכט יאָנטעל מיט גדלות און די אייגעלעך שיינען איהם פאַר גרויס הנאה. יענער וואָס האָט מיר געגעבען די נדבה, איז דער עלטסטער מלמד דאָ ביי אונז אין תלמוד־תורה. מיינער אַ בעקאַנטער, דו פאַרשטעהסט! אַיאַ, פּישקע, ער האָט שוין אַ פּנים?

— אַזאַ יאָהר זאָלען האָבען אַלע מיינע שונאים! — ענטפער איך איהם און טהו אַ שפּיי—פונ'ם שענעם מלמד קען איך מיך שוין אָנשטויסען, וואָס פאַר אַ מין תלמוד־תורה, משטיינס־געזאָגט, מוז דאָ ביי אייך זיין. איך פרעג דיר נאָר, יאָנטעל, ווי שעהמסט־דו זיך נישט זאָגען, אַז אַזוינס איז גוט! ניין, דו ביסט שוין דאָ קאַליע געוואָרען, יאָנטעל! ביסט געוואָרען אַזעלכער ווי די אַלע היגע לייט... אַ מלמד אַביסעל! כ'לעבען, גאָר אונזער תלמוד־תורה־מלמד, ר' הערצעלע מזיק, להבדיל! ר' הערצעלע מזיק איז אַ יוד מיט'ן פולען מויל, פול אין דער גאַנצער שטאָדט און טהוט זיין זאַך בשלמות, גאַנץ פיין. אויף לויות ער, אַ שידוך אויספיהרען ער, אויפ'ן היילינגען אָרט תהילים זאָגען, אַ פּרק משניות לעהרנען, ווייטער טאַקי ער. געהט ער, ווי דער שטיינער איז, אַלע וואָך אין די הייזער, געלד צונויפנעהמען, טראָגט מען איהם די נדבה אַקעגען; לויפט ער שמחת־תורה מיט די תלמוד־תורה־יונגלעך צו די נגידים מאַכען אַ „מי־שברך", גיט מען איהם אומעטום קידוש מאַכען מיט דער פולער מאָס. ער שרייעט „צאן קדשים" און די יונגלעך—מע־מע!—עס האָט אַ פּנים. און דיין פראַנצויז וואָס? וואָס פאַר אַ פּנים קען ביי אַזעלכען האָבען זייז תהילים זאָגען, זייז „מי־

שבֿרך?" וואָס פאַר אַ טעם קען האָבן זיין קידוש מאַכן, זיין געהן אויף אַ לויה, משטיינס־געזאָגט?...

—האָסט־דו דאָך אַ גראָבן טעות, פישקע!—פאַלט מיר יאָנטעל אַריין אין די רעד—אַז מיינער טהוט נאָר קיינמאָל נישט אַזעלכע זאַכען! ווייסט פון אַזעלכע זאַכען אַפילו נישט וואָס צו זאָגען.

—וואָס הייסט, ער טהוט נישט אַזעלכע זאַכען?!—מאַך איך פערוואונדערט—ווי געשיקט זיך עס, אַ תלמוד־תורה־מלמד זאָל נישט כּהַן אַזעלכע זאַכען! נישט מאַכען קיין „מי־שבֿרך" די נגידים, נישט בעגראָבען די פיינע־בריות, נישט...

—שאַ,שאַ, פישקע!— שלאָגט מיר איבער יאָנטעל די רעד—ער בעגראָבט זיי נאָר אויף אַ אַנדער שטייגער. נישקשה. די פיינע בריות זענען צופרידען...

—פע, פע, פע!—שריי איך אין איין קול און פאַרשטעק די אויערען, נישט צוהערען. נאָר יאָנטעל לאָזט מיך נישט צו רוה און רעדט איבער מיר טאַקי ווייטער:

—ווייסט־דו ווער דער צווייטער איז, וואָס איז מיט דעם מלמד נעגאַנגען? דאָס איז אַ גרויסער פיינע־בריה. אַ גאַנצער טהוער אין שטאָדט־זאַכען, ווי בּיי אייך דאָרט אַהרן יאָסיל שטילפייפער.

—פע, פע!—טהו איך אַ געשריי שטאַרק אויפגעבראַכט, אַזוי אַז מענשען, וואָס זענען פאַרבּיי נעגאַנגען האָבען זיך אַרומגעקוקט—אָט אַזעלבער הייסט בּיי דיר, יאָנטעל, אַ פיינע־בריה! ווי אונזער ר' אַהרן־יאָסעל! זאָג חאָטש להבדיל. ר' אַהרן יאָסיל איז אַ יוד מיט אַ בּאָרד, מיט פאות, דאָס יודישקייט ליגט איהם אויפ'ן פנים און אין די הענד בּיי איהם ליגט יודיש געלד, עולמות־געלד, פון אַלע חברות געלד, נאָך און נאָך געלד, מען גלויבּט איהם אויף נאמנות. מסתמא אַז ער נעהמט, ווייסט ער דאָך אַז ער נעהמט און וואָס מיט דעם געלד צו טאָן, מען קען זיך דרינגען שוין אויף איהם פערלאָזען. דיין פיינע־בריה מוז האָבען אַ שען ביסעל נאמנות. אויף וואָס קוקענדיג קען מען אַזעלכע געטרויען? אויף זיין יודישקייט? אויף זיינע אונטערגעשוירענע פאות?

—אויף נאמנות, כּ'לעבען!—שפּאַרט זיך יאָנטעל מיט מיר—בּיט פּאות, אָהן פאות, אַלץ איינס ווי איך בּין אַ יוד!

עט!—מאַך איך—וואָס ווילסט־דו דאָ מיר אויסדרינגען? מילא שיינק איך דיר שוין דאָס נאמנות, אָבּער ווי קען מען אַזעלכע מכבּד





זיין מיט סנדק, מיט מציצה? אַ שען שטיקעל מציצה מוז דאָס זיין בּיי דיין פיינע־בּריה. פע, כּ'לעבען! נאָר אַ געלעכטער. אַז די וועלט זאָגט, פערציג ווערסט אַרום אָדעם בּרענט דער גיהנם, איז טאַקי אמת.

— פונדעסטוועגען—מאַכט יאָנטעל מיט אַ שטעכווערטעל—איז מיר פיעל ליבּער דאָ אין גיהנם, ווי אין דיין גלופּסק, אין גן־עדן

יאָנטעל איז אין מיינע אויגען איננאַנצען איבּערגעקעהרט געוואָרען. אָדעם האָט איהם שטאַרק צולאָזען און מיר פלעגען זיך שפּאַרען זעהר אָפט. וואָס בּיי איהם האָט געהייסען גוט, איז בּיי מיר געווען שלעכט, און וואָס בּיי מיר גוט, איז בּיי איהם געווען שלעכט. מיר האָבען זיך נישט געקענט אויסגלייכען, אַ שטייגער וועגען דער גרויסער שוהל, וועגען דעם חזן און דעם רב דאָרט. אַ חזן, משטיינס־געזאָגט, אין אַ מענדע־ווערענדע דאַווענט קאָרכיש! ער אַליין זאָל עס אַרבּייטען, אַריינשטעקען דעם פינגער אין גאָרגעל, האַלטענדיג זיך בּיי דער בּאַק ווי אונזער חזן ר' ירחמיאל קלאָגמוטער, שרייען קולות אויף דער געמבּע, פון דער געמבּע אַ חאַפּ טאָן זיך אין פיסטעל־געזאַנג, ווידער אויף דער גראָבער סטרונע, בּרומען, זעצען ווערטער אַרויף און אַראָבּ, פאַרגעהן זיך אין שטיינער, צוגיסען זיך מיט אַ זיס וואָלעכיל, אַ בּעטלעדיל פאַר דעם רבונו של עולם: טאַטעניו, פאָבערוניו! אוי וועה איז מיר, וועה! אַריינלעגען דאָס גאַנצע לעבען און אָבגעהן מיט שוויס אין „יקום־פורקן", אין דעם „מי־שבּרך"—אַזוי צו אַרבּייטען—חלילה! ער אַליין שווייגט מייסטענס, נאָר קוים רופט ער זיך אָן אַוואָרט, האַפּען עס אויף די משוררים, צולעגען עס אויף טעלערלעך, נעהמען עס אויף די כּלים אַלערליי, אויסגעמישט אינאיינעם קאַשע מיט מאָהן—און דאָס הייסט בּיי זיי דאָרט קאָרכיש. וואו אַ וואָלעכיל! וואו אַ קליוואַנער בּעטלעריל, אַ פאָניע! וואו „אַ יקום־פורקן"! די גאַנצע ראָליע שפּילט בּיי זיי אונזערם אַ שטיקעל דרויב. דער „אין־כּמוך", מען מאַכט פון איהם אַ ציטעס. און וואָס נאָך—אַ געלעכטער, כּ'לעבען!—האַלטענדיג די תורה אויף די הענד דרעהט מען זיך דערבּיי אַרום מיט די הקפות. האָט איהר געהערט, שבּת מיט די הקפות, ווי אין שמחת־תורה.. סטייטש! וועט איהר זיך וואונדערן, וואו איז דער רב? ווי דערלאָזט עס אַזוינס דאָרט דער רב? נאָר הערסט־דו, אָט דאָס איז דאָך טאַקי דער גאַנצער פערדראָס, אַז דער שענער רב טאַנצט אויך אין קאָן, רוקט זיך נאָך פאָראויס, אויך אין אַ מענדע־ווערענדע מיט אַ געפּוצט בּערדיל און האָט אַ פּנים, פע!... דאַכט זיך נענוג חלשות, און יאָנטלען

דאָס נאָר געפעלען.—געוואַלד, שריי איך, יאָנטעל וואָס איז דיר געשעהן? משוגע ביסט־דו, צי חסר־דעה; ווי קומט אַזוינס צו דיר, ווי פערקריכט מען עס אַזוי מיאוס? געוואַלד, אַ רוח אין דיין טאַטען אַריין!... און ער קוקט מיך אָן, שמאָכט מיט אַ שיינענדיג פנימיל, מאַכענדיג דערביי נישט מעהר ווי: פישקע, ביסט אַ נאַר! פאַרשטעהסט נישט, וואָס גוט איז. היינט נעה, רעד, טענה מיט אַזעלכען. אַז איך האָב אַ קוק געטאָן, ס'איז פערפאַלען, יאָנטעל איז איינגעשפּאַרט, ס'איז מיט איהם גאָר נישט צומאַכען, האָב איך מיר געגעבען דאָס וואָרט, מעהר וועגען דעם ניט צו רעדען. איך לאָז זיך זיין אָדעס פון מיינעטוועגען אַפילו מיט'ן קאָפּ אַראָב איבערקעהרען, געהט עס מיך מעהר ניט אָן.

—הער־אויס!—זאָג איך איינמאָל צו יאָנטלען—שפּאַרען זיך מיט דיר וועגען אַדעסער איינפיהרונגען וויל איך שוין מעהר נישט, דו ביסט אַ געבראָטענער יקשן און איך וועל מיט מיינע ווערטער ביי דיר נאָרנישט פועל'ן. לאָמיר בעסער רעדען תוך־זאַכען. איך וויל זיך מיט דיר מישב זיין וועגען מיר, וואָס קען פון מיר דער תכלית זיין? דער ענין אין די הייזער אַרומצוגעהן, האָט זיך מיר שטאַרק צוגעגעסען, ס'איז דאָ היינט אָרמעלייט גענוג אָהן מיר אויך, וואָס בעפאַלען די הייזער ווי די היישערעקען און וועלען באַלד פערפלייצען די וועלט, די בעלי־הבתים בלאָזען זיך, שרייען: געוואַלד, נישט אויסצוהאַלטען! עס וואָלט גוט געווען צו האָבען עפּים אַ שטיקעל פרנסה. ראָט, כ'לעבען, צו וואָס זאָל איך מיך נעהמען.

—קיין קאַנטאָרען מאַכען—ענטפערט יאָנטעל—מיין איך, ווילסטו נישט, קיין קלייט מיט צעלניק אויך נישט. וואָס דען־זשע, אַ שטיינער?

—לאָך נישט, יאָנטעל—זאָג איך צו איהם—רעד ווי אַ מענש. עפּים חוץ קאַנטאָרען און צעלניק איז דען נישטאָ ביי יודען מעהר קיין פרנסות?

—אָהָ!—מאַכט יאָנטעל—ס'איז דאָ, דאָ זעהר פיעל. ווי, אַ שטיינער, האַלטען די טאַקסע, זיין אַ גבאי אין חברות, רייבען זיך אַרום מאיר־בעל־הנס־פושקעס, דרעהען זיך אַרום שטאָדט־זאַכען, אַרום די פיינע בריות, זיין אַ כל־ולה, אַ קאָכלעפעל און דעסגלייכען זעהר גוטע פרנסות. נאָר אַ קאָטאַ! אַזעלכע זענען נישט פאַר דיר, לאָמיר זיך נעהמען צום צעטעל יודישע פרנסות פון קליינעם סאָרט. נו, פישקע, האַנדלען מיט





אַלטע קליידער, אַ שטיינער? זעהר פיעל יודען דערנעהרען זיך דערפון נאָר נישקשהדיג.

—ניין!—גיב איך יאָנטלען צו פאַרשטעהן—אַלטע קליידער מוז מען דאָך קויפען, אויסלאַטען און דערצו דאַרף מען דאָך געלט, איך, טאַקי פאַרשטעהן אַ ביסעל די מלאכה, און דאָס איז פאַר מיר שווערליך מיט גלופּסקער תחתונים, אַ שטיינער, איז נאָך אַ האַלבע צרה, וואָס מאַכט עס דען אויס, אַז צוריסען אַביסעל, אַזוי אָדער אַזוי פערלאַטעט; אָבער דאָ מיט די אַדעסער איז דאָך אַ שרעק. אַדעסער תחתונים, מחילה, זענען מיט גאַנצע צערעמאָניעס, דרך־ארץ! עפּים גאָר אַ בורא צו זיי זיך צי־צוריהרען.

—אויב דו שרעקסט זיך פאַר אַדעסער תחתונים—מאַכט יאָנטעל—לאָז־זשע זיין ציבעלעס, קנאָבעל, צוגעלעגערטע לימענעס, מאַראַנצען וכדומה. נאָר מוזט אָבער וויסען, אַז דאָ איז די מאָדע זיך איינצושפּאַנען אין אַ טאַטשקע און אַרומפיהרען עס איבער די גאַסען שרייענדיג אויף אַ קול מיט אַ ניגון.

—שרייען קען איך זעהר שען—ענטפער איך—דערויף בין איך אַ מייסטער. אָבער איינשפּאַנען זיך ווי אַ פערד און שלעפען, האָב איך קיין כוח נישט. היינט חוץ דעם איז דאָך אויך ווייטער די אייגענע מעשה: און די ממתקים? וואו נעהמט מען דערצו די קלינגערס, געלד?

—הער אויס, פישקע—מאַכט יאָנטעל מיט אַ ערענסט פנים—פרנסות אָהן מיה, אָהן געלד אַריינצולעגען, זענען נאָר יענע, די פריהערדיגע... פונ'ם הויכען סאָרט, ווייטער ווייס איך קיין אַנדערע נישט. זאָג, אַדרבה, דו!

—בעסער פון אַלע זאַכען—זאָג איך צו יאָנטלען—געפעלט מיר אַ באָד. אין דער גלופּסקער געמויערטער באָד, וואו איך האָב מיך אויפגעהאַלטען, איז מען פון מיר שטאַרק צופרידען געווען. איך האָב געטויגט. ווען נישט די אומגליקליכע חתונה מיינע, וואָלט אויס מיר שוין לאַנג דאָרט געוואָרען אַ מענש. איך וואָלט שוין אָנגעשפּאַרט העט ווייט. אויב דו ביסט יאָ אַ שטיקעל חשוב אין אָדעס, טהו־זשע מיר די טובה, גוטער, זיסער יאָנטעלע, און העלף מיר זיך אַריינצודרעהען דאָ ערגיץ אין אַ באָד. זיי אַ ברודער, יאָנטעל, און ווייז מיר דיין גרויסקייט דאָ!

—אַצונד, פישקע—מאַכט יאָנטעל צו מיר מיט אַ שמייכעלע—אַצונד וועל איך דיר מכוח דיין בקשה גאָרנישט ענטפערן, געה, זיי

מוחל, פריהער און קוק אַליין אָניעם מיט דיינע אויגען די היגע באָ־דען, דערנאָך וועלען מיר שוין שמועסען.

איך האָב געפאָלגט יאָנטלען און בין געגאַנגען אין איין באָד, אין דער אַנדערער, איז מיר פירגעקומען עפּיס משונה ווילד. האָט איהר געהערט אַביסעל אַ באָד! דאָרט איז ליכטיג, ריין ווי אין אַ שטוב. דאָרט שטעהען גוטע באַנקבעטלעך, טאַקי גוטע, ווי איך בין אַ יוֹת פרודען זיך דאָרט, זאָל דער אויבערשטער היטען! מען זעהט נישט הענגען דאָרט קיין איין העמד אפילו. ס'איז נאָר אַ געלעכטער, אויף נאמנות! — ניין, טראַכט איך בּיי מיר, אין אַזאַ באָד קען איך נישט זיין. דאָס איז נישט פאַר מיר, ניט דאָס, ניט יענץ, ניט דער תענוג, וואָס אין אונזער גלופּסקער באָד. דאָרט איז גאָר עפּיס אַנדערש, עס האָט עפּיס טאַקי אַ פּנים. מענשען האַלטען זיך דאָרט אויף, מען ליגט זיך אין קומפּאַניע אויסגעצויגען אויף די בּיינק; מען שמועסט, מען דערציילט מעשיות, מען רעדט פון אַלצדינג, וואָס פערלויפט זיך אין דער וועלט. ס'איז עפּיס אַזוי גוט, אַזוי געשמאַק, מחיה, כל'עבען!... איך בּין געגאַנגען אין נאָך און נאָך באָדען, אַלע נישט וואָס בּיי אונז. עפּיס שמעקט דאָרט נישט דער ריח, וואָס אין אונזער געמויערטער באָד! הייגט זייערע מקוות איז נאָר אַ געלעכטער. אונזער מקוה־וואַסער פיהלט מען, עס האָט עפּיס אַ אַנדער טעם, אַ אַנדער קאָליר און איז עפּיס געדיכטער, ווי אַנדערע וואַסערען. מען פיהלט באַלד ס'איז יודישליך... דאָרט אָבער איז דאָס מקוה־וואַסער לויטער, גלאַט וואַסער, ווי וואַסער בעדאַרף געוועהנטליך זיין, וואָס מען קען עס טרינקען...

—נו, פישקע?—האָט מיך יאָנטעל אַ פרעג געטאָן דערנאָך מיט אַ שמייכעלע—האָסט־דו געזעהען אַ היגע באָד?

—עט!—האָב איך געענטפערט—נישטאָ פון וואָס, משטיינס־געזאָגט, צו רעדען. בּיי אייך איז אַלץ ווילד, הוזק אינגאַנצען. דיין אדעס איז פאַר מיר נישט קיין אָרט.





## [illegible]

מיט אדעס בּין איך טאַקי נישט צופרידען געווען, נאָר איבער דעם ווינטער האָב איך געמוזט דאָרט פערבלייבען, וואָרום ווי לאָזט מען זיך עס ווינטערצייט נאַקעט און באָרפיס אין וועג אַריין און דערצו נאָך אייגער אַליין אין אַ פרעמד ווינקעל? ווי באַלד אָבער עס האָט אַ וואָרם געגעבען די ליכטיגע זון און געשמעקט מיט זומער, האָט עס מיך עפּיס געטאָרעט, נישט געלאָזט מיך אַיינזיצ'ן רוהיג אויף איין אָרט. אַ מאָל פלעגט פאַר מיר דער זומער זיין, ווי געוועהנטליך, זומער. זומער, גאָרנישט! ס'איז וואַרעם, ליכטיג, טעג גרויסע, גרין אומעטום. מילא איז גוט, איז נישט קאַלט. בהמות געהען אין דער טשערעדע, איז דאָ מילך, אַביסעל סמעטענע. ס'איז נאָך דאָ צום ברויט אַ גרינע ציבעלע, אַ קנאָבעל, אַ רעטיכעל, פאַר אַ יודען אַ אָרעמאַן אַ גרויסע זאַך, אַ גאַנצער חשבון. היינטיגס מאָל אָבער האָט פאַר מיר דער זומער עפּיס גאָר אַ אַנדער פּנים געהאַט. איך וויים נישט, ווי זאָל איך מיך אויסדריקען, עפּיס האָט ער גערעדט ווערטער, אונטערגעגעבען דעם האַרץ עפּיס אַ חשק... מיך דערמאָנט אַלץ אין איהר, אין מיין האָרבאַטער. איטליכס גרעזעלע, איטליכס גרין בּיימעלע און איטליכס שפּיל פון אַ פייגעלע האָט מיר עפּיס דערצעהלט, אָבגעגעבען אַ גרוס פון איהר. עס האָט מיר זיך אַלץ געטראַכט: אָט אַזוי איז זי מיט מיר געזעסען, אַזוי האָט זי געקוקט, אַזוי—געלאַכט און אַזוי אויסגעגאָסען איהר ביטער געמיטה. עס האָט מיר זיך צושפּילט די געבליטען, מיך בעפאַלען אַ זיסע מרה־שחורה און עס האָט מיך עפּיס געצויגען, געצויגען ווייט אַהין, אַהין... וואָס פאַר אַ שייכות דאָס אַלצדינג קען האָבען מיט דעם זומער, אויב דאָס איז געווען אינגאַנצען זיין אַרבּייט, אָדער גאָר עפּיס אַנדערש, עפּיס אַזאַ מין שלאַפקייט, אַ ספּאַזמע אַזוינע? — דאָס וויים איך נישט. איך חיים נישט מעהר, מיט מיר איז געווען עפּיס נישט גלאַט. איך האָב געצאַנקט ווי אַ ליכט, געוואָרען גאָר נישט דער אייגענער וואָס פריהער.

— פישקע, בּיסט קראַנק? — האָט יאָנטעל אָנקוקענדיג מיך

פיינמאל נעפרעגט — ביסט עפּיס שטאַרק פונים פּנים אראָב . וואָס האָט זיך ווער ?

— עס, נאַרנישט — ענטפער איך, אָנהאַפּענדיג זיך מיט ביידע הענד ביים האַרצען

— דו פיהלסט נישט דאָס האַרץ ? — מאַכט יאַנטעל — דערצו איז זיין סגולה, אַ שטיקעל ברויט גוט איינגעטונקט אין זאַלץ אויפ׳ן יכטערן מאָגען.

— ס׳איז מיר אָנגעזאַלצען אויפ׳ן האַרצען גענוג אָהן דעם — ענטפער איך מיט אַ זיפץ — עפּיס פיהל איך, ווי עס ציהט מיך, ציהט און עס לאָזט מיך ניט איינזיצען.

— איך פאַרשטעה שוין, פאַרשטעה — מאַכט יאַנטעל מיט אַ שמייכעלע — עס ציהט דיך אין דיין גלופּסק ציהט דיך. אַהין, וואו די גניל־אַפּיאַקעס בליהט, וואו עס סווישטשעט דער דלות און קנאַבעל און ציבעלעס ניבען די שמוכט. שעהם־זשע דיך נישט, פּישקע, און געה דיר אַהין אין דיין רוה אַריין .

אין עטליכע טעג אַרום האָב איך זיך געזעגענט מיט יאַנטלען און מיך געלאָזט צופוס אין וועג אַריין...

דער קאָפּ איז מיר געפלויגען אין עק וועלט, דאָס האַרץ האָט מיך געצויגען צו איהר. אַלץ געטראַכט, וואו איז זי, וואו געפינט זיך אַצונד זי ? וואָס מאַכט זי, ווי לעבט זי, נעבעך, אַליין אָהן מיר ? און די פיס מיינע זענען געגאַנגען, ווי אַליין פון זיך, געגאַנגען פאַמעליכען אויפ׳ן וועג קיין גלופּסק. איך בין געגאַנגען דורך דערפער, דורך שטעדט, דעם גאַנצען וועג געטראַכט, געזוכט מיט די אויגען . מאָמער וועל איך בעגעגענען זי. איך בין זיך אָנגעגאַנגען גענוג און אויסגעוועען אַ וועלט יודישע שטעדט . וואָס מעהר געהענטער צו גלופּסק , איז מיר געוואָרען גרינגער אויפ׳ן האַרצען איך האָב זיך מחיה געוועזען מיט די יודען פון אונזער ווינקעל. זייער לשון, זייער גאַנג . זייער שטייגער לעבען און פיהרונג איז פאַר מיר געוועזען גאָר אַ דערקוויקעניש, כ׳לעבען. עפּיס האָב איך מיך געפיהלט היימיש צווישען מיינע לייט, אייגענע מענשען. פון אונזער ווינקעל די יודען זענען טאַקי מחיה ! אָהן צערעמאָניעס , אָהן חכמות , הערען נישט קיין וועלט, נאַרישע מאָדעס . רעד דיר , שריי דיר הויך אויף אַ קול, טהו דיר פריי אַלצדינג, פּראָסט ווי גאָט האָט געבאָטען. וועמעס עסק איז — שען אָדער מיאוס, אויב ער פּאַסט אָדער נים. יענעם גע-





פעלט נישט ? לאָז ער פערמאַכען די אויגען, פאַרשטעקען די אויערען. געסמאַהע איהם פאַרפאַל !... איך בין ביסליכווייז געקומען צו די קרעפטען, געוואָרען רוהיגער, געטראַכט פון גלופּסק, פון דער געמיוערטער באָד און געהאָפּט צו השם־יתברך.

אָט אַזוי בין איך מיר אין אַ שענעם פריה־מאָרגען געגאַנגען צווישען ווייץ און קאָרען און פערגאַנגען ביז צו אַ גרויסען, געדיכטען וואַלד. איך בין אַריין טיפליך אַביסעל אין וואַלד, אָבגעלעגט זיך דאָרט מיט מיין פּעקיל, אַראָבגעוואָרפען פון מיר די קאַפּאָטע און זיך אויסגעשטרעקט אונטער אַ בוים צווישען הויך גראָז, וואָס האָבען מיט די גרויסע , ברייטע בלעטער מיך פאַרשטעלט אַרום און אַרום . מילא וואָס איז דאָ איבערצוטראַכטען ? אַ וואַלד — אַ וואַלד, ווי אַלע וועלדער. ביימער זענען זיך ביימער, גראָז — גראָז, פייגעלעך — פייגעלעך און איך בין מיר איך און מעג מיר טאַקי האָבען אַ דרעמיל, ייך אויסרוהען אַביסעל פונ׳ם וועג. איך ציה מיך, געניץ, פערמאַך די אויגען און — הערט מיין חלום .

עס דאַכט מיר זיך אַ שאָרך, עפּיס ווי טריט און אַ קנאַקען פון דאַרע ריטלעך. איך שטעל־אויף די אויערען און האָרך מיט צוגעמאַכטע אויגען. דער שאָרך ווערט אַלץ שטאַרקער, די טריט אַלץ נעהענטער. עפּיס הויבט עס מיך אָן צו אַרען, וויל עפענען די אויגען, נאָר שווערליך. איך ליג ווי אַ קלאָץ און קען פאַר גרויס מידינקייט מיך נישט ריהרען. די טריט אָבער ווערען באַלד שטילער, איך בערוהיג מיך, גיב מיך איבער דעם שלאָף, די געדאַנקען פלאָנטען זיך מיר און ס׳איז מיר עפּיס גוט, אַזוי גוט... עפּיס הערט זיך אַ שטיל אומעטיג ניגונדיל, דאַכט זיך אַ בעקאַנטס, דאָס ניגונדיל צוגעהט זיך אין אַלע גלידער, רייסט אוים אַ שטיק האַרץ, עס גלוסט זיך חיינען און דערביי פיהלט זיך טאַקי, ווי עס קומט צו אַ שטיק געזונט. עפּיס נאָר ווי אויף אַ בעדעקענס פאַר דער חופּה, עס וויינט זיך חתן־כלה און עס לאַכט זיך, ביידע זאַכען אינאיינעם, ווי אַ זון מיט אַ רעגען צו גלייכער צייט. — פּלוצלים פיהל איך, עפּיס טהוט מיך אַ נעהם ביי די האָר און עס טהוט אַ געשריי. איך חאַפּ מיך געשווינד אויף, צוגעהם פאַר מיר די גרויסע בלעטער פונ׳ם גראָז און דערזעה אַ טעפּיל מיט שטאַרקע רויטע פּיליניצעס, וואַלגערענדיג זיך נישט ווייט פון מיר אויף דער ערד. ווייטער אַביסעל רוקט זיך עמיצער, ווי אַ נקבה, זיצענדיג אויפ׳ן גראָז און קוקט זיך אַרום אין אייגע שרעק. מיר איז באַלד איינגעפאַלען, וואָס דאָס בעטייט. יענע

האָט דאָ, אַ פּנים, געקליבן פּיליניצעס, פּערטיפּט אין דעם זוכן און
בשעת מעשׂה, אונטערזינגענדיג עפּיס אַלידעלע, האָט זי פּלוצלים אַנגע־
טאַפּט מיין קאָפּ און זיך שטאַרק איבערגעשראָקען. איך שטעה געשווינד
אויף, נעהם דאָס טעפּיל און גיב איהר עס אָבצוטראָגען, מאַכענדיג
פונדערוויטענס: נישקשה! גאַנץ פריינדליך. נאָר קוים קום איך צו נאָ־
הענט, פאַלט מיר פון די הענד דאָס טעפּיל אַרויס. איך טהו אַ געשריי,
בלייב פערמישט—און באַלד שטעהען מיר ביידע, שנייף האַלטענדיג
זיך ביי די הענד, איך און מיין האָרבאַטע...

דאָס איז געוועזען טאַקי וואַכענדיג, נישט קיין חלום. איך האָב
געקוקט און געזעהן גאַנץ קלאָר, פאַר מיר שטעהען געזונטע ביטער,
אויבען אויף די צווייגען שפּרינגען פייגעלעך, סווישטשען, זינגען זיך
פרעהען זיך מיט אונז אינאיינעם. ביידע זענען מיר איבערגליקליך, פרע־
הען זיך און לאַכען מיט טרעהרען. ביידע וואונדערען זיך, פרעגען
איינער דעם אַנדערען, פון וואַנען ער האָט פּלוצלים זיך אַהער גענומען,
און ביידע רעדען, דערצעהלען, וואָס מיט איטליכען האָט זיך פּאַסירט.

זי דערצעהלט די גרוייסע צרות, וואָס זי, נעבעך, איז אויסגע־
שטאַנען זינט די חאַליאַסטרע האָט מיך פאַר אַ יאָהרען אין שטעדטיל
דאָרט אַוועקגעוואָרפען. דאָס איז געוועזען דעם ממזר׳ס אַרבייט. איהם
האָט זיך נישט געגלוסט, מיין ווייב זאָל נעהמען גט, בכדי זי זאָל
נישט באַלד צושטעהן צו איהם מיט געוואַלד, ער זאָל מיט איהר
חתונה האָבען, איהם האָט נאָר געטויגט אַ בלינדע, אָבער נישט קיין
בלינדע ווייב. מאַכען מיט איהר חן און געלט—דאָס זאָל ער און
זיין זאָל זי זיך געזונטערהייט יענעמס. דערביי האָט ער געהאַט נאָך
אַ טיין, מיר צו פערוויסטען מיינע יאָהרען, איך זאָל נישט זיין פרייד
איפגעבונדען. איהם איז אויך שטאַרק נישט געפעלען מיין פריינדשאַפט
מיט דער האָרבאַטער, דאָס האָט איהם שרעקליך געשטאָכען און ער האָט
פון זיין זייט געטאָן מיטעל, די פריינדשאַפט זאָל נישט געהן ווייטער...
אַבי ער איז מיינער פּטור געוואָרען, האָט ער מיין ווייב ביסליכווייז
אין די לאַפּעס אַריינגענומען און איהר דערנאָך געוויזען, ווער עלטער
איז, ווייסענדיג זעהר גוט, אַז פון זיינע הענד איז איהר שוין אוממעג־
ליך זיך אויסצודרעהען. ווארום וואָס קען אַ בלינדע איינע אַליין טאָן?
שפּעטער האָט זי איהם זיך שטאַרק צוגעגעסען. ער האָט זי איבער־
געגעבען דעם אַלטעטשקען, צו געהן מיט איהר אין די הייזער און
מאַכען די קאָמעדיע ווי אַ מאָל מיט מיר. דער ממזר האָט איהר





פערצאַפּט דאָס בלוט. זי געהרגעט, געשלאָגען און דער אַלטעטשקער
האָט בעזונדער מיט איהר געלערענט בלק. זי איז אין אַ קורצער צייט
געעלטערט געוואָרען, פינסטער ווי די ערד.— דאָס גאַנצע יאָהר האָט
די האַלאַסטרע זיך אַרומגעשלעפּט, אין פיעל שטעדט אויסגעוועזען. און
היינט פאַר טאָג זיך געשטעלט אויסרוהען דאָ אין וואַלד. איהר האָט
זיך פערגלוסט געהן קלייבען פּיליניצעס און האָט פּלוצלים — אַזוי
לאָזט זי אויס מיט אַ שמייכעלע — אָנגעטאַפּט אַ גוטע פּיליניצע,
מיך אַליין . . .

איך פון מיין זייט דערצעהל איהר אַלצדינג, וואָס מיט מיר האָט
זיך פּאַסירט און ווי איך בין אויך היינט אין דער פריה געקומען
אַהער, געהענדיג אויפ׳ן וועג קיין גלופּסק. ביי אונז איז געבליבען פון
היינט אָן זיך מעהר נישט צושיידען, איינוועגדען אַלע מיטעל, מיין ווייב
זאָל נעהמען גט. אויב חלילה נישט, וועלען מיר ביידע פון דער
חאַלאַסטרע אַנטרונען ווערען, און וואַרטען, וואָס גאָט וועט געבען.
און ווי מיר זיצען זיך דאָ אַזוי, שטאַרק הנאה האָבענדיג איינער פונ׳ם
אַנדערען, הערט זיך אין וואַלד אַ קול אַ־הו !

— דאָס איז אַ קול פון אונזערע לייט, זאָגט מיין האָרבאַטע,
דאָס זוכט מען מיך.

און שפּעטער אַ ווייל קומט צו אַ פּאַרשוין, וועלכען איך האָב
באַלד דערקענט. דער פּאַרשוין האָט מיך עפּיס קרום אָנגעקוקט און
געשמייכעלט פאַר זיך מיט אַ געשפּעט. מיר מאַכען נישט לאַנג שׂיחות
און לאָזען זיך געהן. דער פּאַרשוין לויפט פריהער, איילט זיך, אַ פּנים,
אָנצוזאָגען די גוטע בשׂורה, און מיר איילען זיך נישט, געהען פּאַמעלי־
ליך. הינטער אַ קרעטשמעלע, אַ חורבה, אויף אַ היבשע שטרעקע
ווייטליך אין דעם וואַלד, זעה איך, שטעהען בעקאַנטע ביידלעך, ווייטער
אַביסעל אויף אַ פרייעם פּלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט ביימער, ברענט
אַ פייעריל, די שעגע חאַלאַסטרע אַרום, און ס׳איז פרעהליך. דעם
ערשטען „שלום עליכם“ שטעקט מיר אָב דער ממזר מיט ברייטקייט,
הויך אויף אַ קול: אַ, אַ, אַ גאַסט, כ׳לעבען! וואָס מאַכט אַ יוד? איך
האָב טאַקי נאָך אייך שוין געבענקט, ר׳ פישעל! — באַלד דערויף לאָזען
זיך הערען קולות: קומט מקבל פּנים זיין דעם „נגיד“! און פון אַלע
זייטען שיטען זיך מיר משונה־ווילדע, משוגענע „שלום־עליכם׳ס“ מיט קניפּ
אין קלעפּ הינטען אַרום, אַזוי אַז דאָס היטעל איז מיר פונ׳ם קאָפּ אַראָב־
געפאַלען. און ווי איך דרעה מיך דאָ, זוך דאָס היטעל, צו־דערקענדיג

דערווייל דעם קאָפּ מיט'ן עק פֿאַלע פֿון דער קאַפּאָטע און חאַפּ קלעפּ גאָר אַ שרעק, פּליהט־צו מיין ווייב מיט אַ פרייד אין איין קול: וואו איז ער, מיינער? וואו, וואו? פּישקע?... איהר פרייד האָט מיך ערגער געשטאָכען ווי פון די פיינע לייט די קניפּ. צום גט טויג מיר כּלל נישט אַזאַ פרייד, טראַכט איך מיר, האָב מיך בּעסער פיינט, ווי דער גאַנצער עולם דאָ, זי אָבער הייִנגט זיך אויף מיר, אַלץ פּישקע, מיין פּישקע! מיר איז שטאַרק נישט גוט געוואָרען אָנקוקענדיג זי, אַ בּלינדע, אַ דאַרע, אַ שלאַפּע; אַלטע יודענע! וואו איז איהר לייב, איהר געזונט, איהרע פעטע באַקען און איהר פּיסק? איך האָב מיר בּעדאַרפט אָנטאָן אַ כּוח אַ פרעג צו געבען זי, פון יוצא וועגען: וואָס מאַכסט דו, בּתיה?

—דו בּיסט טאַקי גערעכט געווען, פּישקע, זאָגענדיג אַ מאָל: „אין גלופּסק האָבען מיר בּיידע, בּרוך־השם, אַ שענעם נאָמען געהאַט, איטליכער האָט מיר געקענט און אויף מיר כּבוד געלעגט",—מאַכט מיין ווייב הויך אויף אַ קול, אַלע זאָלען הערען, אָננעהמענדיג דערבּיי אַ שטאָלצע מינע, ווי אַ אָבּגעקומענער נגיד, וואָס דערצעהלט פון זיין גרויסקייט אין די פריהערדיגע יאָהרען, און געטאָן אַ זיפץ טיעף פונ'ם האַרצען—גענוג זיין נע־ונד, אַהיים, אַהיים צוריק אַהיים פיהר מיך, פּישקע, צוריק אין אונזער שטאָדט, צו אינזערע הייזער, אונזערע בּעלי־בּתים!—

ס'איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען פון איהרע רעד. אזעלכעס איז מיר גאָר ניט איינגעפאַלען צו הערען פון איהר און איך האָב מיך שטאַרק פערקרימט. דער ממזר האָט זיך אויך מיאוס פערקרימט, טראַכטענדיג זיכער, אז איך וויל דערטאַפּען די סחורה און בּיי איהם צו־נעהמען די פּרנסה. איך האָב גאָר געטראַכט: אדרבּה בּיי דיר בּלייבּ עס, איך בּין דיר זי מוחל פונ'ם גאַנצען האַרצען. עס האָט אין איהם געבּרענט די רציחה, די אויגען זענען איהם פערלאָפען מיט בּלוט, אָנקוקענדיג מיך בּייז, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבּען פון זיין אָרט, געוואָרטשעט און איז אַוועקגעגאַנגען שטאַרק אין כּעס.

ווייבּער און מיידלעך פון דער שענער חאַליאַסטרע האָבּען זיך געפּאָרעט נעבּען דעם פייער, צוגעשטעלט טעפּלעך, געשאַרט, גערוקט, געבּאַקט קאַרטאָפלעס. אַ טייל בּחורים שטעהען־צו און שפּילען זיך מיט זיי אונטער, דערלאַנגען אַ זעץ, אַ קניפּ און זאָגענדיג דערבּיי





גלייכווערטלעך. די ווייבּער זענען קלאָפּפערשט בּייז, גרייט אויסצורייסען די אויגען, זידלען, שילטען און קייכען טאַקי בּאַלד פּאַר געלעכטער, לאָזען זיך חאַפּען ווי אַ הוהן פונ'ם האָהן, ווען ער וואַרפט אויף איהר אַ אויגעל מיט אַראָבּגעלאָזענע, צושפּרייטע פליגעל, און איז מקבּל בּאהבה דעם פּיק, וועלכען ער טהוט איהר אין קעפּיל.—ווידער אַ טייל זענען צוזייעט, צושפּרייט אין וואַלד. איינער ליגט מיט דעם רוקען אַרויף און חראָפּעט, דער אַנדערער לאַטעט עפּיס אַ קאַפּטאָן, יענער קראַצט זיך, טאַפּט און זוכט עפּיס מיט אַ שטאַרק ערענסט פּנים. נאָך עטליכע שלאָגען זיך, פּריווען, ווער וועמען וועט בּייקומען. עס קאָכט זיך, עס רעשט זיך, חבורה לעבּט!... מיין ווייב האַלט מיך פעסט מיט די הענד, גאָר איין גוף, איין נשמה, רעדט און רעדט פאַר פייער, פאַר וואַסער, זי קלאָגט זיך אויף איהר פינסטערען מזל, דערצעהלט איהר שווער בּיטער געמיטה, ווי אַזוי זי איז עס אַביסעל אָבּגעקומען און ווינשט נישט אַנדערש, איך זאָל זי פון דאַנען אַוועקפיהרען, לעבּען מיט איהר אינאיינעם, ווי גאָט האָט געבּאָטען, בּיז הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר. איך ענטפער איהר איין וואָרט אויפ'ן צעהנטען, עפּיס אָהן לשון, און זוך ווי פון איהרע הענד זיך אויסצודרעהען. אז איהר האָט זיך שוין אויסגעלאָזט רעד און מיר זענען שוין גענוג אויף איין אָרט זיך אָנגעזעסען, איז מיר לסוף געראָטען פון איהר זיך אויסצורייסען, אַביסעל פריי צו עטהמען. איך האָב בּאַלד אויסגעזוכט מיין האָרבּאַטע, און מיט איהר שטילערהייט אַוועק אַביסעל אין דער זייט. דער שמועס אונזערער האָט זיך אָנגעהויבּען דערמיט, אז ס'איז שטאַרק נישט פרעהליך. פון גט'ען זיך מיט מיינער איז גאָר נישט צו דענקען, זי וועט פערוואַרפען מיט'ן קאָפּ, נישט וועלען אפילו הערען. ווידער־זשע דאָ צו בּלייבּען בּיי דער גוטער כּנופיא איז אודאי נישט גוט. דאָס הייסט, פּשוט זיך פערקויפען דעם רוח, אויף דאָס ניי ווערען אַ בּער און טאַנצען אויף די לאַפּקעס. וואָס דען־זשע טהוט מען? אַ היבּשע צייט זענען מיר אַזוי געזעסען און אונזער שמועס האָט זיך אויסגעלאָזט דערמיט: אין בּרירה, מען בּעדאַרף מאַכען אַ פּליטה. און אַזוי ווי די חאַליאַסטרע האָט בּדעה דאָ צו נעכטיגען, איז פאַר אונז קיין בּעסערע צייט און קיין בּעסער אָרט נישט געווען ווי אָבּצוטאָן עס טאַקי די היינטיגע נאַכט. דאָ אין דעם וואַלד. ווי מיר זיצען און בּעטראַכטען גוט דעם פּלאַן, ווייזט זיך פונדערווייטענס דער ממזר מיט עפּיס אַ פּאָר פערד.—לאָמיר נישט וואַרטען—זאָגט מיין האָרבּאַטע—בּיז ער וועט צוקומען נעהענטער. עס

טויג נישט, ער זאָל אונז זעהן זיצענדיג אינאיינעם. בעסער לאָמיר בעצייטענס זיך צוגעהן.

זי געהט אַוועק אין איין זייט און איך אין דער אַנדערער.

דער ממזר איז עפּיס ווי שטאַרק בעשעפטיגט געווען, זיך אַלץ געסודעט מיט דעם אַלטעטשקען, וואָס איז געווען זיין גאַנצער פליגעל־אַדיוטאַנט. איך האָב אויסגעמידען מיט דעם ממזר זיך נאָהענט נייטט צו בעגעגענען און מיך געהאַלטען אַלץ בעזונדער. בשעת חברה האָט געאַרבייט, געשטיפּט, פערטראָגען געווען מיט זיך, איז צו מיר צוגעגאַנגען מיין האָרבאַטע, מיר איינגערוימט אין אויער, אַז איידער די זון וועט זיך זעצען, וויל דער ממזר זיך ריהרען מיט דער חאַליאַסטרע אין וועג אַריין. די פּאָר פערד, וועלכע ער האָט געבראַכט צופיהרען, זענען געגנבה'טע און ער איילט זיך, אַ פּנים, דעריבער אַוועק פון דאַנען. פון אונזער פריהערדיגען גאַנצען פּלאַן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איך בין געבליבען שטעהן אַבהענדיג, נישט צו וויסען וואָס מען טהוט. עס האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרצען, פּאַר גרויס פערדראָס, אַזוי אַז דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרעהט און מיך קוים געהאַלטען אויף די פיס. מיין האָרבאַטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, די אויגען האָבען איהר געברענט ווי פייער. דאָס פּנים האָט איהר געפלאַמט, און נאָכדעם אַז זי האָט אַ ווילע געטראַכט, זאָגט זי צו מיר מיט אַ ציטערדיג קול:

— פישקע! זאָלסט שפּעטער אַביסעל זיך געפינען אין דעם חורבה'לע, דאָרט אויפ'ן בוידעם. דו פאַרשטעהסט?...

— איך פאַרשטעה, פערשטעהט — רוף איך מיך אָן לעבעדיג, אונטערשפּרינגענדיג פאַר פרייד — און דו וועסט דערנאָך אַהין אונטערקומען?

— יאָ, שאַ! — מאַכט זי און טהוט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל אויף יאָ — למען־השם שטיל. דו הערסט?

מיט מיין ווייב האָב איך נישט געהאַלטען אַזוי פאַר נייטיג זיך צו געזעגענען. הגם ס'איז אויף איהר געווען אַ רחמנות, נאָר ווער איז איהר שולדיג? זי האָט געגעבען דעם ערשטען ריס און דער ריס צווישען אונז איז געוואָרען דערנאָך אַלץ גרעסער, גרעסער. פערפאַלען, וואָס האָב איך געקענט טאָן? אַז, נאָר אַ חוץ אַלע אַנדערע זאַכען, איז מיר אוממעגליך געווען מיט איהר אויף ווייטער זיך צו פערבינדען. אוממעגליך מיט איהר זיך צונויפגעהען ווי דער הימעל מיט דער ערד.





איך האָב, עס פאַרשטעהט זיך, פאַרגעסען דעם „זיי געזונט" און שטילערהייט זיך געלאָזט געהן צו דעם חורבה'לע.

מיט וואָס פאַר אַ האַרץ איך בין אין דעם חורבה'לע אַריינגעגאַנגען, איז גרינג צו פאַרשטעהן. נאָך אַזוי פיעל פּיין און געבראָטענע לייד האָט גאָט געוואָלט צונויפפיהרען מיך מיט דער האָרבאַטער אין איין וויסט קרעטשמעלע, וואָס דאָ האָט בעדאַרפט אויסגעשפּילט ווערען אונזער ביידענס גורל און פון אַצונד אָן אָנהויבען צו פיהרען אַ ניי לעבען. אַרויפקריכען אויפ'ן בוידעם איז מיר אָנגעקומען זעהר גרינג. וואָרום דאָס שטיבעל איז געווען נידעריג, מיט דער הינטערסטער וואַנד, וואָס אין הויז אַריין, אָנגעבויגען כמעט ביז צו דער ערד. די סטעליע איז געווען ערטערווייז. געלעכערט מיט גרויסע שפּאַלטען, אַזוי אַז מען האָט געקענט פונ'ם בוידים אַריינקוקען אינווייניג אין דעם שטיבעל אַריין. איך זיץ מיר אין אַ ווינקעלע און וואַרט. עס טיאָכקעט מיר דאָס האַרץ, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. איטליכע מינוט ציהט זיך מיר ווי אַ יאָהר. איך האָרך מיך־צו צו אַ מינדעסטען שאָרך. אַ מינדעסטע בעוועגונג פון אַ שטרויעלע ערגיץ, דאַכט זיך מיר טריט, זי געהט... אַ מינדסט בלאָזעלע פון אַ ווינטעלע, דאַכט זי מיר מיין נאָמען, זי רופט... פּלוצלים קומט מיר צו די אויערען פונ'ם שטיבעל אונטען עפּיס אַ קול. דער געדאַנק, אַז דאָס איז זי, אָט איז זי, באַלד, באַלד ווערען מיר אויסגעלייזט — האָט מיך צוקאָכט, געוואָרפען פון היץ אין קעלט. איך וויל מיך אָנרופען, פערהאַפּט מיר אָבער דער אָטהעם, עס דינט מיר נישט דאָס מויל. אין דער דאָזיגער הייסער רגע הער איך טאַקי גאַנץ שאַרף מיין נאָמען און די אויגען מיינע דערזעהען דורך אַ שפּאַלט — וועמען? אוי, דעם ממזר מיט דעם אַלטעטשקע!... זיי שמועסען צווישען זיך אַזוי:

— דו נעהם אויף דיר דיין שטיקעל סחורה — זאָגט דער ממזר — גיב אַכטונג, די בלינדע מכשפה'טע זאָל זיך נישט אויסגליטשען. פאַרשטעהסט?

— נישקשה! ענטפערט דער אַלטעטשקער — מיינס האָב איך שוין געטאָן, איך האָב נאָר מורא, זי זאָל נישט פּגר'ען. דער אַלטער סקראַב ליגט אַצונד ווי אַ טויטע און קען זיך נישט ריהרען, אַזוי האָב איך איהר געבראָכען די ביינער.

— און דעם הינקעדיגען פלאַסקעדריגע — פיהרט אויס דער ממזר — געהם איך אויף מיר. אָנקוקען קען איך נישט זיין פּרצוף־פּנים, אַזוי

פינט האָב איך איהם. איך וועל מיך מיט איהם אָברעכנען, נישקשה איך האָב נאָך מיט איהם אַלטע חשבונות.

ס'איז מיר ענטפאַלען דער מאַמעס מילך, הערענדיג אַזעלכע שרעקליכע ווערטער.

— ווי עס זעהט אויס — מאַכט דער אַלטעטשקער — זענען דיינע געלאַקחענטע סוסים יודישע. דאַרע, דערשלאָגענע, קאַלטענעוואַטע, מיט אויסגעקרימטע רוקענס, מיט דינע העלזלעך, גערגעלעך און מירידען, ווי אונזערע פאַראַפאַטשקעס, פיינע בריות.

—אָבפאַלען זאָל דיר די צונג, דו אַלטער סטורמאַק! — זידעלט זיך דער ממזר — געה בעסער, זוך, שמעק, כלב איינער, דאָ אין הויז, אויפ'ן בוידעם, טאָמער וועסט־דו „פאָציאַפען" עפּיס אַלטע בעלי־העגלה־שע זאכענישען, וואָס קענען אונז טויגען. פאָרט איז דאָך עס אַ מאָל געווען אַן אַיינפאָהרהויז, משטיינס־געזאָגט.

עס בעשלאָגען מיך אַנגסטען, מיר איז נישט גוט צום שטאַרבען. איין כ״ב ציטערט מיר שטאַרק און טהוט, נישט ווילענדיג, אַ זעץ אין דער סטעליע. די פּאָר שענע לייט פערדרייסען די אויגען אַרויף, שטעהענדיג אַ ווײלע פערגאַפט. דערנאָך לאָזען אַרויס ביידע אין איין קול:

—עפּיס שיט זיך פון דער סטעליע! מען בעדאַרף טאָן דאָרט אַקוק.

עס פערדרעהט מיר זיך דער קאָפּ. עס קלינגט מיר אין די אויערען, שווינדעלט אין די אויגען און איך שוועב עפּיס אין לופטען...

יאָ, טאַקי אין לופטען. אַ פּאָר אַייזערנע הענד טהוען מיך אַ חאַפּ און שליידערען מיך פונ'ם ביידעם אַראָב אויף דער ערד: איך דערהער, ווי מען מאַכט מיר אַ ברייטען „ברוך הבא", מיט דעם גאַנצען טיטול: סקאָציל קומט, ר' פּישעל! און דערזעה באַלד פאַר מיר דעם ממזר מיט אַ פנים, אַ שרעק אָנצוקוקען, עפּיס נאָר אַ פנים ווי ביי אַ קאַץ, בשעת זי קלייבט זיך צו דערשטיקען דאָס געחאַפּטע מייזיל. דעם אַלבעטשקעהאָב איך שוין נישט געזעהען. ער איז, אַ פנים, אַוועק, איבערלאָזענדיג מיך אויג אויף אויג מיט דעם ממזר.

—אַ נו, נפש'יל — מאַכט דער ממזר — זאָג ווידוי!... דאָס וואָס איך האָב בעדאַרפט טאָן דיר אַ מאָל, דאָרט אין קעלער, וועל איך עס דיר טאָן אַצונד. פייבושקע פאַרגעסט נישט, נישקשה

איך פאַל איהם צו די פיס. וויין, בעט מיך ביי איהם, ווי ביי אַ גזלן,





מיר צו שיינקען דאָס לעבען. עס העלפט נישט. ער נעהמט אַרויס אַ מעסער, האַלט עס מיר אַקעגען די אויגען, מיט גרויס הנאה צו־קוקענדיג, ווי איך צאַפּעל, פלאַטער. איך פרוב מיך אַיינשמועסען איהם מיט דעם גן־עדן, זאָג איהם צו עולם־הבא, אַ גאַנצע וועלט, שיינק איהם מיין חלק לעולם־הבא אויך, אַלצדינג וואָס נאָר מעגליך. ער שטשירעט אויס אויגען און שווייגט. איך הויב אָנ'עט צו שרעקען איהם מיט דעם גיהנם, מיט גאָטס משפט, דער אויבערשטער וועט איהם שטראָפען, זיך נוקם זיין פאַר אומשולדיג בלוט. ער פערבייסט די ליפען, טהוט אַ הויב אין דער הויך דאָס מעסער — און אין דער שרעקליכער רגע, וואָס אָט־אָט ליגט מיר דער הלף אויף דעם האַלז, טהוט עס איהם פלוצלים עפּיס אַ האַפּ פון הינטען, גאָר ניט מיט קיין מענשליך געשריי: ניין, ניין, ווערסט עס נישט טאָן! — ער ווערט שטאַרק פערמישט און קוקט זיך אין שרעקעניש אַרום.

דאָס האָט איהם אַ חאַפּ געטאָן דאָס האָרבאַטע מיידיל!

—חצופה, אַרויס! — דערלאַנגט דער ממזר אַ געשריי, באַלד ווי ער איז צו־זיך געקומען — אַרויס, חצופה! וואָרום...

—ניין, ניין, פון דאַנען געה איך נישט אַרויס! דער'הרג'עט זאָל איך דאָ ווערען איינאיינעם מיט איהם! — שרייט בעהאַרצט די האָרבאַטע און פאַלט דעם ממזר אויפ'ן האַלז, וויינט מיט ביטערע טרעהרען, גלעט איהם און חלש'ט פאַר איהם, ער זאָל מיך אָבלאָזען, זאָגט איהם צו דאָס אייביגע לעבען און אַ שטול אין גן־עדן. דער ממזר טהוט זי פון זיך אַ וואָרף ווי אַ מיאַטשיק, שילט, פלוכט אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אַז די רציחה איז איהם אַביסעל אָבגעגאַנגען, ווענדט ער זיך צו מיר מיט די ווערטער:

—עס טהוט מיר זעהר לייד, וואָס איך אַליין האָב דאָ דיך, מין טינופת'ל, נישט „גע'בעל־דבר'ט". נאָר אויב דיר האָט נעשפילט דאָס טרפה'נע מזל דיינס, איך זאָל דיך, פערשטונקען נפש'ל, נישט צו־קוועטשען ווי אַ פינה, דאָך איינגאַנצען טרוקען אַרויס פון מיינע הענד וועסט־דו נישט.

ער נעהמט אַ שטריק, מיט וועלכער ער איז געווען אַרומ־געגאַרטעלט, שטעלט זיך בינדעז מיר הענד און פיס, מאַכענדיג דערביי:

—ליג־זשע דאָ שטיל, הונד איינער, קיין פאַרע זאָל מען פון דיר נישט הערען! ליג ביז די פגירה דיינע וועט דאָ אויף דיר קומען.

נאר געדענק־זשע, פלאסקעדרינע, טאמער טרעפט זיך דיר א נס, עפּיס א כאפּעדייגע אין קבר וועט זיך פאר דיר מיהען, און געהסט פון דאנען א לעבעדיגער ארויס, זאלסט־דו זיך היטען, מיר פאר די אויגען זיך נישט צו ווייזען, ווארום באלד „פלומפעל״ איך דיך און מאך חיק...

אפגעטאן מיר מיין רעכט, נעהמט ער זיך צו דער הארבאטער, וועלכע האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד, געיאמערט, געקלאגט, קוקענדיג אויף מיר און זיך געריסען ביי די האר.

—א, דו חצופה איינע!—בייזערט זיך דער ממזר, א שטופ געבענדיג זי, נעבעך, מיט׳ן פוס—איך וויס, נישקשה, פארשטעה אלצדינג. דאס איז געווען א אפגערעדטע זאך—א חתונה אהן כלי־זמר, דא אויפ׳ן בוידעם... א שען מיידעלע, נישקשה, און פאר מיר גיט זי זיך אויס פאר א רביצין. פון היינט אן וועסט־דו שוין ביי מיר וויסען, חצופה איינע!

ער טהוט זי א חאפּ אין די הענד און אומקעהרענדיג זיך צו מיר מיט א זאג: שא, הונט, געדענק מיינע ווערטער! ווערט ער מיט איהר געשווינד אנטרונען.

אין גיהנם קען מען אזוי פיעל יסורים נישט ליידען, וויפיעל איך האב איבערגעליטען. איך בין געווען נישט אין גיהנם, נאר דער גיהנם אין מיר. עס האט אין מיר געקאכט, געברענט א העל׳יש פייער. די האר זענען מיר געשטאנען קאפויר. עפּיס האב איך געפיהלט, ווי עטעכען מיך ווי שפילקעס און דא טאהר מען נאך נישט הויך וויינען, נישט כאן קיין פּיפּס.

שפעטער אביסעל האבען מיר אין די אויערען זיך פערטראגען קולות: א סקריפּ פון רעדער, א ליארעם, א געשריי פון מענשען, דאס בעטייט, חברה האט זיך געריהרט. די חאליאסטרע האט זיך געלאזט אין וועג אריין און מיט דעם פעקיל לייט—מיין הארץ, מיין גוטע, בידנע, אומגליקליכע הארבאטע, נעבעך....

א היבשע לאנגע צייט בין איך געלעגען ווי א שטומע שאף, געבונדען אויף אלע פיער, מיט אויגען ווי די באנקעס פון הייסע טרעה־רען. די שטריק האט מיר זיך איינגעשניטען אין לייב אריין און ביי א מינדסט ריהרעלע מיך געשניטען ווי א מעסער. עס האט מיך דערצו נאך געברענט א טרונק, אט, האב איך געמיינט, עקט מיר זיך דאס לעבען. פאר גרויס וועהטאג האב איך דערנאך אנגעהויבען שרייען.





סאמער וועט עמיצער דערהערען. די חאליאסטרע האט, נאך מיין רעכנונג, שוין געמוזט איינפאהרען גאנץ ווייט. איך שריי, אבער אומזיסט, שריי צו דער וואנד. עס טריקענט מיר אין האלז, עס בעשלאגען מיך אנגסטען. דאס שרייען קומט מיר שוין אן שווער, איך מוז צווישען אפּרוהען, די לאנגע מיינע ווערט וואס ווייטער ערגער. נישטא שוין קיין כוח צו שרייען. די נשמה הייגנט מיר אויפ׳ן שפּיץ נאז, דער מלאך־המות, פיהל איך, איז נאך איהר ניזקומען, מען בעדארף שטארבען, יונגערהייט פון דער וועלט געהן. איך טהו מיר אן א כוח, נעהם זיך צונויף מיט אלע מיינע קרעפטען און טראכט, לאמיך חאטש טאן דאס לעצטע געשריי—לאז הילכען די תקיעה גדולה פון מיין אומגליקליך לעבען...

נאר גאט אבער האט אייך, ר׳ אלטער, געבראכט! איהר זיינט מיר ביינעשטאנען אין דער נויט און מיך דערהאלטען ביים לעבען.

---

## ה

אז פישקע האט געענדיגט זיין אומעטיגע מעשה, איז צוגע־אלען די נאכט און אונזערע פערדלעך האבען זיך פארשלעפּט צום גרינעם בארג, וואס פאר גלופּסק.

דער גלופּסקער גרינער בארג איז בעקאנט כמעט דער גאנצער וועלט. נאך פון גאנץ אלטע צייטען טראגט זיך וועגען איהם ארום צווישען דעם עולם א לידעל, וואס קינד און קייט קענען עס, וואס אלע מאמעס און אמען נעהמען דערמיט איין און פערוויגען ברעקעלעך קינדער. מיין מאמע, זאל האבען א ליכטיגען גן־עדן, פלעגט מיר קינדווייז אויך אלץ זינגען דאס לידעל:

אויף דעם גרינעם בארג,
אויף דעם הויכען גראז,

שטעהען אַ פּאָר דייטשען
מיט די לאַנגע בייטשען,
הויכע מאַנען זענען זיי,
קורצע קליידער טראָגען זיי,
אָבינו מלך״........

דאָס לידעל פלעגט מיר זעהר געפעלען, פיעל בעסער פון אלע לידלעך. עפּיס איז מיר דער גרינער באַרג אַזוי וואונדער=שען פירגעקומען אין מיין קינדערש קעפּיל! עס האָט מיר זיך געדאַכט, ער איז נישט גלאַט גראָב פון ערד, ווי די פּראָסטע בערגלעך אַרום מיין שטעדטיל. ניין! ער איז עפּיס, ווי זאָגט מען עס, גאָר בצפיחית... ווי דער הר הזיתים, דער באַרג לבנון, פון ארץ=ישראל=ערד.—און די דייטשען דאָרט, זיי זענען מיר פירגעקומען עפּיס גאָר משונה ווילד, איך בעט זיי מחילה, עפּיס אַזעלכע מיני בעשעפעניש, מיני בהמות אַזעלכע, אָקסען, שור=הבר׳ן. זיי שמייסען מיט די לאַנגע בייטשען און לאָזען צו גלופּסק נישט צוטרעטען, ווי דער סמבטיון צו די רויטע יודעלעך. אַריין אין גלופּסק מוז מען חאַפּען אַ שמיץ. און אַלע דאָרט האָבען אַ פּנים פון אָבגעשמיסענע... שפּעטער, אַז איך בין אַרויס פון די קינדערשע שיכלעך און אויסגעוועהן אַ וועלט, אין גלופּסק אויך, האָב איך שוין געזעהען אַלצדינג מיט אַנדערע אויגען און פערשטאַנען, ווי עס געהער צו זיין דעם פּשט פון׳ם לידעל. דער גרינער באַרג איז פּשוט טאַקי אַ באַרג, נישט אַזוי גרין ווי בלאָטיג, זעהר גריבערדיג. און די דייטשען, הויכע מאַנען דאָרט, זענען געזאָגט געוואָרען אַקעגען יענע מאַנען מיט לאַנגע הענד און קלעפּיגע פינגער, וואָס לקח׳ענען און שניידען אָב קלימקעס. געוועהנטליך איז דער שטייגער, דאָס ערשטע מאָל אַריינצופאָהרען קיין גלופּסק אָהן אַ קלימעק. דערנאָך אַז מען איז שוין גוט אָנגעלערענט, לאָזט עס עטליכע ווערסט פאַר גלופּסק עפּיס נישט רוהען. די אויגען חאַפּען, ווי פון זיך אַליין, אַ קוק הינטער׳ן בײַדיל, די הענד—אַ כאַפּ דאָס קלימעקיל, די בוזעמקעשענע, צו=שפּילנדיג די קאַפּאָטע אויף אַלע קנעפּלעך. איך בין אויסען דערמיט, אַז דער=גרייכענדיג דעם גרינעם באַרג האָבען אַלע אונזערע אברים, די נאָז אויך, געפיהלט פון דערווייטענס גלופּסק. און ערשט שפּעטער אַ ווײַלע, אַז מיר האָבען אין אַלע זייטען זיך גוט אַרומגעקוקט, אַ טאַפּ געטאָן אין וואָגען, האָב איך מיך דערמאָנט אין פּישקען, און געזעהען ווי ער זיצט, געבעך, פערזאומערט, שטאַרק בעטריבט.





איך נעהם מיך טרייסטען פּישקען, שטאַרקען איהם מיט גוטע רייד, מאַכענדיג זיך דערביי קלאָמפּערשט פרעהליך, און לאָז אויס מיינע טרייסט=ווערטער מיט דער אַנדערער העלפט פון׳ם פריהערדיגען בעקאַנטען לידעל:

„אָבינו מלך—
דאָס האַרץ איז מיר פרעהליך,
פרעהליך וועלען מיר זיין,
טרינקען וועלען מיר וויין,
קרעפּלעך וועלען מיר עסען—
און אונזער ליבען גאָט
קיינמאָל ניט פאַרגעסען.״

זאָרג נישט, פּישקע! אונזער ליבען גאָט בעדאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסען. ער קען העלפען.

—איך פרעג אייך נישט מעהר, ר׳ מענדעלי! — מאַכט פּישקע מיט אַ ביטער געמיטה—צו וואָס האָט עס גאָט בעדאַרפט מיך מיט איהר ווידער צונויפפיהרען, בכדי באַלד טאַקי אונז צושיידען? עס זאָל אונז פלוצלים אַ שיין טאָן דאָס מזל, בכדי באַלד טאַקי זאָל אונז נאָך ערגער פינסטער ווערען אין די אויגען?... ס׳איז עפּיס נאָר ווי אַ צו להכעיס! און געוואַלד, רבונו של עולם, אַקעגען וועמען, אַקעגען צוויי אומגליקליכע, ביטערע קאַליעקעס, וואָס איידער אַזאַ וויסט לעבען אין יסורים, אין וועהטאָג, וואָלט פאַר זיי פיעל גלייכער געוועזען גאָר ניט געבוירען צו ווערען!...

איך מאַך אַ פרום פּנים׳יל און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ זאָג איך: טע=טע=טיין! וואָס האָט אַזוי פיעל געהייסען: מען טאָהר נישט רעדען אַזוינס!... געזאָגט האָב איך עס, נישט ווייל דאָס איז ביי מיר געווען אַ גוטער ענטפער אויף דער קשיא, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דער שטייגער אין דער וועלט איז שוין אַזוי, אַז איינער פרעגט פאַר צרות שטאַרקע קשיות, מוז דער אַנדערער זאָגען מוסר, אָבשלאָגען איהם חאָטש מיט טע=טע=טיי. אָבזאָגענדיג דעם מוסר, פון יוצא וועגען, עפען איך באַלד אַ מויל און רעד ווערטער פּשוט ווי אַ מענש, אַזוי:

—זאָג נאָר, פּישקע, ווי דאָס מיידעל הייסט? ביז אַהער האָסט=דו זי צלץ גערופען די האָרבאַטע, מיין האָרבאַטע, אַצונד וויל איך וויסען ווי זי הייסט.

—אַקעגען וואָס, ר׳ מענדעלי?—רופט זיך אָן פּישקע, אָנקוקענדיג

מיך פערוואונדערט—אקעגען וואס, איך בעט אייך, ווילט איהר עס אזוי וויסען? צו וואס אומזיסט אויסגעבען א מיידילס נאמען?

—פארשטעהסט-דו, גארעלע—ענטפער איך—דאס קען א מאל צוניץ קומען. אויף מיינע נסיעות קען זיך מאכען, איך זאל עפּיס נאשמעקען, אויספארשען. לאמיך וויסען איהר נאמען. נישקשה! זעהר מעגליך, דו פארשטעהסט? אז דיין שאדען זאל זיך נאך אויפזוכען. איך זאל זיין דער שליח.

—ב ײ ל ע הייסט זי—חאפּט זיך פישקע זאגען מיט א קול—זי הייסט ביילע!

פלוצלים הערט זיך עפּיס א שטארקער קרעכץ מיט א קלאפּ, ווי עס האט זיך עפּיס אבגעריסען. איך קוק מיך דערשראקען אום און דערזעה: מיין אלטער ליגט אויסגעצויגען אויפ'ן וואגען, זיפצט און איז בלייך ווי די וואנד.

— וואס איז אייך, ר' אלטער?—טהו איך איהם א פרעג—איהר ווילט אפשר נעהמען אביסעל בראנפען?—אייך איז נישט גוט?

בע!...—ענטפערט אלטער, שטארקט זיך און זעצט זיך ווידער אויף.

— זאג מיר פישקע! — הויב איך ווייטער אן, נאכדעם אז איך האב מיך בערוהיגט וועגען אלטער'ן — ווייסט-דו נישט, ווי די מאמע איהרע האט געהייסען און פון וואנען זי איז?

— יא, — ענטפערט פישקע — מיין הארבאטע האט מיר דערצעהלט, אז איהר מאמע פלעגט מען רופען ע ל ק ע. זי געדענקט, ווי דורכ'ן שלאף, אז די מאמע האט זיך גע'גט מיט איהר מאן אין ט ו נ ע י א ד ע ו ו ק ע. זי פלעגט עס זעהר אפט דערמאנען און אויסלאזען איהר שווער, ביטער הארץ צו איהר וויסט טעהטעריל, נעבעך.

—מיט איהר מאן אין טונעיאדעווקע!—מאך איך פערוואונדערט—ווער זאל דאס דארט זיין איהר מאן, דער רשע-מרושע מיט א שטיינערן הארץ, וואס האט דערוויטערט זיין קינד, זי געמאכט אזוי אומגליקליך? הא, טאמער ווייסט איהר, ר' אלטער, ווי אזוי זאל ער דארט ביי אייך אין שטעדטיל הייסען?

אלטער איז געזעסען ווי א טויטער, אויסגעגלאצט א פאר אויגען. עקוקט עפּיס משונה ווילד מיט א אפען מויל, אזוי אז ס'איז מיר נפאלען דאס געזונט.

ער האט געהייסען...— רייבט פישקע דעם שטערען און





זיל זיך דערמאנען דעם נאמען—ער האט, הנט, דאכט זיך, געהייסען... ווארט אביסעל.

— אלטער הייסט ער!... — טהוט אלטער א געשריי און פאלט אנידער אויפ'ן וואגען.

— יא, טאקי אזוי, אזוי! — זאגט פישקע קוקענדיג אויף אלטער'ן, נישט אנהויבענדיג צו פארשטעהן, וואס זיין געשריי בעטייט — דאכט זיך נאך, עפּיס אויך א צונעהמעניש, יקנה"ז, די מאמע פלעגט ביים טעכטעריל שטיקער פלייש אויסרייסען, רופען זי דערביי יקנה-זיבע, יקנה'ס טעכטעריל, ווען זי פלעגט האבען גרויסע צרות, ווען מען האט זי אבגעשאפּט פונ'ם אָרט.

איך אבער האב מיך שוין אנגעשטויסען, וואס די גאנצע מעשה בעטייט און בין געבליבען עפּיס ווי מען גיסט איינעם אב מיט א אקראפּ.

אלטער חליפּעס און שלאגט זיך מיט דעם קולאק אין הארצען, מטכענדיג דערביי:

— אמנם חטאתי! איך האב איהר פערוויסט דאס לעבען. די גרבּקה, איז טאקי געדעכט:

"דער טאטע האט זי געקוילעט"...

א שטראף פון גאט איז דערפאר פון א צייט אויף מיר אנגעשיקט געוואָרען. וואוהין איך קעהר מיך און ווענד מיך, געהט עס מיר נאר שלים-שלימזול...

איך הויב אן פאר רחמנות צו טרייסטען מיין אלטער'ן, רעד איהם אויס דאס הארץ און פארגלעט אביסעל זיינע זינד: ער איז דאך נישט מעהר ווי בשר-ודם, פלייש און בלוט. דער יצר-הרע איז ביי אונז, זינדיגע מענשען, זעהר גרויס, גאנץ גרויסע צ ד י ק י ם אפילו זענען אין אזעלכע זאכען... געחאפּט און קענען אין דעם ענין פון חתונה האבען מיט דעם יצר-הרע גאר נישט מאכען. זעהר פיעל פון אונזערע עלטערן, צדיקים, זענען געווען לאפּענמיצלעך, געלעגען אונטער דעם ווייבס פאנטאפעל, געבאן איהר ווילען און צוטריבען אפילו אייגענע קינדער פון א אנדער ווייב, אויב נאר זי האט געהייסען...

פישקען זעהט די גאנצע זאך אויס עפּיס משונה. ער זיצט פערוואונדערט מיט א פאר אויסגעשטעלטע אויגען, קוקט ווילד עפּיס אויף אלטער'ן, אויף מיך און ווייסט נישט וואס צוטאן.

דערווייל ווערט שטאק-נאכט. די שטערען פונקלען, ווינקען צו

אונז פונ'ם הימעל מיט זייערע שיינענדיגע ליכטיגע פנימ'לעך, גלייך ווי זיי מישען זיך אריין אין אונזער שמועס, ווילען עפּיס זאָגען. און ביים עק הימעל הויבט אָן, ווי פון דער ערד, ארויסצוגעהן א גרויסע לבנה, רויט ווי פייער. דאכט זיך, זי קוקט גלייך נאָר אויף אונז. אלע דאָרט אויבען קו־קען, דאכט זיך, ווילען זעהן דעם שפּיץ, מיט וואָס די דאָזיגע מעשה וועט זיך אויסלאָזען... מיין אלטער זעצט זיך געשווינד אויף, הייבט אויף זיינע אויגען צום הימעל און רעדט מיט הארץ:

— איך שווער ביי דעם, וואָס לעבט אייביג, אז איך וועל נישט קומען א היים צום ווייב און קינדער, נישט התונה מאכען מיין בתולה ביז איך זוך נישט אויף מיין פערוואָגעלט קינד! הימעל און ערד זענען ערות! איך פאָהר טאָקי באלד און ווער, ווער דאָרט ד ע ם, וואָס וועט מיר זיך אקעגען שטעלען...

פישקע פאלט א־רויף אלטער'ן אויפ'ן הארצען, האלזט איהם, קושט א היבשע ווילע אָהן ווערטער, און איז שטאַרק צומישט. דערנאָך שיסט ער אוים אויף א וויינענדיג קול מיט א געבעט:

— געוואלד ראטעוועט, ראטעוועט זי!..

מיין אלטער שפּרינגט געשווינד אראָב אויף דער ערד, קריכט א־רויף צו זיך אויפ'ן וואָגען, און געזעגענענדיג זיך מיט אונז פונדערווייטענס, דרעהט ער אוים דעם דישעל, טהוט א שמיץ די שקאַפּע און פאָהרט זיין וועגס. איך מיט פישקען קוקען מיר איהם א היבשע צייט פון הינטען נאָך, נישט צו רעדען קיין וואָרט. דערנאָך גיב איך א בליק צום הימעל, ווי לבנה און שטערען געהען ויך זייער גאנג, נאָר נישט דאס פּנים, וואָס פריהער, שטאַרק הויך, האָפּע־דיג, ווייט, ווייט פון אונז, מענשעלעך. עס הערט עפּיס אומעטיג, נישט פרעהליך אויפ'ן הארצען...

איך טהו א שמיץ מיין אָדלער, ער זאָל מוחל זיין זיך שלעפּען א ביסעל גיכער—און שפּעטלעך בייגאכט פאָהרט מיין בידיל איבער די גריבערדיגע גאסען פון גלופּסק, מיט א קלאַפּעריי, א געשריי, אָנזאָגענדיג דעם עולם: הנה זיט ויסען, נאָך צוויי פרישע יודען זענען אָנגעקומען קיין גלופּסק!...